STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05664

INEYNEM

Permanent preservation of this book was made possible
by Harry & Judith Rudman
in memory of
Irving Anker

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אינאַיינעם

זאַמלבוך

1

אַרגענטינער אָפּטייל פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס

בוענאָס-איירעס

1949 ה'תש"ט

INEINEM
ESCRITOS
Buenos Aires, 1949

Copyright 1949 by
Confederación pro Cultura Judía, Viamonte 2296, Bs. Aires, Rep. Argentina

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

אינאיינעם.

דאָס בוך פון אונדזער שעפערישער געמיינזאמקייט — פאר אייך, פון נאָענט און פון ווייט — ביים ראנד פון גרויסן בראָך און ביים שוועל פון אונדזער אויפגייענדיקן בטחון אין ישראל און אומעטום, פאר פולן יידישן לעבן, פאר קיום פון אונדזער פאָלק.

אינאיינעם.

מיר ווילן, אז דער נאָמען „אינאיינעם", וואָס אונדזער זאמלבוך טראָגט, זאָל זיין א ריכטשנור אין אונדזער ליטעראַרישער שעפערישקייט: רייפן זיך באזונדער, באווירקט קעגנזייטיק, פארן לעבן אינאיינעם.

א

לידער
און
פּאָעמעס

משה קויפמאַן
משה דוד גיסער
יצחק בלומשטיין
אַ. י. זאַקוסקי
שרה בירנבוים
פּיניע פּאַלאַטניק

משה קויפמאַן

בוענאָס־איירעס

ליד פון מיין יידישן דור

דער טאָג גייט אויף און די זון, אַ פולע,
איבער ערד, דער בלוטנדיקער, גרויס און רונד —
אין מײַן אויסגאַנגלאָזן דאַרשט נאָך גאולה
ווערט לאַנגזאַם פאַרצויגן אפילו די טיפסטע ווונד.

די ווונד פון דעם, וואָס האָט דעם טויט געמיטן,
קאָן צעברעכן דאָס שטאַרקסטע געמיט —
נאָר ווען אַפילו איך ליג אונטער דער ערד פאַרשניטן,
וואָלט איך פאַרנומען דעם אָפקלאַנג פון גואלס טריט.

איך עפן דאָס ליד פון טויט און גאולה
און דאָס הארץ צעפּראַל איך מיט וויי און פרייד,
ווײַל ווייטיק און פרייד, ווי אַ פּאָר טויבן דולע,
וואָרקען אין מײַן בלוט פאַרשטיקטערהייט.

— א —

מײַן שטוב איז אײַנגעהילט אין נאַכט,
איך זיץ בײַם שײַן פון טיש־לאָמפּ מאַטן —
כ׳דערוואַרט שוין גאָרנישט און איך טראַכט:
— ווען איך ווייס כאָטש דעם יאָרצײַט נאָך מײַן טאַטן...

אויף צו ווערט זײַן די פרייד, וואָס מיר זײַנען געבליבן לעבן,
דאַרפן מיר דאָך הייליקן אונדזער קיום, אָט־דעם ווייטיקלעכן נס;
מיר, וואָס האָבן נישט זוכה־געווען אונדזער נפש צו געבן,
פילן זיך אין אונדזער וואָכעדיקײַט ווי אַ לעבעדיקער מת.

ווײַל דאָס פײַער, וואָס האָט פאַרצערט אונדזערע הייליקע ברידער,
און דאָס רכוש, וואָס איז פאַרלענדט געוואָרן אונטערן שונאס שווערד,
מוז דאָך אויפגיין אין אונדז מיט לעבן ווידער,
אויב מיר זײַנען טאַקע ווערט צו טרעטן אויף דער ערד.

אַזאַ טרויעריקער זכות איז אונדז געגעבן,
און מיר מוזן עס אויפנעמען מיט פאַרקלעמטע ציין —
אַז אויפגיין זאָל פון אונדז דאָס הייליקע לעבן
און ייִדיש זאָל עס געדײַען פון אונדזער מאַרך און ביין.

מיר ווייסן נישט דעם יאָרצײַט נאָך אונדזער טאַטע־מאַמע,
איז גרענעצלאָז אונדזער ווייטיק און צער און קלעם;
נאָר אַזוי ווי מען קאָן נישט אויסשעפּן קיין טײַכן און ימען,
אַזוי זאָל אויך נישט אויסגעמעקט זײַן אונדזער הייליקער שם.

זאָל יעדער איינער פון אונדז זײַן זייער יאָרצײַט אייביק,
ווערן זאָלן מיר זייער ברענענדיקע זכרון־ליכט,
און עס טראָגן האָפענונגפול, און העל, און גלייביק,
אויף אונדזער טיף־ייִדישן, סעמיטישן געזיכט.

לאָמיר פאַלן כורעים פאַר זייער אָנדענק, וואָס איז הייליק, הייליק,
זאָל אויפגיין זייער גזע צום רוצחס שאַנד —
אַזוי ווי די שטערן אויפן הימל אומצייליק,
אַזוי ווי די זאַמדן געדיכט בײַ דעם ימישן ראַנד.

— ב —

דער קלאַפּ געווען איז פּחדימדיק און שווער,
געבליבן פון אַ פאָלק איז באַרג מיט אַש און קברים —
אין בראָך מיר שוואַנגערן מיט נײַעם ווּקס און מער,
די גבורה אונדזערע פון שוואַכקײַט ווערט געבאָרן.

פון אורוואַלד האָט דערוואַכט דער מענטשנפרעסער, דער גערמאַן,
וואַנדאַל, דער עקלהאַפטער גען פון בלוטדאָרשטיקע ריזן,
און אונדזער בלוט געזאַפט, ווי אויפגעדרייטער קראַן,
דעם לעצטן טראָפּן ראַטעווען מיר האָבן קוים באַוויזן.

פאַרשניטן האָט מען אַלע אונדזערע נאָנטע,
געקומען איז נישט קײַן שום גרוס פון דאָרט,
פון אַלע יוגנט־פרײַנד און קרובים און באַקאַנטע
איז נישט דערגאַן צומאָל קײַן רמז נישט, קײַן וואָרט.

פון זייער לעצטן צאַפּל, טויטן נישט געאַנטע,
אין אונדזער צער מיר קאָנען נישט געפינען זיך קײַן אָרט,
מיר ווידערהאָלן נעמען ציטערדיק־דערמאָנטע,
וואָס האָבן נישט צומאָל קײַן קבר אויפן הייליק אָרט;

און הערנדיק די ווערטער אַלע, בלאָס־באַטאָנטע,
מיר שעלטן אונדזער גורל, וואָס האָט אונדז פאַרשפּאָרט
דאָס לעבן, און געלייגט אויף אונדז די ביטערע פליכט,
צו זײַן דער שומר פון לעצטן ביסל ייִדישן ליכט.

— ג —

מיר זײַנען קליין און נישט דערוואַקסן און נישט ראוי
צו זײַן די קלאָגער איבער אונדזער שטאַם —
ווי קאָן אַ צווײַג פון זון־שטראַל האָבן הנאה,
ווען בוים און וואָרצל האָט פאַרצערט דער פלאַם.

מיר וואָלטן ליבערשט אייביק אויסגעשוויגן
דעם עלנט וואָס דערפרירט מיט ווינטערדיקער קעלט —
ווי נביא יונה אײַנגעשלונגען און אַרויסגעשפּיגן
מיר זײַנען אין דער גרויסער און אכזריותדיקער וועלט.

דער נביא יונה איז אונדז נאָך פֿון יינגלווײַז באַקאַנט,
גיט איינער האָט פֿון אונדז אין חדר איבער אים אַ טרער פֿאַרגאָסן —
אין אים האָט זיך דער אויבערשטער דערמאָנט,
אַפילו אין די אינגעווייד פֿונעם לויתן.

מיט אונדז האָט זיך אַפילו גאָט אַליין געררייצט,
קײַן לאַנד האָט נישט געטון קײַן קלאַפּ אַ פינגער אין אַ פינגער,
ווען נאַצי-גזלן האָט די קאַלך-אויוונס געהייצט,
ווען ס'איז אַ גאַנצער שטאָט אַוועק מיט רויך און פֿײַער-צינגער.

עס שטעלט פֿאַרן בליק ס'יסורימדיק געשטאַלט
פֿון אַלטן, טרויעריקן פֿאָטער איוב —
דער יאָמער בײַסט זיך אײַן אין אונדז פֿאַרביסן-קאַלט;
דער בראָך האָט זיך געשפּרייט פֿון לעמבערג ביזקל קיִעוו.

ער האָט נישט אויסגעמיטן גרויס און קליין,
ער האָט דעם צדיק און דעם רשע נישט געמיטן —
ווי קאָן מען בלײַבן אויף אַ גרויסער וועלט אַליין,
ווען ס'איז דײַן שטאָם ביז וואָרצל אָפּגעשניטן?

ווי קאָן מען ווײַטער ציען וואָך נאָך וואָך,
ווי קאָן מען פֿרייען זיך, און ראַנגלען זיך, און שטרעבן?
ווי קאָן מען איבערלעבן אַזאַ גרויסן בראָך?
— צי מעג מען גאָר אַזעלכעס איבערלעבן?..

— ד —

מאַך צו דײַנע מידע אויגן,
לאָז אַראָפּ דײַנע אָפּהענטיקע הענט —

פאַל כורעים און, טיף געבויגן,
זע דײַן באָדן ביז אַש פאַרברענט.

זע די לאַנקעס אַרום דײַן שטאָט,
זע דעם טײַך און דעם וואַלד סאָסנאָוון,
און פאַרנעם דעם דורותדיקן, לאַנגן טראָט
פון דײַנע זאַפטיקע, קערנדיקע אָבות.

דערשפּיר דעם ריח פון דײַן מאַמע־ערד,
דערפיל די וואָרצלען טיף אין באָדן,
און דעראָן אויך דעם שימער פון דער שווערד,
און דאָס בלוט וואָס האָט אויף שטאָל געזאָדן.

זע דעם שטראַל פון אַ לעצטן פאַרנאַכט,
די שקיעה פלאַמיק־רויט און צעצונדן —
און זע די קדושים אומגעבראַכט,
ווי די ערד רויטלט זיך פון בלוטנדיקע ווונדן.

ווײַסן שניי זע און שוואַרצן ראָב,
פון פלאַמען אָפּגעלעקטער באָדן,
און דאָס דורותדיקע גוטס און האָב
אויף רוצחים־וועגענער געלאָדן:

דאָס אָפּגעהיטענע פּסח־געשיר,
וואָס וואַרט פרום אויפן ערשטן סדר;
אַ הונדערט־יאָריק־געשניצטע אָרון־קודש־טיר
און פאַרבלוטיקטע, ווײַסע חופּה־קליידער.

זע דײַן ברודער דעם פאַרטיזאַן,
פאַרגראָבן אין די טיפע וועלדער,
און דעם שונאס אויפגעריסענע באַן
מיט צעשטיקלטע רוצחים אויף די פעלדער.

און די גבורה זע פון דײַן שטאַם,
ווי טויט מיט לעבן פעכטן מוטיק,

און זע אויך דעם אַלטן, הייליקן פֿלאַם
פֿון דאָרנבוש אין מיטן מדבר בלוטיק.

ער ברענט מיט אויסגעשטרעקטע הענט,
ער ברענט אין די שטײַפֿע תּליה־צינגער;
ער טליִעט בײַ אונדזערע חרובֿע ווענט
און אין די אָפּגעהאַקטע קעפּ און פֿינגער.

ער ברענט, ווו פֿאַרניכטער ריכט זיך ניט,
ווו אַלץ זעט אויס ביזן סוף פֿאַרלאָשן;
ער פֿלאַקערט אינעם לעצטן ייִדנס טריט,
אין אונדזער הייליקן ייִדיש־לשון.

ער פֿלאַקערט ביזן סוף פֿון די טעג,
ער פֿלאַקערט טיף־פֿאַרטרויט און גלויביק —
איבערן גאַנצן אומענדלעכן וועג
פֿון אונדזער לעבן, קוואַר און שטויביק.

ער טליִעט פֿון אַ חרובֿער שוועל,
ער שפּראָצט פֿון אויסגעפּליקטן באָדן,
ער בליט אַרויס פֿון בראָך און תּל
מיט נײַע פּירות אָנגעלאָדן.

אויך אונדז באַגלייט ער אין דער וויסטער פֿרעמד
און איז אונדז אין דעם בראָך מנחם־אָבל —
ער שיצט אונדז ווי אַ מאַמעשע שבת־העמד,
דאָ, אין אונדזער שטייניקן, וויסטן בבל.

— ה —

די שטאָט איז אויפֿגערוימט. און גאַס נאָך גאַס
עס שטראָמען מונטערע און יונגע מענטשן —
ווי טיף עס איז דײַן צער, פֿאַרשטוים דעם סם פֿון האַס,
און עפֿן אויף דײַן האַרץ פֿאַר ליבשאַפֿט און פֿאַר בענטשונג!

ווי גוט איז, וואָס איין דור איז תמיד יונג,
וואָס תמיד שפּאַנען צוואַנציקיאָריקע אויף טראָטוואַרן —
נישט לאָז אַרויף קיין לעסטער אויף דיין צונג,
כאָטש איבער אונדז האָבן זיך אויסגעגאָסן אַלע גזרן.

ווייל פאָלק איז קיינמאָל קליין, אַ פאָלק איז וווקס און בלי,
און דורות קייטלען זיך מיט יונגע זין און טעכטער;
אין לשון פון אַ פאָלק יערט נייער זאַפט און ברי —
נישט דרימלען און נישט שלאָפן וועט ישראלס וועכטער.

פאַרוואָר מיר וועלן אויפקומען צוריק ביים ווייסל-ראַנד,
שטאַרקן וועלן מיר זיך דאָרט און מערן,
צאָלרייך ווי ביים ברעג פון ים דער זאַמד,
און אומציילעך ווי די פינקלדיקע שטערן.

נישט זיך שאַרן ביי די חרובדיקע ווענט,
קלאָגן אַז מיר זיינען קליין און שוואַך געבליבן;
פונק ווערט פייער, און צעטליעט זיך, און ברענט —
אין דער אייביקייט איז אונדזער שם מיט בלוט פאַרשריבן.

ווייל אין מינדסטן אבר יידישן, אין יעדער גליד,
שלאָגט אַ פונק פונעם בעל-שם און בראַסלאַווער און ווילנער גאון —
ווי אברהם אבינו וועט דער לעצטער ייד
לעבעדיק אַרויס פון קאַלך-אויוונס נסיון.

און פאַריתומט ווי מיר זיינען, און פאַרוויסט,
ווי מיר האָבן שוין דעם טויט דאָס בעסטע אָפּגעגעבן —
אונדזער קיום אין אַ וועלט פון רויב און בלוט און מיסט,
איז געהייליקט מיט דער קדושה פון אַן אָפּגעברענטן לעבן.

שוואַכערהייט ברענט אויסלייז-טרוים אויף אונדזער ליפּ,
נאָר אין זכות פון דעם האָט אונדזער זיין אַ זינען;
ווי דאָס לעבן אונדזערס איז צעלעכערט, ווי אַ זיפּ,
ווערט בטחון יידישער פון דאָרט נישט אויסגערינען.

אזא זכות איז אונדזער קיום אויף דער וועלט,
קיין שום ברירה, קיין שום אויסגאנג האט קיין פעולה —
אין א דרויסן ווינטיקן, אין רעגן און אין קעלט
שפאנען מיטן טרוים צעפלאקערט פון גאולה.

— ו —

פארלארן איז פאר אונדז די גרויסע פרייד
און דאס ליכט פון אויג איז פארלאשן —
דער טויט האט אונדז איינגעשלונגען גאנצערהייט,
דער שטורעם-ווינט האט אונדזער לעבן געדראשן.

דער קאלך-אויוון האט פארצערט די גאנצע עדה,
דער ברוינער נמרוד האט עס צו אונדז געטאן —
אברהם אבינוס נישט אויסגעפירטע עקידה
איז צו שטאנד געקומען איבער אונדזערע זעקס מיליאן.

דער הימל — זאגט זיך ערגעץ — איז פאר גאט
און די ערד איז צו די מענטשן-קינדער אפגעגעבן,
דער מענטש זאל גרונדפעסטיקן דאס הייליקע געבאט,
אז דריי מאל הייליק איז דאס מענטשלעכע לעבן.

אבער אויב לעבן איז פאנצער און שטאל,
אויב געבאט זיינען עשום מערדערישע ידים —
טא וואס איז דער באדייט פון יעקבס דורותדיקן קול,
וואס טוט איבער אלע אייביקייטן געדייען?

טא פארוואס קאנען נישט אט-די מערדערישע הענט
אזא שוצלאזן האלדז ביזן גרונט נישט דערווארגן,
און אין וואס איז עס אלץ געווענדט
אט-דער נס וואס מען האט אונדז נאך נישט דערהרגעט?

אז די ערד איז צו מענטשן אפגעגעבן —
פארוואס באשטייט אונדזער אייביקער, באדנלאזער נע-ונד?

ווי נעמען מיר אַזויפיל הייליקייט, מקדש-זיין דאָס לעבן,
אַ לעבן וואָס איז איין לאַנגער, בלוטנדיקער שליאַך?

אַט-די פראַגע האָט מען שוין אַ סך מאָל געשטעלט,
און מען וועט עס נאָך אַ סך מאָל פרעגן,
ווען אונדזער בלוט וועט זיך גיסן אויף גאַר דער וועלט,
אויף אַלע מעגלעכע און אוממעגלעכע וועגן.

קיין ענטפער האָב איך אויך נישט אַליין אויף דעם,
און איך טו אויך אויף קיין ענטפער נישט וואַרטן —
איך פיל נאָר, אַז מיר איז ליכטיק אין מיין יידישן קלעם
און דעם טערפקן גליק פון מיין גורל דעם יידישן, דעם האַרטן.

דאָס גליק פון אונדזער קדושה, דור-איין, דור-אויס,
פון אברהמס קאַלך-אויוון ביז די גאַז-קאַמערן פון נעכטן —
אַז אונדזער שם דער יידישער, אַזוי אייביק און גרויס,
וועט אַריינשפּאַנען אינעם מאָרגן מיט אויסלייז-רוף געַרעכטן.

מעג דער מאָרגן, אַזוי ווי דער היינט, נישט זיין ריין פון זינד,
מעג דער מאָרגן זיך אפילו אויסלייטערן און אויף אַ רגע פאַרבלענדן,
זאָל זיין אונדזער געבאָט: חזר איבער עס צו דיין קינד,
גורט אָן מיט דיין יידישער גבורה זיינע לענדן!

ווייל די וועלט וועט נאָך גיין לאַנג אין איר בלוטיקן וועג,
און פעלקער וועלן זיך בלאָנקען בלוטיק און פאַרלאָרן —
יעקב וועט אָבער קעניגן איבער אייביקייט פון טעג,
ישראל וועט ברענען און ניט פאַרברענט ווערן, ווי דער הייליקער דאָרן.

— ז —

יונג איז אונדזער דור אַרויס פון זיין פאָטערס הויז
און געגומען אין האַנט דעם יידישן וואַנדער-שטעקן;
דער דלות האָט אונדז נאָכגעיאָגט, ווי קאַץ נאָך מויז,
אינעם ביסל שבת-יום-טובדיקייט דעם עלנט צו פאַרדעקן.

נאָר די יוגנט האָט געזאָדן אין צעפּלאַמטן בלוט
און די וועלט האָט געפּלאַטערט מיט גרויסע פאַנען,
וואָס האָבן צוגעבאָמקעט: „דער מענטש איז גוט",
און דער ייִדישער גלויבן האָט ניט אויפגעהערט אין אונדז צו מאָנען.

אוועק זײַנען שוין יאָרן לאַנג אין דעם,
יאָרן וואָס טוען זיך ווי קאָרע פון אַ בוים שיילן —
ווי מיר לעבן דאָ דערוויַליק, אין פּײַן און קלעם,
און מיר האַלטן שוין אַזוי יאָרצענדלינגער אין ציילן.

אין אָנהייב איז געווען יוגנטלעכער טרוים און דראַנג,
תחילת איז געווען אַ וועלט אַ ליכטיקע און פולע —
נאָך דעם איז געקומען דער ספק, ווי אַ גיפטיקע שלאַנג...
איצט ברענט אין אונדזער בלוט דער דורשט נאָך גאולה.

עס איז אַ פײַער וואָס ברענט און ווערט נישט פאַרברענט,
עס איז אַ פלאַם וואָס קאָן נישט ווערן פאַרלאָשן —
מיר פילן אים אין אונדזערע געהירן, און פיס, און הענט,
אין אונדזער הייליקן, אין אונדזער ייִדיש-לשון.

אויסלייז פאַר דער אכזריותדיקער, אומגליקלעכער וועלט,
אויסלייז פאַר די וואָס קאָנען נישט אויסגעלייזט ווערן —
פאַר די וואָס זײַנען געשלאָגן געוואָרן מיט רציחה-קעלט
און טראָגן דעם קין-צייכן אויף זייער מערדערישן שטערן!

אָט-דעם אויסלייז-דאָרשט טראָגן מיר פאַרקלעמט און מיד,
און מיר ווילן אים שוין אַזוי ביזן לעצטן טאָג דערטראָגן;
און אַזוי פאַלן מיר מיט אונדזער גרויסן גאולה-ליד
אונטער די רעדער פון זייער געפּאַנצערטן וואָגן.

איצט איז געקומען פון בראָך די צײַט,
וואָס מאַכט זינקען אונדזער באָדן, ווי אונטער די פיס פון קרח,
און אויב דאָס פאַרשניטענע קאָן נישט ווערן באַנײַט,
זײַנען מיר בײַ אונדזער אייגענעם לעבן ווי אַ פרעמדער אורח.

נאָר אַזוי ווי עס שלאָגט נאָך אָן אָדער אין אונדז אַליין
פּונעם לעבן, וואָס איז געוואָרן אַזוי גרויס פאַרשניטן,
לאָמיר זיך קלאַמערן מיט לײַב און לעבן און נעגל און ציין
אין אונדזער לעצטן פּונק, דעם לעבעדיק-צעגליטן.

אַז פון די פונקען זאָל ווידער אויפגיין אַ פלאַם,
אַז פונעם איבערבלײַב זאָל דער כּלל דער גרויסער ווערן —
אַז מיר זאָלן זיך מערן, ווי די זאַמד בײַם ים,
אַז מיר זאָלן אויפגיין אומצייליק, ווי די שטערן.

— ח —

דורות יִידישע, פאַרזאַמלט זיך אין קאַראַהאָד,
שטעלט זיך אוים פאַר אונדזער דור דעם הײַנטיקן און טוט זיך בוקן—
זעט, עס שלאָגט די שעה פון גאולה און גענאָד,
זעט, עס ענדיקט זיך די נאַכט פון לויער און פאַרצוקונג!

זעט, עס טוט זיך אָן מיט פלייש און בלוט דעם נביאס וואָרט,
אין יחזקאלס טאָל פון טרוקענע און טויטע ביינער —
זעט ישראלס מלכות ווידער אויף זײַן אָרט
יעקבס טרוים פון זײַן געלעגער אויף די שטיינער!

זעט אַ דור, וואָס איז די קאַלך-אויוונס פאַרבײַ,
און צו אַש און שטויב אויף קאַלטער ערד געבליבן —
זעט ווי ס'האָבן זיך געראַנגלט העלדיש און געטרײַ
איינער קעגן דרײַ און איינער קעגן זיבן!

זעט א דור, וואָס האָט באַוויזן איינציק און אַליין,
דורכגיין טויט און קנעכטשאַפט, דורכגיין אַלע בראָכן —
גרעסער איז זײַן זכות ווי משהס: נישט געבליבן שטיין
בײַ דער שוועל פון כּנען, אינעם בונד פאַרשפּראָכן!

דורות יִידישע, פאַרזאַמלט זיך אַרום,
נעמט זיך פאַר די הענט און טאַנצט אין קאַראַהאָדן —

טאַנצט דעם קדוש־טאַנץ פון טויטן פרום,
טאַנצט דעם טאַנץ פון בלוטיק־אויסגעקעמפּטן באָדן!

טאַנצט דעם גאולה־טאַנץ! די רשעותדיקע בלעם־וועלט
וועט זיך צוקוקן צו דײַנע האָפּסלענדיקע פּאַלעם
און וועט ווידער אויסרופן: ווי גוט איז דײַן געצעלט,
דײַנע רואונגען צווישן היים און גלות!

משה דוד גיסער

סאַנטיאַגאָ, טשילע

נײַע תּנכישע געזאַנגען

נמרוד

אַז נמרוד האָט באַפֿוילן אָנצוצינדן פֿײַער
אין די קאַלך־אויוונס —
פֿאַר וועמען האָט ער דאָס באַפֿוילן?
— פֿאַר אונדזער אור־פֿאָטער, אַברהמען,
וואָס האָט צעשטערט די געטער זײַנע
און צעבראָכן אַלע נמרודס צלמים.

האָט דאָס פֿײַער זיך דערשראָקן,
און ס׳ערשטע מאָל — וואָס וווּנדער זענען! —
נישט געוואָלט און נישט געקענט
אונדזער אור־פֿאָטער פֿאַרברענען.

האָט נמרוד ווילד גענומען שרײַען,
רײַסן באָרד און לאָקן,
יאָמערן און ברומען —
און געזען צום ערשטן מאָל,
אַז ס׳איז זײַן סוף געקומען.

איז אברם אַרויס פֿון פֿײַער שטאַרקער נאָך, געלײַטערט,
און האָט זיך פֿון זײַן געצן־שטאָם מיט פֿרייד־געזאַנג דערווײַטערט,
אין לאַנד כּנען מיט שאָף געוואַנדערט,
פֿאַרקוקט זיך צו די שטערן...
און מיט האַרץ געבעטן גאָט — אַליין אַ פֿאָלק צו ווערן.

יעקבס קינדער

אַז יעקבס קינדער וועלן טראָגן האַס אין זייערע אויגן,
ווער וועט זײַן שולדיק, ווער?
געווען אַ פאָלק, אַ שטילס, האָט עס איבער דער וועלט געצויגן
און געזוכט מנוחה, נישט מער...

געהאַט אַ גאָט אין הארצן און מענטשלעך בלוט נישט פאַרגאָסן,
איז רחמים געווען זײַן דעוויז;
האָט מען עס צווישן פינצטערע ווענט, אין געטאָס, פאַרשלאָסן
און געפּײַניקט מיט שווערד און מיט שפּיז.

האָבן יעקבס קינדער מיט ליבשאַפט די פּײַנען פאַרנומען,
כאָטש גורל פון לײַדן איז הארט.
און מיט בלוט און מיט טרערן די פּײַנד איבערגעקומען
און אויף משיח בן דוד געוואַרט.

און אַז משיח בן דוד האָט (אין גאָטס ליכטיקן נאָמען)
פאַרשפּעטיקט צו קומען אין נויט,
איז אויפגעשטאַנען ווידער אַ שרעקלעכער המן
און יעקבס קינדער געטריבן צום טויט.

געבויט גאַז־קאַמערן גרויסע מיט שטאָלענע פרענטן,
און די וועלט האָט באַוווּנדערט די זינד,
ווי דאָס לעצטע פון יעקב, אויף אַש אויף צעברענטן,
ווערט צעטראָגן פון מינדעסטן ווינט.

און, אַז יעקבס קינדער, אין צאָרן, וועלן נקמה באַגערן,
נאָך יאָרן פון מאָרד און קאָשמאַר,
וועט גאָט אַליין וויינען מיט בלוטיקע טרערן
און די וועלט וועט דערשפּירן דעם צער.

שמעון און לוי

שמעון און לוי האָבן אַנדערש פֿאַרשטאַנען,
ווען מען האָט זייער שוועסטער געשענדט —
זיי האָבן גענומען די שווערדן, די שאַרפֿע,
און האָבן קיין שכם זיך געווענדט.

געלאָזט הינטער זיך אויפֿן זאַמד די געצעלטן,
די לעפּישע קעמלען, און גיך, ווי אַ ווינט,
געלאָפֿן אין קילן באַגין, אָן אַן אָטעם,
מיט בלוט אָפּצוואַשן די באַגאַנגענע זינד.

און פּלוצים, פֿון הינטער די בערגיקע שפּיצן,
די זון איז אַרויס, ווי אַ פֿײַערדיק ראָד,
און אָט זעען זיי ביידע, שמעון און לוי,
דעם אָפֿענעם טויער, וואָס פֿירט צו דער שטאָט.

נישטאָ איז קיין וועכטער, די שטאָט — אויסגעשטאָרבן...
זיי ווייסן: אַז שכם האָט נאָך יעקבס פֿאַרלאַנג
באַפֿוילן מפּים צו זײַן די בני יעקב
און די מענער צו מלן... איצט ליגן זיי קראַנק...

זיי גליִען, ווי פֿײַער, און פֿיבערן ווויזיעס
פֿון נאַקעטע מיידן, בלויז בריסט און בלויז לײַב,
זיי שיכורן, זויפֿן אויף שכמישן שטייגער
און יעדערער נואפֿט אַ מויד פֿאַר אַ ווײַב.

זיי פֿאַרסקען פֿון הייסן באַנומענעם תּענוג,
ווי צעיושעטע אָגערם און הירזשען ווי פֿערד,

און גיבן אפילו קײן קרעכץ נישט פון װײטיק,
װען ס׳בױערט דורך זײערע דיכן די שװערד.

פארנאכט, װען די זון האט אויף שכמישע גאסן
פארלאשן איר שײן, אין א בלוטיקער באד,
דאן זײַנען באגלײט פון געװײן פון שאקאלן
שמעון און לוי ארױס פון דער שטאט.

די כנענישע נאכט האט מיט שאטנס גענידערט
אויף בערג און אויף טאלן, אויף שכם און איר שטראף,
אויף שמעון און לוי, װאס זײַנען געגאנגען
צוריק צו די ברידער, אהײם, צו די שאף.

דאָס פֿאַרשפּראָכענע לאַנד

אויף די פּליינען פֿון כנען,
אויף די פּרוכטבאַרע וויזן
האָבן געפּיטערט אונדזערע אָבות
זייערע טשערעדעס רינדער.

ווי הערטן האָבן זיי געוואַנדערט
פֿון אָרט צו אָרט
מיט זייערע באַראַנעס און שעפּסן
און זינגענדיק געפּירט די הויקערדיקע קעמלען,
באַלאָדענע מיט האָב־און־גוטס און קליינע קינדער,
און אויף יעדן באַרג און בערגל אויפגעשטעלט געצעלטן
אָפּגעזונדערטע פֿון אַלע פֿרעמדע שכנים,
און ברונעמער געגראָבן אין דער האַרטער ערד,
און פֿאַרפּלאַנצט זיך אין דעם נײַעם וווּנדערלעכן לאַנד.

ווײַל שיין איז געווען כנען
מיט אירע טאָלן און אירע בערגער,
מיט אירע אָזיערעס און זינגענדיקע טײַכלעך,
און איבער אַלץ געשוועבט האָט זאַנפט דער גײַסט פֿון גאָט,
וואָס נאָר אונדזערע אָבות האָבן אים דערשפּירט אין זייערע בלוטן.

נישט קיינער האָט אַזוי געאָנט די הייליקע באַהעפטונג
צו אָט־דער ברכה פֿון דער נײַער אויסגעטרוימטער ערד,
וואָס האָט צניעותדיק, מיט זיסער ליבשאַפט, אָנגעבאָטן איר עשירות
פֿון פּעטע אײַלבירט־בוימער און הויכע שלאַנקע פּאַלמען,
מיט דיאַדעמס אָנגעהאָנגענע, מיט הענגלעך זיסע טייטלען;

דאָס לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניק,
דאָס זיסע לאַנד, כנען...

אויף יעדן שפּאַן און טראָט האָט גאָט אַלײן געצײכנט
די גרעניצן פון לאַנד
און אָנגעזאָגט,
און צוגעזאָגט,
אַז אַנדערש קאָן נישט זײַן:

— אָט, זעט דאָס לאַנד, ווי שײן עס איז!...
די טאָלן, בערג,
דער ירדן, וואָס צעשנײַדט עס מיט זײַן מעסערדיקן שטראָם,
געהערן וועט עס אײַך!
און נאָר די קינדער פון אײַערע לענדן
וועלן עס ירשהנען און אַרבן!...

אַזוי האָט גאָט גערעדט צו אונדזערע אָבות,
און גאַנץ כנען, אַ יעדער שטײן, אַ יעדער היגל־באַרג
האָט צוגעהערט די זיסע רײד פון גאָט,
און ווי אַ טשערעדע, וואָס הערט אַ פּאַסטוך־פלײט,
האָבן טאָל און בערג געוויגט זיך און געטאַנצט,
און די פױגלען האָבן עס
פאַרקינדיקט אין געזאַנג...

גושן

דער נילוס שטראָמט. זײַן געלבלעך מוטנע וואַסער
גיסט אויס זיך מיט אַ ברכה אויף פעלדער, טאָל און פליין.
מצרימס ערד איז פרוכפּערדיק און פאַר דער שרעק פון מדבר
שיצט זי זיך מיט ספינקסן, געהאַקט פון רויטן שטיין.

צום הימל שטײַגן טעמפּלען און ראָזע איביס־פויגלען
שפּאַנען שטום, פאַרהיפּליקט, אין רויטן שקיעה־פלאַם.
פון ווײַטנס זעט זיך גושן, פאַרשטעלט מיט פאַלמע־ביימער,
דאָס לאַנד פון פּרעהס שקלאַפן, ווו ס׳וווינט דער עברי־שטאַם.

בײַם גרעניץ־ברעג פון גושן, אויף ראַנד פון גרויע שטיינער,
זיצן צוועלף זקנים מיט ווײַסע זילבער־בערד;
זיי טראַכטן און זיי דאַכטן אין גאָט פון זייערע אָבות,
וואָס שווײַגט ווען ס׳ווערט צעריסן פון וויי־געשריי די ערד.

זיי האַלטן ציצית־שנירלעך אין הענט, ווי שטענגלעך דאַרע,
און ציילן, לויט די קנופּן, די יאָרן נאָכאַנאַנד:
פון פּײַן און גרויל... פון לײַדן... און, אפשר, האָט פאַרגעסן
יעהאָווא אין זײַן שבועה, דאָס צוגעזאָגטע לאַנד...

עס קוקט פון זייערע אויגן אַזוי פיל צער און בענקשאַפט,
און פון דער ווײַטנס הערט זיך אַן אימהדיק געוואָי,
אין לעצטן שײַן פון שקיעה, מיט קנאַקנדיקע בײַטשן —
אַ מחנה מצרים טרײַבן די עברים קלײַבן שטרוי.

זיי פאַלן אויפן זאַמד־פלאַך צעשמיסענע, פאַרבלוטיקט,
און שטעלן אויף זיך ווידער מיט וואַקלדיקן טראַט;
די אויגן, ווי אין וואַנזין, פאַרריסן צו דעם הימל,
און מיט די לעצטע כוחות שרײַען זיי צו גאָט.

צו גאָט פון זייערע אָבות: — אָ, גאָט פון פאָטער יעקב,
פון יצחק און אַברהם! שטרעק אויס צו אונדז דײַן האַנט!
און ווײַז דײַן וווּנדער־צייכן אין טאָל פון פּײַן און קנעכטשאַפט,
דעם ווײַטן בלויען שטערן — דאָס צוגעזאָגטע לאַנד!...

שבט אפרים

צוועלף זײַנען זיי, די שבטים, וואָס וווינען אין גושן,
און אַלע, חוץ שבט אפרים,
שקלאַפּן בײַם בויען פּיתום ורעמסס,
די ערי־מסכנות פון מלך מצרים.

אַלע קנעטן זיי ליים, נישטערן שטרוי און ברענען ציגל,
און רײַסן פון די סקאַלעס שטיינערנע בלאָקן;
בלויז·אפרים וויל נישט דינען די פּרעהס
און קעמפט פאַר זײַן פרײַהײַט אומדערשראָקן.

בלויז ער טראָגט האַלב נאַקעט זײַן גוף, ווי דער מצרי,
געפּענדזלט מיט דופּטיקע פאַרבן,
און ווען ס'זאָל נאָר שלאָגן די שעה פון מלחמה —
איז ער גרייט אויפן שלאַכטפעלד צו שטאַרבן.

אַ כעסן איז ער, אפרים, ווי אַ לייב אין זײַן צאָרן,
און נישט קיינער באַהערשט אים מיט בייזן.
און ער זאָגט: — אַז אויב יה האָט פאַרגעסן זײַן שבועה,
טאָ דאַרף מען אַליין זיך דערלייזן.

ער אַנטלויפט אין דעם מדבר אויף אומענדלעכע וואָכן
און געוווינט זיך צו אַלערליי פּלאָגן,
צו קוקן דעם טויט, אָן שרעק, אין די אויגן,
און הונגער און דאָרשט צו פאַרטראָגן.

ביז ער וועט, אין שטאַרקײַט, ווי אַ ווינט פון דעם מדבר,
אַ פײַף־טון אויף גושן זײַן אָטעם,
דעם פלאַם פון זײַן ווילן, אין קלאַנג פון כלי־זין,
מיט מאַכט צו באַפרײַען די שבטים.

יצחק בלומשטיין

סאנטיאגא, טשילע

אַ הימן מיין מוטערלאַנד, פוילן

פון פאַרזייטן קאָרן
וואַקסט דאָס ברויט אַרויס.
פון פאַרזייטע קברים
וואַקסן קברים אויס.

און אַז קברים וואַקסן,
שטייט דער וואַלד אין שרעק,
און דאָס טײַכל יאָמערט
טאָג און נאַכט בײַם ברעג.

האָט דאָס בערגל מורא
קוקן צו דער הויך.
ס׳דאַכט זיך אים, אַז מתים
קריכן אין זײַן בויך.

שטייען ווײַסע ציגן,
שטייען קי און פערד,
קײַען טויט און קללה,
מיטן גראָז פון דר׳ערד.

גראַבט דער גוי קאַרטאָפּליעס,
ווייל ער זייען קרויט,
גיט אויף אים אַ גאַס זיך
פּוילעניש פון טויט.

פליסט אים אויפן שטערן,
קריכט אין נאָז אַריין —
פּוילעניש פון מתים
עסט זיך אין אים איין.

ליגט אויף זיינע שמאַטעס
און אין זיינע טריט —
ברענגט ער פולע וואָגנס
טויט אויפן יאַריד.

קויפן באַלעבאָסטעס
פּעטרעשקע און מאָן —
קריכט דער טויט אויף טישן,
לייגט זיך אויבנאָן.

אין דער קאַן מיט האָניק,
אויף דער מילך אין קרוג,
קריכט אין די געדערים,
שוועבט אין אָטעם־צוג.

ברענגט מען רויטע עפּל,
באַרן — ווייניק־וויין,
בייסט אַ קינד די ציינדלעך
אינעם טויט אַריין.

פּרעסט זיך אָן דער גלח
מיטן פּויערם גאָב
און פון זיינע ליפּן
פליסט דער טויט אַראָפּ...

אונטערן צלם

ציט זיך שתי־וערב אַרויפצו
און אין די זײַטן,
און דאָס שלעכטס פליסט
און דערפליסט
פון די ווײַטסטע ווײַטן.
נאָר ס'ביסל גוטס אין האַרץ
וואַרט, אין עלנט,
אויף משיחס צײַטן...

וואָלטן גוטסקײַט און צײַט,
ווען עס איז, ווי ערד און רעגן
זיך באַגעגנט בײַם שייד פון די וועגן
און פּרוכטבאַרקײַט געטראָגן
דעם מענטשן אַנטקעגן...

האָט זיך עמיץ אַוועקגעזעצט
אויף אַ הויכן טראָן,
אין ווײַסן אָנגעטאָן,
און פאָכעט פון דער הויך
מיט צלם און בלוילעכן רויך.
וואַרפט פון גאָלדענע טרעפּ
ס'וואָרט פון פאַרגעבונג
אויף מערדערשע קעפּ,
און זיסע געזאַנגען,
און כישוף פון ווערטער
בענטשן די תליות
אויף זייערע ערטער...

א י נ א י י נ ע ם

ליגט אַ וואַלד פֿון קעפּ אַנגעבויגן
אונטער פּליסנדיקן האָניק פֿון גומען
און חלומט:
משיח איז געקומען...

נאָר ווײַטער, ווײַט אין טאָל אַראָפּ,
און אויף די ברייטע פּליינען,
רײַסן זיך די האָר פֿון קאָפּ
און וויינען,
צײַט באַליידיקטע
און ס׳ביסל גוטס אין האַרץ,
וואָס עמיץ האָט צעטיילט, באַזונדער,
און לעכצן נאָך באַהעפטונג
דורך משיחישן וווּנדער...

דאָס ליד פון די צוויי מזבחות

איצטריידן זיי קלאָר, ווי מיט אָפענע מײַלער,
מײַנע ביידע מזבחות, מיט גוטסקייט, מיט בייזער:
זאָגט איינער: גיב פלייש פאַרן מעסער פון קײַלער!
דער צווייטער: דײַן בלוט פאַרן קאַמף פון דערלייזער!

עס ריידן אויך קלאָרער די יאָען, די ניינען,
און קלאָר ריידן צייכנס בײַם שייד פון די וועגן:
איינער וואָס פירט צו באַקברימטע פליינען,
אַ צווייטער וואָס רײַסט זיך דעם מאָרגן אַנטקעגן.

עס שטאַרבן די חקירות פון דאָרטנס, פון דאָען,
די שפּיציקע ווערטער ווי פײַלן פון יעגער;
בײַנאַכט קומען מתים אין פינצטערע שעהען
און טרייסלען מײַן קאָפּ אויפן ווײַסן געלעגער.

זיי ווײַזן די וווּנדן, צעבלוטיקטע גלידער;
זיי קומען מיט טענה, זיי קומען מיט תפילה;
זיי לייגן דעם קאָפּ נעבן מײַנעם אַנידער,
צו הערן דעם גרוס פון נקמה און גאולה.

שליחות

מײַן ערשטע שליחות איז: לעבן,
מיט הימל און ערד אין איין בונד,
ווײַל נאָר דער וואָס לעבט קען באַלעבן
און היילן אַ ברודערשע וווּנד.

דערנאָך וועל איך קענען ערשט קלערן:
אַ ברודער — וואָס מיינט דאָ דער זין?
צי מוז ער מײַן ראַסע געהערן,
צי סתם נאָר דעם מענטשלעכן מין?

דערווײַל דאַרף מען פײַערן צינדן
אַנטקעגן די סטײַעס מיט וועלף
און טריפנדע וווּנדן פאַרבינדן
און ברידערלעך זאָגן: איך העלף.

און שפּעטער? — נו, איז דאָך מײַן אומהם התנהגות —
אַ רגעלע רו, ווען זי האָט —
צו טראָגן פאַר אַלע די דאגות:
פאַר וועלט און פאַר מענטש און פאַר גאָט...

א. י. זאַקוסקי

בוענאָס־אײַרעס

אַלץ

אַלץ, וואָס איז געווען — דאָס האָב איך ליב,
און דאָס, וואָס קומען דאַרף — דאָס רייצט דאָך מיך אוודאי!
און נישט בלויז דאָס אַליין,
נאָר אויך דער איצט, דער הײַנט,
וואָס אַלע האָבן אים עס אַזוי פֿײַנט —
אויך ער לאָקט מיך ווי אַ רעטעניש־שאַראַדע.

ווײַל איזן איז דער הײַנט דאָך, סוף־כּל־סוף,
אַ טייל פֿון דעם מיסטעריעפֿולן וואָס־דאַרף־קומען;
און ווערן פֿון אים דאָס בענקשאַפֿט־ברענגענדיקע עוף
— דער וואָס־איז־געווען —
מיט פֿאַרביקײַט פֿון קאַליברי און דופֿט פֿון בלומען.

נאָר דאָס איז גאָרנישט אַלץ: דאָס איז בלויז פֿאָן.
און אויף דעם פֿאָן ערשט קומט אָט־דאָס וואָס סאַמע וויכטיק.
למשל, אָט:
אַ שטערנדיקע נאַכט, מיט אַ לבנה, צי גאָר אָן,
(יאָ, אַז די לבנה האָט נאָך ווען אַ ווירקונג — דאָס איז ריכטיק).

צי אָט אַ גאַס, אַ שטוב און, ווי דער מנהג,
איז דאָרטן דאָ אַ שוואַרץ־גראָ־בלאָ־אויגיק מיידל נעט.

א בלייך־ראָז־באַקיקע, אַ רייציק־מײַדנדיקע, ליפּן בריאיקע, קאַרמיניק — און אַט אַ חלום שוין מיט הערצ, שולמית, צי זשוליעט.

אָבער אויך אַפילו דאָס איז האַלב: דער חלום בלויז. די פּורע ווירקלעכקײַט איז אַנדערש.
זי איז אַזוי, אַזוי־אָ, צי אַזוי — אויב ווילסט.
עס איז געוועזנדט צי לעבסט באַרוט, צי פיבערדיק דו וואַנדערסט;
צי נעמסט אַלץ אָן פאַר ליב, פאַראַכטסט, צי שמייכלסט קלוג און שפּילסט...

•

אַ לויב דיר, פרישקײַט אין ביימער־שאָטן און גרינער ימען־גריים!
קילקײַט טראָגט אויך אָן דער ווינט־געפלי אין עטער, —
און דאָך, אַז מיר איז זומערצײַט דאָ היים,
האָב איך קיין ברירה נישט און אין קאָפּע איך גיי זיך זעצן קעגן ווענטילאַטאָר.

איך טרוים
פון רוים
און פון פּאַריזש,
פון די פלישתים
און אַטענער —
איז דאָס אין מיר, ווײַל וועלט איז אַ געמיש
פון פאַרבן, קלאַנגען, ריחות און פון טענער?

איך טשעפּע דאָך קיין פליג נישט אויף דער וואַנט:
אויך זי באַשאַפן איז צו לעבן;
מיט מוראַשקע, מיט קו, מיט האָז און קאָזע כ׳בין שאַרמאַנט,
און כ׳זינג אַ ליכטיקער — אַ ניצוצל פון פעבן.

דזשעז! יאָ, דזשעז — כאָטש רוען באמת רו איך
בײַ מאָצאַרטן און ליסט, בײַ סקריאַבין און שאָפּען;
נאָר דזשעז — דאָס איז אין מיר דער רוח,
דער גײַסט פון צײַט און גאַס:

הוהא,
ווירוואַר,
געבראַזג,
געברען.

איך ציטער־אויף בעת יענעמס צער און טרויער,
און כ׳פריי זיך מיט מיט יענעמס פרייד התפעלותדיק ווי נאַר;
און כאַטש כ׳בין צאַרט, נישט דרייסט, פונדעסטוועגן איך לויער
פון תמיד אָן אויף דער געפאַר.

נאָר גיי פאַרשטיי די וועלט מיט אירע וועגן,
פאַרשטיי דעם מענטש און זיך מיט ערנסט און קאַפּריז:
ערשט נעכטן הארץ־האַר — זיינען אַלע מיט די פנימער אין שטויב פאַר דיר געלעגן,

און אַט ליגסטו שוין אַליין פאַר אַ צווייטנס פיס...

קריסטן

געטראַכט כ׳האָב היינט וועגן דריי־אייניקייט —
און וואָס זאָל איך זאָגן אַצינד?
אין לעבן איז גרויס יעדע קלייניקייט —
דאָס ווייסט דאָך, מסתּם, יעדעס קינד.

ביי קריסטוסן דאָ איז נישט ווינציק גאָר
פון דעם, וואָס באמת איז גרויס;
נאָר אַנהענגער זיינע — קיין אייניציקער
דאָך פירט די געבאָטן נישט אויס.

גורל

לעבסט? — טאָ ליב!
קוים ליבסט — וועסט לעבן.
גאָט, — עדיפ
ווערט אויך פאַרגעבן.

גורל ס׳איז —
עס שלאָגט פון טיפן.
קאַרליק, ריז —
בלויז וואָרט־באַגריפן.

קום

וואָס ס'איז געווען — דאָס איז אַוועק, ניטאָ שוין;
וואָס קומען דאַרף — וועט קומען און וועט זײַן;
נאָר אַז ס'איז דאָ — איז אַלץ נישט ווערט אַ גראָשן,
גאָר ווייניק פרייד. וואָס יאָ אַ סך — איז פּײַן.

דו ווייסט עס גוט. איך — אויכעט. נו, במילא
מעגסטו מיר זיכער אויסשטרעקן די הענט:
קום גיין צוזאַמען טרינקען זון און תּכלית,
און — וועט מען דאַרפֿן — ווערן אויך פֿאַרברענט.

אַ פּשוט לידל

דו פֿאַרמאָגסט אַן אָרעם,
איך פֿאַרמאָג אַ האַנט; —
נעמט מײַן האַנט דײַן אָרעם,
גייען מיר באַנאַנד.

גייען מיר און גייען
ערגעץ ווײַט אַוועק.
איין־אַליין אין צווייען
גייען מיר, אָן שרעק.

ביידנס הערצער צאַפּלען
האַסטיק טאַך און טאַך
און די אויגן־אַפּלען
טרעפֿן זיך מיט לאַך.

ס'אייניקן זיך מײַלער,
גופֿים ווערן איינס.
זען זאָל וועלט אויף מײַלן
וואָס אַ ליבע הייסט.

האָב ליב

האָב ליב דעם ווינט, די פלאַנצן און די פייגל,
האָב ליב די פרוי, ווי צאַרטן פליוש,
האָב ליב איר ווונק פאַררעטערשן מיט אייגל,
האָב ליב זי מיט קאַרמין און רוזש.

אין טרוימישקייט, צי שמינק — זי בלייבט באַשובט:
זי לאַקט אין אמות פון איר טראָט.
נאָר צויבערט זי — טאָ שטרעק זיך, ווער פאַרכשופט:
ס׳קען זײַן ס׳איז שליחות און — געבאָט.

מיר קענען דאָך נישט וויסן אין דער רגע —
ווהין, צו וואָס, פאַר וואָס, פאַר ווען;
און בלויז צוליב אַ מינדסטער שאלה פרעגן
בלייבט אָפט דאָס דרינגענדסטע פאַרזען.

לאָז דורך די אַלע פראַגעס דורך די פינגער,
זי לאַקט — גיי נאָך איר בלינד און — גאָר!
ערשט שפּעטער וועסט פאַרשטיין און — ווערן יינגער:
וועסט זיך דערזען אין נעכטן דור.

לעבן קינדער

I

לעבן קינדער רו איך אָפּ!
ס'ווערט מיר לינד אין מידן קאָפּ,

און די פּיס דערפּיל איך גרינג —
נעם כאַטש לויף, און טאַנץ, און שפּרינג;

און אין האַרצן ווערט מיר לײַכט —
פּונקט אַ שרעטל וואָלט געשלײַכט

אויף און אָפּ, און אויס, און אײַן,
און געשפּינט פון שטיקער שײַן

דאָרט אַ ווונדערלעך געשפּין,
וואָס איז דינער נאָך פון דין

און איז העלער נאָך פון העל
און נאָך טריליקער פון טרעל.

II

לעבן קינדער רו איך אָפּ!
אויף דעם מינדסטן פאַלט דער טראָפּ

און ס'ווערט אויס מיט גרויס און קליין:
אַלץ איז וויכטיק, גלײַך און שיין.

אַלץ ווערט אייגן, נאָנט — מיט האַנט
נעם דערלאַנג דעם הימל־ראַנד...

א י נ א י י נ ע ם

און פון האָר־שפּיץ ביז צו פיס
שטראָמט אַ נעקטאַר וואונדער־זיס

און פילט אוים דעם גאַנצן גוף
מיט אַ צויבערדיקן רוף

צו אַ לאָז־טאָן זיך אין רוים,
וואָס אומגרייכלעך איז, ווי טרוים,

און אַראָפּברענגען די זון
אויף דער ערד, און באַלד דערפון

געבן יעדערן אַ שטיק —
און ס'איז דאָ דאָס גאַנצע גליק.

ער

ער האָט זיך מיר באַוויזן,
דער שעפער פון עדען.
דער ריז, וואָס איבער ריזן,
איז איינזאַם, ווי געווען.

און תמימותדיק, ווי שטענדיק,
און פשוט — ווי נאָר ער;
און ס׳שטראַלט זײַן פנים בלענדיק
מיט גוטסקייט מער און מער.

ער נעמט מיך אָן בײַם אָרעם
און פירט צו זיך אַרײַן: —
אַ שראַנק מיט אַלטע ספרים,
פאַרטרוקנט ברויט און ווײַן.

אין ניש׳ — אַ צאַרט געדעכניש:
אַ זכר פון אַ טרוים...
ס׳איז הייליק אַלץ — פאַרשוועך ניש,
כאָטש ווייסט ס׳איז שטויב און שוים...

שפּע

די תבֿואות אויף פֿעלדער געראָטן,
דער פּויער זעט צו עס מיט פֿרייד.
דאָס אָרט, וווּ מײַן פֿוס האָט געטראָטן,
מיט שפּע איז איצטער פֿאַרשפּרייט.

איך וועל שוין בקרובֿ נישט זײַן דאָ
(מיר גייען דעם גורל נאָך בלינד) —
געדענקען וועט פֿרעמדער און פֿרײַנדין,
דערמאָנען וועט זקן און קינד.

איך בין דאָ געקומען מיט רעגן
בעת טויטנדער טריקעניש־פּלאָג —
פֿאַרפּילצאָלט די זריעה, און זעגן
פֿאַרזיכערט דעם מאָרגיקן טאָג.

התרוממות

הײַנט האָבן מיך געלײַטזעליקט צווײ צניעותדיקע אויגן,
צווײ תמימותדיקע אויגן פון אַ קינד, —
דערנאָך שוין זײַנען פֿייגל צו מיר עסן אָנגעפלויגן
און צערטלדיק געוואָרן איז דער ווילדער ווינט.

דער הימל האָט זיך אויסגעקלאָרט חפזונדיק, בלאָנק־תכלת,
די זון האָט זיך געגילדט אויף זאַמד און שטיין,
די ביימער שטרעקן אויס די צווײַגן: „מענטש, באַשירעם, הייל אונדז.
באַהיט פון פאַר נאָך אויפלעבן — שוין צו פאַרגיין".

געזונגען כ'האָב באַרוישט. התלהבות נישט געקענט באַהאַלטן —
זי האָט, ווי נימב, אַרויסגעשטראַלט פון הויט.
כ'האָב שפע מיט בטחון אײַנגעטריפט אין הערצער אַלטע,
פאַרשמאַכטע קינדער כ'האָב געגעבן עסן ברויט.

חידושימדיק־פאַרוווּנדערט האָט געקוקט אויף מיר מײַן שכן:
ער האָט געמיינט — ס'האָט זיך איבערגעברענט
אין מיר געהיר. אַ זקנה האָט מיר נאָכגעזאָגט אַ ברכה.
געזען פאַר זיך געבעטיק־דאַנקענדיקע הענט.

אוים ליידנשאַפט. אוים קאַמף. כ'קען טויטס פאַרמענטשלעכן, באַלעבן,
און ליכט אַרײַנשטראַלן אין הייל און גראָט. —
אַ כח צו נסים טאָן קינדס אויגן האָבן מיר געגעבן.
איך ווייס, אַז הײַנט בין איך געוועזן נאָנט צו גאָט.

ווער קאָן זײ דען פֿאַרשטײן די דרכים דײנע

ווער קאָן זײ דען פֿאַרשטײן די דרכים דײַנע,
אַז דעם צדיק, וואָס צרות האָט געגנוג ער אויסצושטײן,
טײלסטו מער נאָך צו יסורים —
ווי ס׳וואָלט נאָך אַלץ פֿאַר אים געווען צו קנאַפּ;
און דעם רשע,
וואָס האָט פֿון אַלע ווױלטיקן,
טײלסטו מער נאָך צו פֿון אַלדאָס גוטס,
ווי ס׳וואָלט אויך פֿאַר אים נאָך אַלץ געווען צו קנאַפּ...

נאָר ווער קאָן וויסן? —
עס קען דאָך זײַן, אַז די קרומקײַטן,
וואָס מיר מײנען, אַז זײ זײַנען קרום —
זײַנען גאָרנישט קרום, נאָר גלײַך;
און אַז די גלײַכקײַטן,
וואָס מיר מײנען, אַז זײ זײַנען גלײַך —
זײַנען גאָר נישט גלײַך, נאָר קרום;
און אַז די פֿאַרקערטקײַטן
זײַנען גאָר נישט קײן פֿאַרקערטקײַטן,
נאָר זײ זײַנען פּונקט אַזוי־אָ
ווי עס דאַרף זײַן...

און אפֿשר זײַנען אָט־די קרומקײַטן
טאַקע קרום,
אום מיר זאָלן זען וואָס גלײַך איז?

און די גלײַכקײַטן זײַנען טאַקע גלײַך,
כדי מיר זאָלן זען וואָס קרום איז?
און אפשר זײַנען די פאַרקערטקײַטן —
יאָ פאַרקערטקײַטן,
און וועט מען שטעלן איינע קעגן אַנדערער —
וועט מען זען ערשט טאַקע אַלץ אַזוי־אָ
ווי עס דאַרף זײַן?

אַט זעען מיר דאָך ווי די קעגנזאַצן
זוכן איינס דאָס אַנדערע,
ווילן זיך באַגעגענען, באַהעפטן זיך
צו שאַפן גאָר אַן אַנדער וועזן,
אַ נײַס,
אַ יש,
וואָס זאָל זיי איבערדויערן...

איז דאָס שלעכטס דאָך טאַקע דאָ צוליב דעם גוטס.
און דאָס גראָז, צו לעבן ווידער — מוז דאָך אָפּוועלקן.
דעמפּט זיך דאָך דאָס וואַסער אויס, און ס'ווערן וואָלקנס,
כדי נאָך דעם זאָל עס ווידער רעגענען —
זיך אומקערן אַהין, פון וואַנען ס'איז געקומען.

אַזוי אויך מיטן מענטש:
ער ווערט געבוירן, וואַקסט
(פּרוכפּערט, מערט זיך),
לעבט אין מאַטעריש און פרייט זיך,
און שטאַרבט דערנאָך
(זיך אומצוקערן צו דער ערד,
פון וואַנ' ער קומט אַרויס), —
אום ווידער צו געבוירן ווערן,
און ווידער זיך צו מאַטערן
און ווידער פרייען זיך מיט גרינס אויףביימער און מיט פייגל,
מיט בלאָען הימל און מיט שוימיק־כוואַליעדיקן ים,
מיט קינדערשן געלעכטער,

מיט בערג־שפּיצן
און מיט זון־פאַרגאַנג...

ווער קאָן זיי דען פאַרשטיין די דרכים דײַנע?
און ווער קאָן וויסן וואָס ס'איז שכר און עונש?

און אַז וויבאַלד אַזוי —
איז דאָך רשעות אויך אַ וועג צו דיר:
ווײַל דורך זינד קען מען זיך צו דיר דערנענטערן,
חרטהפול זיך לײַטערן
און קומען צו דיר בעטן
אויף פאַרגעבונג...

שרה בירנבוים

בוענאָס־אײַרעס

אַ בינטל זשאַסמין

אַ בינטל זשאַסמין,
ווײַס און פריש,
חלומט
אין קריגל וואַסער
אויפן טיש.

פון פרילינג־וועלט,
וואָס אייביק בליט,
פון צויבער־פייגל,
וואָס בענטשט מיט ליד.

פון קנאָספּן־קינדער,
וואָס בליִען מיט פּראַכט,
און זיי שרעקט ניט
קײַן וועלקן־מאַכט.

פלוצים האָט אַ ווינט
דאָס פענצטער אויפגעפּראַלט —
פון די ווייסע
זשאַסמינען־בלומען
אַ בלעטל אָפּגעפּליקט.

האָט דאָס גאַנצע
בלומען־בינטל
מיט געל־פאַרצערטע ליפּן
דעם ווינט —
אַ קללה געשיקט.

נאָר איין קנאָספּל
איז געבליבן
עקשנותדיק
און פריש,
אויפגעבליט
מיט פרילינג־אויגן
אין קריגל וואַסער
אויפן טיש.

קוקט עס אויף דער וועלט,
דער נײַער,
פון דעם פאַרצערטן
שטאָם אַרויס;
שפּרייט עס ריחות,
שפּינט עס פעדים,
אַז זײַן שטאָם
זאָל וואַקסן גרויס...

אַ לידער־קראַנץ

איך פלעכט פון לידער
היינט אַ קראַנץ,
ווי אַ גערטנער
פון זיינע בלומען;
זינגט יעדעס ליד
מיט זיין געזאַנג
פאַר וועלט פון שלום,
וואָס וועט קומען.

שענקען וועל איך
דאָס דעם העלד,
וואָס פלעכט די פעלקער
אין איין קראַנץ;
און אַלע לידער
וועלן זינגען
פאַר דער וועלט
אַ שלום־טאַנץ.

פאַר זון־אויפגאַנג

טרייסל אָפּ
די לעצטע טראָפּנס
פון דער נאַכט;
וויש אָפּ דעם טרויער
פון דיין פאַרצווייפלט
געזיכט,
אין מאָרגן־שטערנדיקן
ליכט.

דיין צעוווּנדיקטע הויט
פון די גלות־טריט,
הייל אין די טויען
פון זון־אויפגאַנג.
און גלויב ווי דער אמת,
גלויב ווי דאָס קינד,
אַז זיבן זונען
דיין מאָרגן שפּינט.

די וואַנדער־מאַמע

וואַנדערט, וואַנדערט אום די מאַמע,
אויף די הענט איר קינד,
האָט זי ניט קיין וויגל —
וויגט זי עס אין ווינט.

וויגט זי עס און זינגט אים
פון דעם וואַנדער־וועג
און זי זעט אין חלום
זיינע צוקונפט־טעג.

און זי זעט אים שפּאַנען
אין נאַכטיש־טיפן פיין,
אין גלאַנץ פון זיינע אויגן
גליט אַ וווּנדער־שיין.

די שיין — זי זאָגט אָן בשורות
פון אַ וווּנדער העלד,
וואָס ברענגט זון אויף קאָפּ
פאַר דער נאַכט פון וועלט.

פיניע פאַלאַטניק

ריאָ־דע־זשאַנייראָ, בראַזיל

גערעדענק!

ביי מורמלען ליד, ביי ברעכן ברויט,
ביי וואַרפן גוף אויף בעט דעם קלאָרן,
ביי טרינקען ליכט פון מאָרגנרויט
אַ קניענדיקער פאַר קאַיאָרן;

ביי זאַמלען פרוכט, ביי פלאַנצן בוים,
ביים אָנגיסן מיט וויין דאָס קריגל,
ביי האַקן שטיין, ביי גראָבן ליים,
ביי טראָגן פאַר דיין היים די ציגל, —

געדענק:
דעם דזשיקע־יונג
אין גיבור־שפרונג,
וואָס האָט געשפריצט
מיט האַס און בליי
פון ביקס און צונג
ביז לעצטן טראָפּ
אין אַשמדאַי,
און האָט דערנאָך
מיט שטאָלצן קאָפּ

באגעגנט פלאַם —
פאַר פאָלק און שטאַט.
גערענק!

בײַם פירן סערפּ אין שווערער מי
מיט לויב און ליד אַקעגן קאָרן,
בײַ שיקן פּיס אין וואַנדער־גלי
אויף ווײַטן וועג פול שטיין און דאָרן;

בײַ זוכן לוין מיט מידן בליק,
די לוין וואָס ליגט באַלד דאָ דערנעבן;
בײַ שטאַמלען שטיל פאַר פּראָסטן גליק
אַ לויב און דאַנק צום פּראָסטן לעבן, —

געדענק:
די שווערסטער דאָרט
בײַם געטאָ־צאַם,
וואָס האָט געפּאָרט
איר לײַב מיט סם
נאָך איידער ס׳האָט
אַנטבלויזט, צעשיידט
דעם שענדערס האַנט
איר גוף פון קלייד.

געדענק,
ווי אין איר זעל —
באַפרייט דורך סם —
באַפּאַנצערט לויכט,
פון גאָט באַהויכט,
דער קלאָרער שם
פון פאָלק און שטאַם,
געדענק!

בײַ שליסן דײַנע טירן צו
פאַר טומל רוישיקן פון סקווערן,

ביי טובלען זעל אין טייך פון רו
ווען ס׳טריפט די קילע שיין פון שטערן;

ביי יאָגן זיך נאָך ברעקלעך פרייד
וואָס איבער ערד צעשאָטן ליגן,
ביי יעדער טאָט וואָס איז דיך גרייט
מיט פרייד באַצאָלטער צו פאַרוויגן, —

גערעדענק:
גערעדענק דעם ייִד
מיט באָרד צו ווינט,
מיט בליק פון קינד,
ווו ס׳האָט געשפּילט
קדושה-שטראַל.
גערעדענק דעם ייִד,
וואָס האָט אין מיט
פון קויל-געקנאַל
די ביקס געצילט,
געשיצט, געהיט —
אין גאַנג צו פלאַם —
דעם כבוד
פון
דיין
אַלטן
שטאַם.
גערעדענק!

זע!

דער קאָרן, זע, אַ גאָלדענער בײַם וועג —
מיט קערנער פול שוין בוקן זיך די זאַנגען,
ווי בלויער צווײַט. אַזוי אויך דײַנע טעג,
דער ווינט זיי רײַסט באַגלייט פון זיסע באַנגען...

דער קאָרן, זע, זיך רײַפט פון זון צעגליט,
שוין כוואַליען זיך פון שניטער די געזאַנגען.
און דו, וואָס שטייסט מיט סערפּ אין האַנט צום שניט,
ניט פיר אויך דײַנע צײַטיקע פאַרלאַנגען...

ניט צוים, ניט שטער דעם וועג פאַר דײַן באַגער,
ניט זאָג אים „ניין", ניט שפּאַר זײַן גאַנג, ניט פאַנג אים.
זײַן ליד פאַרנעם, זײַן הייסן רוף דערהער,
און שטרעק דײַן האַנט זײַן האָניק צו דערלאַנגען...

ווי פרילינג-זון צעשפּילט אויף בוים און גראָז,
אַזוי אויף האַרץ לאָז שפּילן די פאַרלאַנגען.
ניט צוים זיי, ניין, באַפרײַ זיי און צעלאָז,
ווײַל באַלד... און ס'איז דער זומער שוין פאַרגאַנגען...

כ׳בלייב שטיין

כ׳בלײַב שטיין, איך לייג אוועק דעם שטעקן,
דעם זאַק פון רוקן כ׳נעם אראָפּ;
די שיינקײַט שלײַכט פון אלע עקן,
צעשיט די גנאָדן אויף מײַן קאָפּ.

אין זיסער מידקײַט פאַלט מײַן רוקן
אויף קילן שטיין — מײַן ווייכע בעט;
איך נעם דאָס אַלץ אַרום באַקוקן,
ביז ווער אין אומרו זיך צערעדט:

„אַ יעדע זאַך וואָס האָט אַ פורעם
און ברענגט פון שיינקײַט דיר אַ גרוס,
מוז טראָגן אין איר טראַכט יסורים
ווײַל רינגלען איר דער גורל מוז...״

כ׳גענען אַזוי צו זאַך מיט פיבער,
איך קלאַפּ אין טויער פון איר טראַכט.
מען עפנט. כ׳שפּאַן די שוועל אַריבער.
איך הער... (ס׳איז וואָר, צי גאָר געדאַכט?)

איך הער געוויין פון יעד׳ באַזונדער
וואָס האָט געשטאַלטונג נאָר געאַנט,
וואָס טראָגט אין זיך דעם שפּור פון װוּנדער,
דעם אָנריר פון יצירהס האַנט.

ס׳איז יעדע זאַך אַ פולער לאָגל
מיט שיינקײַט, בענקשאַפט און געוויין.

אַ קול באַגלייט מיך אין געוואָגל,
אַ שטים גייט־אויף אין מיר אַליין:

„אויף יעדער זאַך דער צער לויערט
זײַט אויפגיין ביז איר אונטערגיין,
אַ שיינקייַט וווינט אין יעדן טרויער,
אַ טרויער הייליקט אַלץ וואָס שיין...

„לאָז ווידער זיך דורך שמאָלע שטעגן
און גיי, און קום, און ברענג אַ גרוס
פון ווייטן לאַנד מיט וווּנדער־וועגן,
וואָס האַלט זיך אויף אין גייערס זכות...״

ב

גאָוועלן

פּנחס ביזבערג
נחמן מיזשעריצקי
שמואל ראָזשאַנסקי

פנחס ביזבערג
בוענאָס־אײַרעס

שיעלע מלמד פאָרט קיין אַרגענטינע

דערציילונג

אין די ווײַטסטע לענדער
זײַנען מיר צעשפּרייט —
יעדער טייל אַ רינגל
אין דער לאַנגער קייט.

בײַ די אַלע טײַכן,
ניט אין בבל בלויז,
זײַנען מיר געזעסן
זוכנדיק אַ הויז.

איצטער איז אונדז טײַער
גאָר די גאַנצע וועלט.
ס'שטייט בײַ ווײַטסטע ברעגן
אונדזערס אַ געצעלט...
אברהם רייזען

דאָס שטעטל לוקעווע איז געגאַנגען כאָדאָראָם. אַ „סלוך" פון אויער צו אויער: דעם באַראָן הירשס שליח שיינבערג זיצט אין ישעיה זילבערשטיינס תבואה־שפּײַכלער און משפּט לוקעווע: מי לחיים ומי למות, אוי מי לפּרנסה און מי... ס'הענגט אָפּ פון שטריך, וואָס ער מאַכט אויפן פּאַפּיר: רויט איז, חלילה, בלײַבן; און בלוי — איז געפאָרן אין ווײַטן אַרגענטינע, צום קוואַל פון פּרנסה, צו די ערדן, ווי לענדער גאַנצע, וואָס דער באַראָן האָט אײַנגעקויפט פאַר זײַנע פאַרוואָגלטע ברידער.

אײַ, דער באַראָן, לאַנג לעבן זאָל ער! ער וועט, ער וועט, ער קען... וואָס, ס'פעלט

אים געלט? אז ער וויל, איז ער בכוח ארויסצונעמען אַלע ייִדן פון דחקות; אז ער וויל, איז אוים לוקעווער קבצנים, אוים געוועלבלעך מיט הערינג־יויך. אוים דלפנים, אוים אײַנגעדרייוועטע דרדקי־מלמדים, אוים שוסטערס לאַטוטניקעס, אוים שנײַדערס קאַשע־פּרעסערס, אוים גרוגרת־דרב־צדוק־ייִדן... דער באַראָן הירש, אז ער וויל?! יאָ, ער וויל רק גוטס טון ייִדן. אָבער זײַן שליח, שיינבערג, איז האַרט ווי שטיין. רק ער פרעגט, רק ער וויל פון איינעם אַרויסקוועטשן אַזאַ תירוץ אויף אַ קלאָץ־קשיא, כדי צו געבן אַ מאַך דעם רויטן צייכן: למות, בלײַבן אין פינצטערן לוקעווע. באַראָן הירש וויל ראַטעווען אַלע ייִדן, גראָד די גרעסטע אביונים, די מחוסרי־לחם, און אים, דעם שליח מיטן האַרטן נגידישן קאַפּעליוש, גלוסטן זיך נאָר — האַרטע הענט, גראָבע עשו־ידים. נאָר גראָבע יונגען וויל ער שיקן אין ארץ זבת חלב ודבש. וואָס זאָלן טון איידעלע מענטשן? זאָלן זיי, שונאי ציון, דאָ אויסגיין פאַר הונגער? אז אים געפעלן נאָר ישובניקעס, קצבים־יונגען, נישט איידעלע ייִדן, תורה־לערנערס, וואָס וואָלטן, נעבעך, אויך געוואָלט קומען צו אַ מדרגה...

זעט, ווי ער קוקט זיך דאָס מיטן אַמסטיבאָוועך בערל קצב, מיט זײַן גראָבן מענה־לשון! אפילו רעכט ריידן מיט אַ מענטשן קען דאָס נישט. הערט רייד:

— פאַרשרײַבט קײַן אגערטינע, מיך דאַרף האָבן דער באַראָן, גאָספּאָדין דער־לעגאַט, נאָט זעט מײַנע הענט... איך בין ניט פון די מענציו, וואָס ווילן, אז צימעס זאָל פאַלן פון הימל... איך, גאָספּאָדין, וויל צימעס פון אייגענער פראַצע... זאָל איך נאָר האָבן כאָטש אַ שטיקל סקאָט יעדן צווייטן טאָג דאַרטן, אין אגערטינע, מאָ, גאָספּאָדין, וועט זײַן פרנסה איבערן קאָפּ...

זיי, די מיוחסים מיט די עשו־לאַפּעס, לאָזט ער צו צום טיש די ערשטע. זיי ווייסן באַלד, וואָס מ׳פאַרלאַנגט פון זיי: גראָבע רייד און אײַזערנע לאַפּעס. פאַר איידעלע מענטשן — אויספּרעגעכצן, רויטע פּאַסיקלעך, און פאַר זיי — לויטער חסד.

אָט שטופּט זיך אין דער ריי — ער דאַרף זיך סײַ ווי סײַ ניט שטופּן, דער שליח נעמט אים אויף ווי אַ לײַבלעכן קרוב — מענדל פון קריוואָרוג. און איידער וואָס־ווען, לייגט ער אַרויף זײַנע האַריקע לאַפּעס אויפן טיש:

— דאָס זײַנען מײַנע הענט, ר׳ דעלעגאַט! אײַ, האָבן זיי געאַרבעט! פון קליין ביז גרויס זײַנען מיר, חס ושלום, נישט קײַן דאַרמעיאַדניקעס... מיר זײַנען געוווינט נאָר אַרום פעלדער, בײַ דער קאָסע, בײַם אַקעראײַזן, בײַ דער בראָנע, ר׳ דעלעגאַט, דאָס איז אונדזער חיות... מײַן סעמייסטווע, אַלע דרײַ זין, זײַנען שוין אָפּגעקומען וואָיענסקי פּאָווינאָסט; אַזוי, ר׳ דעלעגאַט, וועט איר פון אונדז נישט האָבן, חס ושלום, קײַן קלאָפּאָטן, קײַן שום עגמת־נפש...

מ׳האָט באַלד געזען ווי דער שרײַבער האָט געמאַכט אויפן פּאַפּיר אַ גרויסן בלויען פּאַסיק. פאַר די לײַט — לויטער בלויע פּאַסיקלעך: די נסיעה אין שיינעם לאַנד.

טאָמער קומט אַרײַן אַ לײַטישער מענטש, אַ שטיקל בן־תורה, איז חקירה ודרישה. דער טשימערינקער פאַכטער האָט תיכף אויסגעפּועלט מיט זײַן פּזמון, כהאי לשנא:

— איך בין געקומען אײַך ביטען, האַספּאַדי פאַמילוי, מיר ניט ענטזאָגן פון הילפע און ניט אַרויסוואַרפן פון כלל ישראל. כבודו הרמה מוז אַריבער־נעמען מײַן פאַמיליע קײַן אַגערטינע... מײַן פאַמיליעס געשעפט איז געווען: זיי האָבן געהאַלטן אַ פאַקט פון זיבעציק קי... איצט הייסט מען גיין... איצט, האַספּאַדי פאַמילוי, וועט נישט זײַן קײַן פּרנסה פאַר צען מײַלער, נעמט קײַן אַגערטינע, נעמטס אַרויס פון ראַסיי...

אַ בלוי פּאַסיקל.

דאָס זעלביקע מיטן ייִד פון דאָרף פּאָפּעווקע פון טאַווריזער גובערניע, וואָס גייט אָנגעטאָן אין סאָלדאַטישן שינעל, רעדט אַ ייִדיש מיט האַרטע רייִשן און באַ־קלאָגט זיך אויף די צײַטווײַליקע רעכט פון ייִדן אין רוסלאַנד:

— טשאַרט וואָזמי איך, גאָספּאָדין דעלעגאַט, ניעוואָזמאָזשנאַ, מען קען נישט לעבן, כאָטש צערײַס זיך, טשאַרט וואָזמי איך, סוקעני סיני. קומט מען אין אַ נײַ אָרט, יאָגט מען דיך ווײַטער, סוקעני סיני... טאָ, נעמט מיך, גאָספּאָדין דעלעגאַט, צו דעם נײַעם לעבן...

אַ בלוי פּאַסיקל.

אָ, ווי לוקעווער תושבים האָבן מקנא־געווען די דאָזיקע גליקלעכע מיטן בלויען פּאַסיקל! לוקעווע האָט געוואָלט אַרויס פון אייביקן דלות, פון דאַרן זיך דעם קאָפּ אויפן הײַנט, אויפן מאָרגן. גאַנץ לוקעווע וואָלט געפּאַקט פּעק און זעק, קלומיקעס און קוישן, און געפּאָרן אין דעם נײַעם, ווײַטן לאַנד, וואָס דער גוטער נדבן האָט אָנגעגרייט פאַר זײַנע ברידער ווי אַ מנוחה און אַ נחלה. און דאָ זיצט אַזאַ ערנסטער אָדון בײַ די טויערן פונעם געגאַרטן לאַנד און לאָזט נישט צו, קלײַבט מענטשן ווי, להבדיל, ווערעמדיקע אַרבעס. און זכות אָבות מוז מען האָבן, ער זאָל באַוויליקן צו זאָגן „יאָ".

אָט נעמט זיך אָן דער לוקעווער דיין די קריוודע פון זײַנעם אַ בראָקירטן קרוב, טענהט אײַן מיטן שליח:

— אמת ויצב, דער ייִנגערמאַן קנעלט, אַ מלמד־תינוקות איז ער. טאָ טאָר ער שוין נישט לעבן? און רחמנות, ר' דעלעגאַט, וווּ איז? לאָמיר זאָגן, אַז ער, חס ושלום, טויג נישט. טאָ האָט ער דאָך אַ ווײַב מיט קינדער און שוועסטערן, גרויסע אויסטויגערקעס! אַ גרויסע קונץ צו מעלקן אַ בהמה? די צווייטע קונץ פון פעדערן שלייסן! זיי וועלן אים שוין העלפן אַרומגיין אַרום גאָרטנוואַרג. טאָ, זײַט אים נישט מדחה, איר פאַרשטייט, פּשוט צער-בעלי־חיים...

אָבער, וואָס העלפן דעם לוקעווער דיינס רייד, אַז דער דעלעגאַט דערקלערט,

אַז ס׳איז אַ בפירושער באַפעל פון אים, דעם באַראָן הירשן אַליין, נישט אָנצונעמען ווייבע, ווייסע הענטלעך, נישט קיין מלמדים, נישט קיין אַנדערע כלי־קודש, נאָר מדקדק זיין אויף הענט מיט מאַזאָליעס, וואָס קענען אַרבעטן...

שיעלע האָט באַשלאָסן, אַז פון דאַנען וועט ער נישט אַוועק אַ לעבעדיקער. און אַז זיין קרוב, דער דיין ר׳ שמחה, קלייַבט זיך אויפצוגעבן דאָס שתדלנות מיט אַ „מילא, מאַ״, שטייט דאָס דאַרע מלמדל, מיט זיינע איינגעפאַלענע באַקן, מיטן האַרטן פּיצימאָנטשיקן בערדעלע, שאָקלט זיך, שאָקלט זיך איבערן שטאַרק־אומגעדולדיקן דעלעגאַט און טענהט אין אים אַריין מיט אַ קוויטשעדיקן קולכל:

— מיך, ר׳ דעלעגאַט, קען מען נישט און טאָר מען נישט אויסבראַקירן, הן על פּי יושר והן על פּי מענטשלעכקייט... איי, איר זאָגט, אַז כ׳בין אַ דאַרער? איז ווינציק דאַרע מענטשן דאָ אויף דער וועלט? געפעל איך אייך דווקא נישט, האָ? זאָג איך אייך, אַז פון מיר וועט איר קיין נעפריאַטנאָסט נישט האָבן... איר רעדט זיך מסתמא איין, אַז איך בין אַ שוואַכער מענטש, טויג צו גאָר נישט...

דער דעלעגאַט וויל אים ווידער צום וויפלסטן מאָל דערקלערן, אַז על פּי רעגלאַמענט פון פּאַריז קען נישט אַזאַ סאָרט מענטש פאָרן קיין אַרגענטינע. רייסט אים אָבער דאָס לולבדיקע יידל איבער:

— כ׳ווייס, כ׳ווייס שוין לכתחילה, וואָס איר וועט זאָגן, וואָס איר ווילט זאָגן... אַז איך וועל דאָרטן נישט טויגן צו עבודת האדמה... זאָג איך אייך, בהן שלי: איך וועל טויגן! וואָס דען, איך וועל נישט טויגן? לאָזט אייך דינען! איר זאָגט, איך בין אַ שוואַכער מענטש. אין אַרגענטינע וועל איך בעזרת השם יתברך געהאָלפן ווערן... איך דאַרף האָבן וואָזדוך! וואָזדוך דאַרף איך האָבן, זומער אַ דאַטשע, ביימער, סאָסנאָווע ביימער, זשיוויצע־ריחות, און ווינטער אַ וואַרעם אָרט...

— אָבער, מיין ליבער ייִד, אַרגענטינע איז דאָך נישט קיין אָרט פון דאַטשעס! ס׳איז אַן אָרט פון שווערער פּראַצע...

— נו, מילא, מאַ, וואָס מאַכט איר אַן אַזאַ רעש? וועט מען אַ ביסל אַרבעטן! אויך מיר אַ זאַך אַרבעטן! איר זאָלט מיר מוחל זיין, ר׳ דעלעגאַט, איר וועט נישט וואַרפן. איר וועט נישט האָבן קיין יאַנעס צו וואַרפן אַ ייִדן...

— ר׳ ייִד, ס׳איז ממש נישטאָ קיין צייט, מ׳דאַרף אויסהערן אַנדערע ייִדן...

— מיך מוזט איר הערן ביזן סוף! איר זאָגט, כ׳על נישט קענען אַקערן די ערד? און מלמדות הייסט נישט אַקערן די ערד מיט דער נאָז? נאָך ערגער ווי אַקערן! צו האָבן צו טאָן מיט די בעלי־בתים, מיט די תלמידים, די בורים, איי , ר׳ דעלעגאַט, איז אַ סך שווערער, ווי דאָרטן צו אַקערן מיטן אַקעראייזן, און וואָס מ׳שפּאַנט אָקסן... אַז מ׳קען אַקערן די ערד מיט דער נאָז, וועט מען נישט אַקערן מיט בהמות? ווילט איר מיך בראַקירן? ניין, איר וועט עס נישט טון!

— דער באַראָן האָט אָנגעזאָגט, אַז...

דאָס מלמדל לאָזט נישט אָפּ:

— שוין, ווידער דער באַראָן. טראַכט אויס תירוצים! און אז אפילו דער באַראָן, איז וואָס? מה־דאָך, דער רבונו של עולם אַליין ציט צום וויפלטן מאָל צוריק דעם סאַמע שטרענגסטן פּסק־דין, טאָ מכל שכן דער באַראָן, וואָס איז דאָך נאָר אַ בשר ודם!... וואָס ווייס דער נדבן פון די פּלאָגנישן פון אַזאַ אָרעם באַשעפעניש, ווי אַ שוּעלע מלמד, וואָס כל ימיו איז עס פאַרשטיקט אין שטוב? איך שווער אייך, ר' דעלעגאַט, אַז כ'גיי נישט אַרויס מפתח ביתי אַ חוץ שבת... וואָס ווייסט איר, ווי איך בין טרוד... מ'האָט אפילו נישט צו ציַיט אָפּצועסן און אָפּצוטרינקען כנהוג... דאָס מלמדות נעמט אַוועק די כוחות! איר האָט שוין אַ מאָל געפּרוּווט צו זיַין אַ דרדקי־מלמד, ר' דעלעגאַט? איך, אַז כ'האָב נאָר אַ שטיקל יומא דפגרא, זע איך טאַקע בעסער אויס. בכן, איז עבודת אדמה אַ סך לייַכטער ווי האָקן האָלץ מיט תינוקות של בית רבן...

שיינבערג פּאַכעט זיך דעם פאַרשוויצטן שטערן מיטן האַרטן קאַפּעליוש. קוים מיט צרות גלינגט אים איַינצוּוועבן אַ וואָרט אין מלמדלס פליַיץ פון רייד:

— אָבער, ליבער ר' ייִד, אַלץ רעכט, איר זענט דאָך אָבער אַ חלוש, לא עלינו, און צו ערד־אַרבעט דאַרף מען ממש האָבן כוח, ר' ייִד...

דאָס קען שוּעלע נישט פאַרטראָגן און ער ענטפערט אָפּ מיט האַרץ:

— וואָס רעדט איר, ר' דעלעגאַט? איר האָט גאָרנישט קיין אמונה אין דעם וואָס לעבט אייביק? אַז מ'וועט דאַרפן, וועט השי"ת געבן כוחות, און רעיתי איז אויך נישט קיין שלימזלניצע. איך האָב אייַך שוין געזאָגט, אַז זי טויג צו סאַדאָוו־סטווע. בסלאָנים האָבן מיר געהאַט אַ גרויסן גאָרטן, פלעגט זי אים אַליין פאַרזייען, אַרומגיין אַרום אים. און אַ בהמה האָבן מיר אויך געהאַט. פּש, פּש, איר גלעזל פריש־שע מילך האָט מיך ממש דערהאַלטן בייַם לעבן. געוועזן מיט אַזאַ אייַנגעפּאַלענער ברוסט... און אַ שטיקל פרישן קעז, און מילכיקס אויף שבועות... ר' דעלעגאַט, זעט איר שוין אַליין סאַראַ געהויבענע בריה אשתי, שתחיה, איז... איז, היוצא לנו מדברינו? אַז אם ירצה השם, וועל איך טויגן צו אַרגענטינע ווי אַנדערע...

— און היונה, די ערשטע צייַט? ביז דער קרעטשמע דאַרף מען דאָך אויך אַ טרונק בראָנפן?

שוּעלע איז אש־להבה:

— ר' דעלעגאַט, איר מיינט, אַז איר האָט צו טון מיט עפּעס אַן ערום וחוסר כל? איך, אַז כ'וועל פאָרן קיין אַרגענטינע, וועל איך נישט פאָרן מיט ליידיקע הענט. מ'עט שוין זאָרגן, אַז כ'זאָל צונויפקלייַבן אַ שלש מאות ר"כ... און אַ חוץ דעם, ווו שטייט דאָס געשריבן, אַ אַ מענטש מוז אַ גאַנצן טאָג האָרעווען בידים? און דער שכל ווו איז? מענטשן זאָגן, אַז דאָרטן איז ב"ה דאָ אַ מסחר מיט פּרות, עט מען האַנדלען מיט פּרות, און אַ ביסל תבואה... און צוריקגעשמועסט, פאַרוואָס זאָל

איך נישט דאָרטן זײַן אַ שטיקל בעל־מחנך תינוקות של בית רבן? ייִדן װעלן דאָרטן אויך מקיים זײַן די מצווה פון פּריה ורביה... קינדער װעלן נישט פעלן...

אויף אַזאַ אופן האָט שיִעלע מלחמה געהאַלטן פאַרן זכות צו קענען װערן אַרײַנגערעכנט צװישן דער ערשטער גרופּע פון באַראָנס קאָלאָניסטן. און אַז דער שליח שײנבערג האָט אים שױן נישט געװאָלט מער אויסהערן, איז דאָס מלמדל אָנגעקומען צו זײַן לעצטן מיטל: חיה־רחל. װאָרום דאָס, װאָס שיִעלע פּועלט נישט אויס דורך זײַן חתוך־הדיבור, דערגרייכט עס חיה־רחל דורך איר טאָפּלטער גרייס, דורך איר מעכטיקער פיגור, װאָס איז אײַנגעהילט און פאַרבאָרגן אין אַ האַלבער טוץ פאַרשיידענע בגדים.

קודם־כל האָט זי אויסגעשטרעקט אירע צוויי רויטע, שווערע, פאַרהאָרעוועטע הענט פון וועש־וואַשן, טייג־קנעטן, קאַרטאָפל־שיילן, קוישן־שלעפּן, האָט נישט גערעדט, נאָר געמאָלט:

— דעלעגאַט, מײַן גאָלדשפּינער האָט שוין גערעדט... איך וועל שוין נישט ריידן. וואָס קען אַן אָרעמע ייִדענע ריידן? נאָר זאָגן וויל איך אײַך: איך וויל זען, אַז דער באַראָן זאָל האָבן ס׳וואָגעניש אָפּצוזאָגן אַ בידנער געפּלאָגטער אשה, וואָס רק זי לײַדט געבערענטש און געבראָטנס! ס׳איז אײַך ניעפּריִאַטנע צו הערן? איר וועט נאָך הערן און הערן, ביז די ניעספּראַוועדליוואָסט וועט נישט זײַן... דער באַראָן וועט נישט לאָזן ווערן אויסגעריסן אַ וויסטע, אָרעמע ייִדענע, נאָך ערגער ווי אַן אלמנה...

חיה־רחל איז אַרויסגעגאַנגען אַ טריִומפירנדיקע פון ישעיה זילבערשטיינס שפּײַכלער. דער שליח האָט זיך אין דער שטיל איבערגערעדט מיטן שרײַבערל און דער פּסק־דין איז געווען, אַז היות יעדע פון די פּופציק משפחות דאַרף דאָך האָבן עפּעס אַ שטיקל ידען אין די דריבנע אותיותלעך, טאָ ווערט שיִעלע פאַרשריבן ווי איינער פון די כלי־קודש אין נײַעם לאַנד.

*****

זשעטל, אַמסטיבאָווע, לוקעווע, סלאָנים, וואָלקאָוויסק און ייִדן פון גאַנץ גראָדנער קרײַז האָבן זיך געגרייט צו דער נסיעה.

ראשית כל גייט אַ סדרה פּאַפּירן. און וועלכער ייִד האָט דאָס לײַטישע פּאַפּירן? וועלכער ייִד האָט סײַ די יאָרן סײַ דעם נאָמען אין אָרדענונג? אַז אין „ספּיסאָק“ שטייט יעקב אהרן בלעכער פאַרשריבן, אַז ר׳איז אַלט 50 יאָר; אין דער ריכטיקײַט איז ער אַ סך ייִנגער; טאָ על פּי „נאַטשאַלסטוואָ“ האַנדלט עס זיך דאָ פון אַן אַנדערן יעקב אהרן. אברהם הימלקוקערן איז גאָר אײַנגעפאַלן צו פאַרשרײַבן צוויי ייִנגלעך פאַר אַ צווילינג; איז מיט דעם צווילינג געשען אַ מערקווערדיקער נס: יעדער פון דעם צווילינג איז פאַרשיידן אַלט. און בײַ חיים בער הויקער האָט זיך געטראָפן אַזאַ מין פאַרדרייעניש: איין ייִנגל האָט מען פאַרשריבן אין שטעטל זשעטל אונטערן

נאָמען בנימין־יעקב, און אַז מ'האָט זיך איבערגעצויגן קיין באַראַנאָוויטש, האָט מען געדאַרפט אים איבערשרייבן, האָט דער שרייבער דעם זעלביקן בנימין־יעקבן אַ נאָמען געגעבן יעקב אַליין. יעקב איז געשטאַנען צום פּריזיוו, מ'האָט געטאָן וואָס מ'דאַרף און ער איז נישט אַריינגעפאַלן צו די יונים. ויהי היום, איז אַריינגעקומען צו חיים־בער דעם הויקער דער סטראַזשניק וואַסילי מיט אַ פּאַפּיר און האָט געמאָנט נאָך אַ זון, בעניאַמין, „פּאַ זאַקאָנו יעווא אימפּעראַטאָרסקאַוואַ וועליטשעסטוואַ“, און זאָל „ניעפּרימעננאַ“ זיין נאָך אַ זון, בעניאַמין, „סלושיי, יעוורעיטשיק“! ס'האָט זיך טאַקע אַרומגעדרייט אין שטוב אַ בנימין, דער מוזיניק, וואָס איז סך־הכל געווען אַלט זיבן יאָר און האָט נאָך נישט געדאַרפט שטיין צום פּריזיוו... אָבער דער סטראַזשניק וואַסילי מיט זיינע דראָטענע וואָנצעס און מיטן ריח פון 57ער „מאָנאָפּאָל“ האָט געפּאָכעט מיטן פּאַפּיר:

— דאַוויַיטיע, סוקיני סיני, יעוורעיסקיָע מאָרדי, סינאַ בעניאַמינאַ. סלושיי־טיע?...

כדי צו באַקומען די „וויכאַדנאַיע“, דעם גובערנאַטאָרסקן פּאַס, צו פאַרלאָזן ס'געבענטשטע לאַנד, האָט מען געמוזט פון אַלע זייטן טיילן שלח־מנות, פון גרויסן ביזן קלענסטן, 25קערס, צענערלעך, און אַ שרייבערל פון אַ קאַנצעלאַריע האָט באַקומען אין יד אַריין אַ הרייערל, כדי די פּאַפּירן מיט זייערע שטעמפּלען זאָלן גיין ווי מ'דאַרף, און זאָלן טאַקע אָנקומען צו דער צייט, און אַז מ'זאָל זיך נישט גריבלען צופיל מיט אַ דאַטע, מיט אַ נאָמען, מיט אַ פּינטעלע...

נאָך דעם איז געגאַנגען אַ סדרה דירות: פאַרקויפן די ירושה־שטיבער. וואָס גרעסער די הייזקע, אַלץ גרעסער דער קלאַפּאָט. די קונים געפינען נאָר אוים חסרונות, קיין שום מעלה ניט, גיבן אַ זאָג אַ מקח, אַז עס ווערט פינצטער אין די אויגן. קאָפּיקעס וויל מען צאָלן. מציאות וויל מען קויפן. דערווערגן וויל מען. אַ שטוב וויל מען קויפן פאַרן זעלביקן פּרייז ווי אַ פערד. ס'הייבט אָן צו פאַרדריסן, באַנג צו טאָן. מ'געדענקט נאָך, אַז געהילץ פאַר דער הייזקע האָט געקאָסט הונדערטער רובל. די בעסטע סאָסנאָווע ברעטער, די דרענגער אונטערצושפּאַרן פון דעמב. אַ הויז אַ באַרג, אַ פעלדז. אַ דאַך פון די בעסטע געדיכטע שינדלען. און אויוועגעם מיט ווייסע קאַכלעס, ציגן, רויכערן נישט. פאַר דעם אַלעם וויל מען צאָלן אַ שיבוש. ס'וועט נישט סטייען אויף אַ דריטל הוצאות. אויך פאַר די שווערע געשניצטע קרעדענצן וויל מען גאָרנישט צאָלן. דאָס זעלביקע פאַר די פעלצן, וואָס דאָרטן, אין נייעם לאַנד, דאַרף מען זיי נישט האָבן. וויל מען פאַר זיי ביטן אַזאַ מקח, אַז ס'הייסט פשוט אוועקשענקען. שיַעלע האָט דערפאַר באַשלאָסן, אַז ער נעמט מיט אי זיין שאָפּענעם פעלץ, אי חיה־רחלס ווינטערדיקע שובע. ער האָט געהערט, אַז אין דעם „אַרגענטינע“ גיט אַ סך מאָל אַ בלאָז אַזאַ קאַלטער ווינט, אַז ס'איז אַ סך ערגער ווי אין רוסלאַנד. איז איידער אוועקשענקען, טאָ איז גלייכער מיטנעמען. אַ חוץ דעם קען מען דאָך מיט

אזוינע פעלצן אויסבעטן דאס שענסטע געלעגער. אלץ גלייכער ווי אוועקגעבן די רוצחים, וואס טשאטעווען אויף יענעמס הארעוואניע...

ס'רעדט זיך גאר אזוי פארן, ארויסרייסן זיך פון אן ערטל אן איינגעווארעמטס, ווו ס'איז ליב יעדעסביימל, יעדעס ווינקעלע, ווו מ'האט געלערנט אין חדר, זיך געשפילט, ווו מ'האט די גאנצע משפחה — מיט א מאל ווערט אלץ אזוי ליב, און ס'איז א שאד צו פארלאזן, אז ס'גלוסט זיך ארייננעמען אין זיך, איינקריצן אין זכרון פארן אוועקפארן דאס ליבע, דאס נאענטע, דאס וועגל ווו מ'האט שפאצירט מיט דער כלה, דאס טייכל ווו מ'האט זיך געבאדן א זומערדיקן ערב שבת, דאס בעריאזעוועלדל. עלטערע מענטשן טוט גאר באנג אויפן הייליקן ארט. אזוי האט פנחס מיט דער געשפאלטענער ליפ חרטה אויף דער וויטער נסיעה אין סאמע לעצטן מאמענט. ער איז שוין געהאט געפארן קיין סוויסלאטש זיך געזעגענען מיט דער משפחה, מיט דער לעבעדיקער און מיט די שוכני־עפר אויפן סוויסלאטשער בית־החיים, זיך געזעגענען מיט די עלטער־זיידעס און מיט זייערע כמעט פארזונקענע מצבות און די אפגעריבענע אותיות; ער איז געפארן זיך אויסוויינען צום לעצטן מאל מיט די זיידעס, באבעס, מיט טאטע-מאמע אונטערן געשטיין. האבן די ביימער די ברייטצווייגיקע אויפן בית-עלמין גערוישט מיט זייערע בלעטער, און ס'האט זיך אים געדוכטן, אז דער גאנצער וואלד פון גרויען געשטיין האט פרעטענזיעס צו אים:

— וואס הייסט, ווי לאזט מען דאס הפקר אזא גוט ארט מיט אזוי פיל גוטע יידן? ווי וועסטו דאס דארטן אונטער די הרי־חושך קענען מקיים־זיין דעם מנהג פון קבר אבות? און ווער, פנחס, וועט זארגן פאר די קברים, אז זיי זאלן, חס ושלום, נישט ארייינפאלן אין רשות פון מלאך פון שכחה?...

און די לעבעדיקע קרובים האבן אויך אוועקגעלייגט פאר פנחסן א גאנצן בארג מיט טענות:

— ער גייט פארן קיין אגערטינע, א לאנד, וואס מ'ווייסט נישט דערפון וואס דאס איז, אן אויסרייסעניש איז עס זיכער, עקדישן און ווילדע חיות, היצן ווי אין א קאלך־אויוון. גייט ער דארטן פארפאלן ווערן... פון די אלע גליקן, וואס די ליגנערס פון באראן זאגן צו, וועט זיך אויסלאזן א טייך... און חוץ לזה איז אין דעם אגערטינע פאראן א שטאט, איז זי לויטער הפקרות, ר"ל... און ווער קען גאראנטירן, אז ער, פנחס, וועט דארטן נישט אראפ פון גלייכן וועג? וואס, דער באראן איז דאס אזא צדיק? פון דעם בינעזאיירעז האט מען זיך שוין געגוג גוטס אנגעהערט. איז דאס שוין איין מאל א באשלאסענע זאך, אז גנעסיע וועט נישט פארן. ער, פנחס, אז ער שפארט זיך דווקא איין, קען פארן, וועט זיין נאך אן עגונה אויף דער וועלט... אבער זיי גלייבן, אז ער האט נאך א גאט אין הארצן, און וועט נישט מפקיר זיין ווייב און קינדער אין אזא הפקרדיקער שטאט, א בינעזאיירעז...

פנחס מיט דער געשפאלטענער ליפ איז געבליבן אין לוקעווע.

***

דאָס קליינע, דאָרע שיִעלע האָט זיך געגרייט מיט חשק צו דער נסיעה. די שלש מאות ר"כ זיַינען געווען, און נאָך מיט אַ שמיץ אַריבער. דער גובערנאַטאָרסקי פּאַס פאַר די צען נפשות איז געלעגן גרייט אין בוזעם־קעשענע. מיט ירושה־שטיבער האָט שיִעלע נישט געהאַט צו טון, אַזוי אַז ער האָט זיך געקענט אָפּגעבן כדבעי מיט די הכנות צו דער רייַזע. פאַר חנוכה האָט די שיף פון זיַין חברותא געדאַרפט אָפּגיין פון ליִבאַווע. שיִעלע האָט שוין געוווּסט פון אויסנווייניק דעם גאַנצן מאַרשרוט, אין וועלכע שטעט, אין וועלכע פּאָרטן מ'וועט זיך אָפּשטעלן, וויפל וואָג געפּעק מ'דאַרף מיטנעמען, און אַז קיין אַרגענטינע לוינט זיך מיטצונעמען וואָס מער סחורה, וויַיל אַלץ פאַרצוקערט מען דאָרטן.

דערוויַיל האָט ער זיך געפּילנעוועט. געטרונקען מילך מיט האָניק, געגעסן יאַיטשניצעס, הינערישע יויכן און טאַקע גענומען אויף זיך וואָג. געוואָרן זשוואָווע. מ'האָט באַלד אָנגעזען די פּעולה פון דעם, וואָס עס איז אַראָפּ פון אים דער עול פון מלמדות, פון די פאַרריסענע בעלי־בתים און פון רייַסן זיך די קעל מיט די לאָבוסעס. האָט שיִעלע טאַקע אויסגעזען שענער, די בעקעלעך פולער, דאָס בערדל וויַיכער, דאָס קולכל אַפילו גלאַטער. מיט ישוב־הדעת האָט ער זיך אייַנגעשאַפט אַ די מכשירים צו זיַין כלי־קודשסטווע, אַ די זאַכן צו זיַין עבודת־האדמה. ער האָט, למשל, אייַנגעקויפט עטלעכע גענג ספרים עם פירוש בית לוי ומטה לוי און חומשים מיטן פירוש מלבוש (מ'וועט דאָך דאָרטן זיַין אַ שטיקל מורה־דרך, טאָ דאַרף מען קענען פאַרן עולם אויסזוכן עפּעס אַ דרשל, אַ חידושל); ער האָט אייַנגעהאַנדלט אַ פּאַר הונדערט פּעקלעך ציצות (פרנסה), אַ 50 כל־בו־סידורים צו פאַרקויפן מיט ריוח, אַ ביסל מגילת־אסתר, אַ פּאַר הונדערט פּאַסן רצועות (אין אַרגענטינע איז דאָס מין זייער חשוב). שיִעלע האָט אויך אייַנגעפּאַקט אַ דריַיסיק גענג עשרים וארבעה, אַ צוואַנציק טליתים (דאָס אַלץ איז פרנסה).

בפני כל עם ועדה האָט זיך שיִעלע געגרויסט, אַז מן הסתם האָט דער באַראָן אין סאַמע פּאַריזש זיך דערוווּסט, אַז ער קען ב"ה לערנען, דערפאַר וועט מען אים אוודאי דאָרטן באַשטימען פאַרן מרא דאתרא. דאָס איז שוין נישט געווען דאָס הכנהדיקע שיִעלע, וואָס פלעגט זיך בוקן אין דרייַען פאַר די בעלי־בתים אין אָנהייב פון יעדן זמן. איצט איז ער געווען גאָר אַן אַנדער מענטש. פלעגט שוין אונטערהאָצקען גאָר האָפעררדיק. נישט בלויז ער וועט זיַין דאָרטן, אם ירצה השם, מדריך, נאָר ער וועט בפירוש אויך זיַין דער עובד אדמתו ישבע לחם — תורה עם דרך ארץ. ער האָט זיך טאַקע אויך מכין־געווען צו דעם: אייַנגעקויפט „נאַשיענעס" אַלערליי, אייַנגעהאַנדלט סטאָליאַרסקע געציַיג, אַ פלוגל, אַ פּאַר כאָמעטעס, פּאָסטראָנקעס, פיר פּאָר רעדער פאַר אַ בריטשקע, מיטגענומען וואַלגערהאָלצן, „קוביקעס" צו טרינקען. געהאַלטן בסוד, אַז ער נעמט מיט פון יעדער זאַך צו פּאָרן, טוצן (אין אַרגענטינע איז אַלץ מיט גאָלד צוגליַיך); ווען דער ספר־תורה, וואָס ער האָט אָפּגעקויפט ביַים

טאוורישער ייִד, האָט נישט געוווּסט קיין יליד אשה. ער האָט זי פּאַרפּאַקט גאָר טיף אין קויש אַריין. דאָרטן וועט עס זיין גאָר אַן אמת סיורפּריזל, אַן אמתע סגולה צו פּרנסה בשפע, אי אַן חשיבות, אי אַן אייגענער מנין. אם ירצה השם, דאָרטן וועט זיין אוים שיִעלע מלמד, מ׳וועט זיך סטאַרען, ס׳זאָל ווערן אַ ר׳ יהושוע...

— גענוג זיך געפּלאָגט אין לוקעווע! כ׳לעבן, שוין צייט אויפגעריכט צו ווערן...

נאָך אַ סוד, פון וועלכן קיינער האָט נישט געוווּסט: ער נעמט מיט אַ פּאָר רים שרייב־פּאַפּיר: אַ מדריך מוז האָבן אויף וואָס צו שרייבן. אפשר אַ מאָל אַ חיבור... אַ מאָל האָט ער שוין אויסגעפּרוּווט דאָס מין כשרונות: פאַרפאַסט אַ שיר לכבוד דעם געבוירנטאָג פון אדוני הקייסער ירום הודו... טאָ וועט ער אין וויטן אַרגענטינע, אם ירצה השם, אויך זיין אַ משורר בחסד עליון... ס׳קען זיך מאַכן אַ יומא דפּגרא פון עפּעס אַ מושל פון יענעם לאַנד, אָדער גאָר די געבוירנטאָג פונעם באַראָן מיט דער באַראָנעשע, און דאָרטן וועט דאָך דער קאָפּ זיין אויסגערוט, איש תחת תאנתו ואיש תחת גפנו, וועט מען אויך מאַכן שירים... קיין עין הרע, ס׳וועט זיין גוט און ס׳מוז זיין גוט...

אַזוי האָבן זיך לוקעווער ייִדן געגרייט, זיך מתווכח־געווען גאַנצע טעג וועגן אַרגענטינע, וועגן דעם קלימאַט, וועגן דער ערד דאָרטן. יעדער האָט זיך געחלומט אויף זיין אופן, ביז ס׳איז אָנגעקומען די טעלעגראַמע פון גראָדנע, אַז מ׳דאַרף זיך גרייטן אָפּצופאָרן אין ליבאַווע, צום פּאָרט, פון וואַנען די שיף וועט זיי פירן ביז גענוע און פון דאָרטן, אַ פּאָר וואָכן אויף אַ נאָך גרעסערער שיף קיין אַרגענטינע.

קיין פּאַניק האָט מען נישט געלעקט אויף דער נסיעה. קודם־כל האָט די שיף אַרויסגעטרייסלט פון שיִעלען ס׳גאַנצע ביסל חיות. ער האָט שוין באַלד ווידער אויסגעזען, נישט היינט געדאַכט, ווי דעמאָלט ביים מלמדות. און דערצו האָט אים חיה־רחל געיאָדעט אָן דין און אָן משפּט. פון דער קאַיקע אַראָפּ האָט זי אים געגעסן די לעבער, אַז ער האָט זיי פאַרפירט אויף אַ בייזן ים, כדי הס וחלילה זיי אומצוברענגען... אַז ער איז אַ ייִד אַ רוצח, וואָס האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון עפּעס שאַרלאַטאַנעס און איר איינגערעדט, זי זאָל מיטפאָרן מיט אים אין די הרי־חושך אַריין... הלוואי זאָל עס זיך גוט ענדיקן, ווי זי וועט אים דערפאַר אָפּצאָלן כפל כפלים... פאַר דער גאַנצער וועלט וועט זי אים פאַרשוואַרצן דאָס פּנים...

— אַ מענטש זיצט זיך רויִק אין לוקעווע, האָט צו טרינקען און צו עסן, פאַרגלוסט זיך אים אַגערטינע, אַגערטינע...

לאָ די, וואָס די שיף הוידעט, אַרויף און אַראָפּ, וואָס מ׳קען נישט טראַכטן פון קיין אַנדער זאַך ווי פון אינגעווייד, וואָס אַט־אַט וועט מען דאָס גאַנצע בינטל געדערעם אויסשפּייען אויף דער אויבערפלאַך, מאָלט זי, פּונקט ווי ער, שיִעלע, וואָלט שולדיק געווען אין דעם, וואָס דער ים שטורעמט, און וויל רק אַרויסקריגן פון זיי די גרינע גאַל.

געלויבט דער אויבערשטער! אַ געווייסן פרימאָרגן איז דער אוקינוס געוואָרן אַזוי גלאַט אַז אַ קנייטשל, ווי עפּעס אַ סאַזשעלקע פון פיש. אַז מ'איז פאַרבײַגעפאָרן די ברעגעס פון פּאָרטוגאַל, האָט די זון געוואַרעמט, ווי אין לוקעווע אין חודש סיוון. שײַלע האָט אויפגעלעבט, גערעשט, אָרגאַניזירט אַ דאַווענען בציבור, אונטערגעהאָצקעט און אונטערגעברומט אַלערלײ שמחת־תורהדיקע זמרלעך. חיה־רחל און נאָך אַזעלכע אומצופרידענע האָבן אַפילו געקרומט מיט די נעזער מכוח דעם עסן, וואָס דער באַראָן הירש גיט די עמיגראַנטן.

— לויטן עסן אויף דער שיף קען מען זען מען זען סאַראַ קעסט מ'עט האָבן אין דעם אַגערטינע... אַלע טאָג די גויִישע פיש, זופּ פון פיש... פע, דעם באַראָן הירשס עסנס...

אַ טייל ייִדענעס האָבן זיך נישט פאַרלאָזט אויף דעם, וואָס מען טיילט אויס אויף די לאַנגע הילצערנע טישן. זיי האָבן זיך צוגעשפּײַזט מיט די אייגענע זאַפּאַסן עסנוואַרג, מצה־פאַרפל, געגנדזענע שמאַלץ, געבעקסן. דאָס שילטן דעם באַראָן, וואָס גייט פאַרשלעפּן ייִדן אין ווײַטע וויסטע מדבריות, איז געווען גלאַט אַזוי צוליב פאַרברענגעכץ.

שײַלע האָט געהאַלטן מיט אַלע צדדים, סײַ מיט דעם צד וואָס איז אש להבה אויפן באַראָן, וואָס, נישקשה, וואָלט געמעגט זאָרגן, אַז די אכילה זאָל זײַן אַ ביסל בעסער, און סײַ מיט די ייִדן, די מליץ־יושרדיקע, וואָס חלומען פון ווײַטן אַרגענטינע ווי פון אַ צוקונפטיקן גן־עדן, וווּ מ'וועט זײַן פּאָמיעשטשיקעס מיט סוסים, בהמות צו מעלקן, מיט קאַטשן מיט פיר פערד נאַשפּיץ, מיט שפּײַכלערס פול מיט תבואה און מיט ביימער באַלאָדענע מיט פירות.

לוקעווער וואָלטן שײַלען נישט דערקענט. זײַן מאָגער מײַזיש פּנימל, וואָס האָט דאָרטן אין שטעטל געהאַט דעם חותם פון דחקות, דערנידעריקונג, האָט אָנגעהויבן זיך צו פאַרקײַלעכיקן. אַ חוץ געווייסע עסנס, וואָס ער האָט זיך מתיר־געווען פון דער שיף־קיך, האָט אים חיה־רחל געפּילעוועט מיט אײַנגעמאַכץ און אַלערלײ וואַרעניעס. אין די האַפּנס האָט מען געמאַכט שהחיינוס איבער די פירות פון די ווײַטע, וואַרעמע מדינות.

און אַזוי פיל פרישע לופט האָבן שײַלעס לונגען קײַן מאָל נישט אײַנגעאָטעמט. מ'וואָלט געדאַרפט אָנקוקן יואליקן דעם קליינעם, בלאַסן און באַראַצטן יונג, וואָס חיה־רחל פלעגט תמיד אויף אים זאָגן, אַז זײַן לעבן הענגט אויף אַ האָר; דאָ האָט ער באַקומען באַקן און ס'הערט נישט אויף צו אַכלען אַ גאַנצן טאָג. און שרהקע און דבורהקע, די פריער אַזוי שטילע ווי גראַז מלמדישע כלה־מיידן, האָבן באַקומען לשון. זעט נאָר, ווי זיי האָבן דאָס אַזוי גיך געלערנט די תורה צו ריידן מיט בחורים, און חנדלען זיך! יעדן טאָג פאַרקעמען זיך אַנדערש, יעדן טאָג פלעכטן אַרײַן אַן אַנדער מין בענדל אין די צעפּלעך. חיה־רחלען דווקא אַרט עס נישט. זי איז שוין אַ

ביסל בעסער געווארן, זיך שוין נישט אזוי געכעסט, ווען זי האט גערעדט צו איר שיעלען. שוין א פאר טעג, ווי זי האט אים נישט גערופן „געשפאן“, „אויסטויגער“ און אנדערע צונעמענישן. ערשטנס האט עס נישט געפאסט צווישן מענטשן און צווייטנס האט זי זיך אליין געמוזט צוגעבן, אז פון איצט אן איז שיעלעס מערכה גע־ווארן דערהויבן, שוין מיט דעם, וואס מ׳שדכנט זיך צו די צוויי מיידן, וואס אין לוקעווע זיינען זיי געווען א קנאפע סחורה. זי האט אויך הנאה־געהאט פון דער ווארעמער זון, פון דעם ים מיט די פליענדיקע פיש, און זי האט מיט א מאל באקומען צוטרוי צו איר שיעלען, וואס, נישקשה, איז לייטישער און קליגער ווי אלע אנדערע, און ער וועט אלעמען איבערוואקסן אין דער נייער מדינה, אויף צעפיקעניש די שונאים.

***

די פאדאליער האבן זיך שטארק געפרייט מיטן אנקומען פון דער נייער גרופע גרינע. ס׳וועט ווערן לעבעדיקער אין דער קאלאניע. ווייל לעצטנס האבן א סך אומ־צופרידענע פארלאזן מאגניגאטעס און אוועק אין די שטעטלעך, געמאכט דארטן קלייטלעך. אן אנדער טייל איז אוועק אין בוענאס־איירעס און געקלאפט איבער די טירן פון די פארשטעטט מיט קאלדרעס, האנטיכער, סחורה־רעשטלעך אדער בכלל מיט צעלניק. די ליימענע שטיבלעך אין קאלאניע זיינען געשטאנען פוסטע, די ווענט האבן זיך געשפאלטן, גראזן זיינען זיי ארומגעוואקסן, מערעשניקעס האבן זיך אי־נעווייניק איינגענעסטעט. אן אומעט האט ארומגענומען: מ׳איז דא אזוי ווינציק, אין ווייטן סטעפ. און דא מיט א מאל אזויפיל פרייד! די אדמיניסטראציע האט נישט נאר אויפגעפרישט, ארומגערייניקט פון ווילדע גראזן, אויסגעקאלכט די שטיב־לעך, אויסגעבויט אין די הייף באק־אויוונס, נאר אפילו צוגעסטראיעט זעכציק נייע שטיבלעך, צווישן זיי א נייע שטוב פארן לערער, פארן מלמד; דאס הייסט, עס וועט פארט זיין א ישוב! נישט ווי די שווארצזעערס זאגן פארויס, אז אלץ וועט זיך צעלויפן. איי, מ׳האט שוין ווידער אומגעבראכט א מענטשן? מילא, דאס זיינען קרבנות פון נייעם ישוב. אן קרבנות קען נישט זיין א נייער ישוב. די ערד ווערט גע־הייליקט מיט די קברים פון די קדושים. יעדער וואס פאלט פארן קהל איז א קדוש. בכן איז די מאניגאטעסער ערד שוין איבערגעענטפערט אין רשות פון יידישן קהל. ווייל זי האט שוין א הייליק ארט. און דארטן, ווו יידן ארדענען איין א בית־החיים, מוז שוין זיין אן ארט פאר די לעבעדיקע.

אויפן הארויזאנט האט זיך אויפגעהויבן א וואלקנשטויב און פון אים האבן זיך ארויסגעוויקלט די צוועלף הויכרעדערדיקע פאמפא־וועגענער, וואס האבן זיך געוויגט, ווי שיפן אויפן אומענדלעכן סטעפ.

צען קאלאניסטישע יונגעלייט זיינען אקעגנגעפארן די געסט מיט א זשוואווען

גאַלאָפּ און מיט פרייליכע אויסגעשרייען מקבל־פּנים־געווען אויפן ראנד פון דער קאָלאָניע זייערע לאַנדסלייט. די גרינע האָבן זיך לכתחילה דערשראָקן פאַר די שווארצע רוחות אויף די סוסים, אָבער ווען זיי האָבן דערהערט ייִדיש לשון, איז אַ פלייץ טרערן אָנגעקומען פאַר געריכטקייט. קודם־כּל, וואָס מ'איז שוין ענדלעך דאָ, אל המנוחה ואל הנחלה, און מ'טרעפט זיך פּנים על פּנים מיט לאַנדסלייט, וואָס זײַנען שוין אַרײַנגעוואַקסן אין דעם דאָזיקן פרעמדלעכן מקום. די ווײַבער האָט מען געלאָזט דערווײַל אויף די וועגנער, ווײַל מ'ווייס דאָך נישט, וווּ זיי וועלן צופירן דאָס ביסל גוטס. מ'נעמט צו ביסלעך בראָנפן. עפּעס אַן אַנדער טעם, ווי צוגעברענט, אָבער ס'איז פּאַרט יי"ש. די זון וואַרעמט, כּחום היום, און ס'ביסל „קאָניע" מאַכט נאָך וואַרעמער. שיִעלע איז בגילופנדיק, נעמט זיך אַרום מיט אַן איניוועער, אַ קרוב פון ווײַבס צד:

— זע, זע נאָר, חיה־רחל, ברוך זלאָטאָגורסקי, ביי, ביי... קוקטס אים נאָר אָן, שוין אַ גאַנצער היזיקער, מיט זײַנע ברייטע שאַרוואַרעס און הויכע שטיוול!

בערל קצב קוועטשט די האַנט זײַן געוועזענעם שכן, פון וועמען ר'האָט געהאַט אָפּגעקויפט די יאַטקע. לוקעווער האָבן סתם אויפגעהערט צו עסן פלייש, ווײַל עס האָבן פּשוט אויסגעפעלט די פּאָר קאָפּיקעס:

— אַז ס'איז נישטאָ קיין לחם, האָבן אַלע לוקעווער געדאַרפט רק אַ ביין אין דער יויך, און גיי מאַך זיי אָקסן פון לויטער ביינער...

דער צלי אש האָט אַראָפּגעשמעקט פון די בראָנעס, געקיצלט די נאָזלעכער. דאָן דאָמינגאָ, פון דער אַדמיניסטראַציע, האָט געטיילט שטיקער געבראָטן פלייש, צוערשט די געסט — שחיטה פון מאָזעסווילער שוחט. שיִעלע קײַט אויףביידע באַקן. די נאָז, דאָס בערדל, די גאָמבע איז אויסגעשמירט מיט פעטס. לערנט אים ברוך זלאָטאָגורסקי שנײַדן ס'פלייש מיט אַ מעסער אין מויל אַרײַן, פאַרבײַסט מיט חלה, פאַרטרינקט מיט אַ רויטן ווײַן און פאַרגעסט דערבײַ דעם איסור יין נסך.

דאָן דאָמינגאָ האָט זיך אויך מטריח־געווען צו צעפירן די גרינגאָס איבער דער לאַנגער צען־קילאָמעטערדיקער גאַס, יעדע משפחה צו איר הײַזקע. פון אײַנגאָרנ־דיקן וואָגן לאַדעוועט מען אָפּ קוישן, קאַסטנס, פּעק, בעטן, בעטגעוואַנט, געפעסן און אַלערליי מכשירים.

עס איז געווען ראש השנה־צײַט. שיִעלע האָט זיך נישט געקענט אָפּוווּנדערן, וואָס ימים־נוראים איז אַזוי וואַרעם. האָט מען אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָ, אין אַרגענטינע, איז אַ עולם הפוך: ווען אין אייראָפּע איז קאַלט, איז דאָ וואַרעם; ווען דאָרט איז זומער, איז דאָ ווינטער; און פאַרקערט. ווען מ'בלאָזט שופר, איז דאָ נאָר ווי פּסח־צײַט אין דער אַלטער היים. און ס'איז טאַקע געווען אַ רחבות אַ מחיה־דיקע. די בתולה־ערדן האָבן געגרינט מיט נײַע גראָזן. אויף די טויזנטער פאַרזייטע העקטאַרן האָט געכוואַליעט דער ווייצן און דער ליאַן האָט שוין אָנגעהויבן צו בליִען.

אַלע האָבן געגלויבט אין אַ גוט גערעטעניש דאָס יאָר, ווײַל גערעגנט האָט צו דער צײַט און דער היישעריק האָט דאָס מאָל זיך נישט באַוויזן.

***

שיִעלע איז נאָכגעלאָפן האָפּסענדיק דעם גוי, וואָס האָט מיט אַ לאַנגער קייט געמאָסטן דאָס פעלד, פּונקט ווי ער וואָלט מורא־געהאַט, עס זאָל עפּעס פון דעם נישט געמינערט ווערן; דערווײַל האָט אים דער באַראָן צוגעטיילט אַ חלק פון פינף הונדערט מעטער די ברייט און טויזנט פינף הונדערט מעטער די לענג.

— אָווא, אָווא, אַ גאַנצע נחלה!

געבערגלט לאַגד, טויג צו אַליין. אויפן רוקן פון דעם פעלד — אַקער־ערד צו פאַרזייען תבואות; אויפן שיפּוע — פּאַר פּאַשע, לאָנקעס; זײַן שכן פון רעכטס וועט זײַן דער טאַווריזער, וואָס קען שווין די מלאכה פון אַקערן, ווי להבדיל אַ ייִד אשרי.

דער טאַווריזער איז תיכּף געוואָרן היימיש מיט דער ערד. באַטאַפּט די גרוד־דעס, געזאָגט מבינות, וואָס און צו וואָס יעדער חלק וועט טויגן. האָט געמאָסטן די אָקסן די יאָכן, ווי להבדיל דער סופר תּפילין. אַרײַנגעקראָכן אין אַ פּאָר ברייטע שאַראָוואַרעס ווי די היזיקע. אים לערנען ארבעטן האָט קיינער נישט באַדאַרפט. ווינציק ערדן האָט ער נאָך אין ראַסיי אויפגעאַקערט? אדרבא, ער וועט זײַן אַ גוטער „סאָסיעד" שיִעלען. אַ חוץ דעם וואָס דער טאַווריזער איז אַליין געווען אַ מאַדים אויף ערד־אַרבעט, האָט ער נאָך געהאַט בנים ריזן: הערשקאָ און דאָווידקאָ.

צום גדליה איז מען אַרוים אַקערן מיט די אָקסן. דער טאַווריזער האָט געהאַלטן פעסט די לייצעס, הערשקאָ די צוויי הענטלעך פונעם פּלוג און דאָווידקאָ דעם שטאַנג מיטן שפּיץ צו אונטערטרײַבן די אָקסן. עס איז נישט געווען גרינג דאָס ערשטע אַקערן: אַקערשט אָפּגערייניקטע קרקע־בתולה. דער פּלוג האָט זיך כּסדר פאַרהאַ־מעוועט אין אַ וואָרצל, די אָקסן זײַנען געטראָטן פעסט, געסאָפּעט, זיך אָפּט אָפּגע־שטעלט. שיִעלע האָט בפירוש פאַרשטאַנען דעם טײַטש פון פּסוק: „מיטן שוויים פון דײַן פּנים זאָלסטו עסן ברויט". אָווא, ביז ס'האָט זיך אַרויסגעזען אַ שטיק אויפגעאַקערטע ערד, שוואַרץ און אָן דעם פּלאָנטער פון גראָזן און וואָרצלען...

דער טאַווריזער האָט געהאַלטן וואָרט. אַז ער האָט געענדיקט בײַ זיך אַ שטיק פעלד, האָט ער מיט זײַנע צוויי בנים אַריבערגעשפּאַנט דעם גבול פון שיִעלעס קאַמפּ, צו לערנען יואלקען און שלמהקען אַקערן צעלענע ערד.

— לייגט צו שכל און הענט! — האָט ער זיי געלערנט — אָט אַזוי, קוקן, קוקן, נישט פאַרקוקן! נישט קאַליע־מאַכן די אָקסן! נישט צופיל שטעכן מיטן שטאַנג! אַ חיה מוז מען וויסן, ווי אַזוי צו באַהאַנדלען, אַז נישט שפּאַרט זי זיך אײַן, איז אַ נעבעכטיקער טאָג...

שיִעלע האָט אָנגעקוואָלן, געבענטשט דעם אָבינו שבשמים, וואָס ער האָט אים צוגעשיקט אַזאַ פיַינעם שכן, וואָס האָט רק געטענהט, אַז אויב דאָס מלמדל קען זיך נישט אויסלערנען די מלאכה כדבעי, טאָ זאָלן די צוויי יונגען טון די אַרבעט, און ער זאָל זיך פאַרנעמען מיט לערנען די בורים אַ שיַיטל עברי.

די שול איז געווען געבויט אַנדערש ווי די היַיזער פון די קאָלאָניסטן: פון געברענטע ציגל, אויסגעטינקעוועט פון אינעווייניק און אין דרויסן, מיט הילצערנע פאָלן און ברייטע פענצטער. קודם-כל האָט זיך אַריַינגעצויגן דער שפּאַנישער לערער, דאָן סאַמועל דאַיאָן, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פון דער „אַליאַנס איזראַעליט" אויף דעם פּאָסטן. שיִעלע איז געשטאַנען אונטער זיַין אויפזיכט. און ווען נישט חיה-רחל, וואָלטן ביידע געלעבט בשלום. וואָרעם ער שטערט אים דען, דער שבת-גוי? איַי, די דאַיאָנשע ווערטלט זיך דורך מיט חיה-רחל וועגן עפּעס אַ הון, וואָס איז געגאַנגען צו יענער אין טאָפּ אַריַין? איז עס אַ וויַיבערישער עסק. אַז זיי האָבן אַ הנאה פון קריגן זיך, זאָלן זיי!...

שיִעלע איז אין אַרגענטינע באמת אויפגעריכט געוואָרן. אַ חוץ די חודשלעכע „זשאַלאָוואַניע" פון זעכציק טאָלער איז ער אויך געוואָרן אַ פאָלגער בעל-הבית. פון דער אַדמיניסטראַציע באַקומען צען קי, אַכט אָקסן, צוויי פערד, אַ וואָגן און דאָס איבעריקע האָט ער זיך געקויפט אַליין. דאָס לוקעווער מלמדל האָט זיך גאָר מיישב-געווען, אַז דאָס מלמדות דאָ איז נישט פאַר אים קיין ענין, גליַיכער וועט ער ווערן אַ בעל-הבית איבער זיך. האָט ער טאַקע שוין פאַרקויפט דאָס ביסל כלי-קודש-סחורה אין בוענאָס-איַירעס און אונטערגעהאַנדלט מיט פרות. אויף זיַין נחלה האָט ער אָנגעהויבן צו פירן ציגל, מיטן אויסקוק שפּעטער זיך אַליין אויסצובויען אַן אייגענע שטוב.

דער מאַיִס איז געוואַקסן דאָס יאָר מיט אַ געוואַלדיקן כוח. בכלל איז געווען אַ געזעגענעש אַן אויסנעם. ס'האָבן ממש אויסגעפּעלט זעק. ביַי שיִעלען איז געווען בלויז מאַיִס, אָבער מיט אַזאַ שפע — הלוואי אַלע יאָר! האָבן די שכנים אָנגעקוואָלן און דער טאַוורייזער אַוודאי און אַוודאי; דאָס איז דאָך געווען דער פּועל-יוצא פון זיַין לערע.

עס איז אַוועק דער הייסער זומער. די פליגן האָבן אויפגעהערט צו דאַקוטשען. די קעלטע נעכט האָבן אויפגעהיַיטערט די קאָלאָניע. מען איז געווען אויסגערוט. די דאגות זיַינען דאָס יאָר נישט געווען קיַין איבעריק-גרויסע. די אַדמיניסטראַציע האָט נאָך געשטיצט.

פאַר פּסח האָט מען אויפגעשטעלט אין דער קאָלאָניע אויוונס פון ציגל. מ'האָט געבאַקן מצות פון אייגענעם מעל. פון אָנהייב האָבן די אויוונס שטאַרק געררויכערט. מ'האָט אָפּגעחוזקט פון די אויוון-מאַכערס, וואָס האָבן דאָ, אין אַרגענטינע, אָנגעוווירן די תורה צו מאַכן אַן אויוון, ער זאָל ציִען.

פון דעסטוועגן האָט שיִעלע געפּראַוועט אַ פּסח כדת וכדין און מיט אים אַלע לוקעווער. חיה־רחל האָט פּורים-צײַט געוואָלט אײַנזײַערן רויטע בוריקעס. האָט מען איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָ וואַקסן נישט קײַן בוריקעס. האָט זיך שיִעלע גע־היצט:

— וואָס הייסט, ס׳וואַקסט נישט?

האָט מען אים געענטפערט:

— הלמאי וואַקסן נישט קײַן קאַרטאָפל?

איז דער טאָוורישזער שוין געוואָרן אין כעס:

— ס׳מוז וואַקסן! ווײַל דאָ איז דאָך אַזאַ ערד ווי אין קרים, און אַז אין קרים וואַקסט, מוז דאָ אויך וואַקסן.

ער וועט נעמען „נאַשיעגיע״ אין אַ קליין בײַטל, וועט מען זען, צי ס׳וועט נישט אַרויסקומען. דאָ וועלן זײַן אי קאַרטאָפל, אי ציבל, אי בוריקעס, אי אַלע שאר-ירקות. מ׳דאַרף נאָר וועלן.

חול־המועד האָבן אַלע שפּאַצירט איבער דער ברייטער גאַס פון דער קאָלאָניע. געווען שיינע, מילדע הארבסט־טעג. וווּנדערלעכע לבנה־נעכט. שכנים האָבן זיך אי־בערגעשמועסט. בחורים און מיידלעך, די גריַנע מיט די לאַנגסטיקע, אָנגעטון אין זייערע יום־טובדיקע בגדים, האָבן זיך צונויפגעטראָפן. זײַנען זיך בחורים פאַר־גאַנגען אין געשפּרעכן, אומענדלעכע. טריט געוואָרן גרינגער. די צען-קילאָמעטער־דיקע קאָלאָניע-גאַס ווי שוועבנדיק דורכשפּאַצירט. זיך גאָר פאַרגעסן און אַרויס פון דער קאָלאָניע צווישן די פעלדער. אינדיאַנישער זומער-געוועב האָט גרוי פאַר־שפּונען די ווײַטע סטעפּ־שטחים, פון וועלכע ס׳האָבן זיך דערטראָגן אויסטערלישע קולות, גרילצן, קוויטשן פון ביבערס, סאָוועס, פאַרבענקט מוקען פון קי, און פון דער ווײַטנס ליכטלעך פון נײַעם ישוב. פאַרלעך, פּאָרלעך. די רייד זײַנען געוואָרן שטילער, היימישער. באַלד גאָר נישט קײַן רייד, נאָר אַ שעפּטשען, אַ נישט-גע־וואָגט באַרירן זיך מיט שאַרסטקע אָבער וואַרעמע הענט.

עס זײַנען געשלאָסן געוואָרן די ערשטע שידוכים אָן אַ שדכן אויף אַרגענ־טינער ערד.

ווי אַזוי מ׳וועט זיך אײַנאָרדענען? אַ דאגה! מ׳וועט גיין אין דער אַדמיניס־טראַציע בעטן אָן אייגענעם חלק ערד, אַ שטיבל, אַ ברונעם און מכשירים.

אַרום שבועות־צײַט האָבן הערשקאָ און דאָווידקאָ געאַקערט די אייגענע ערד, וואָס דער באַראָן הירש האָט זיי באַוויליקט אין דער זעלביקער קאָלאָניע. חיה-רחל האָט זיך געגרייט צו דער דאָפּלטער חתונה פון שרהקען מיט דבורהקען און דעם טאָווריזערס צוויי בנים.

נחמן מיזשעריצקי

בוענאס־איירעס

ביים ברעג פון מאַלדאָנאַדאָ

— 1 —

ברייט און טומלדיק איז די אַוועניד֯אַ כואַן ב. כוסטאַ, אונטער וועלכער עס ליגט באַגראָבן דער אַראָזשאָ מאַלדאָנאַדאָ.*) פון באַגינען ביז גאַנץ שפּעט אין אָוונט רוישן און הוידען די אויטאָמאָבילן אויף דעם אַספאַלט אין דער מיט אַוועניד֯אַ. עס גרילצן און סקריפּען אָן אויפהער די טשאַטעס**) אויף דעם געברוקירטן טייל פון גראַניט־שטיינער, אויף ביידע זייטן גאַס.

אַ סך מאָל ווער איך גופא מיטגעריסן פון יענעם משוגענעם געלאַף; ביז איך כאַפּ מיר, אַז ס'איז אַ געפאַר; פאַרמינער איך דעם גאַנג פון דער מאַשין און קוק זיך אַרום, ווו איך בין ערגעץ אין דער וועלט.

אין מיטן פון יענעם גיהנומדיקן רעש קאָנט איר אַ מאָל אויפכאַפּן אַ ייִדיש לידל, אַ חזניש ניגונדל. איר קוקט זיך אַרום: פון וואַנען קומט עס, אָט־אָ־דאָס טרויעריק, האַרציק געזאַנג? איר באַמערקט אָן אַלטן, אויסגעבויגענעם פאַעטאָן מיט אַן אָפּגעבליאַקעוועטער צעריסענער בויד, וואָס אַ פּוילע, אַלטע אויסגעדאַרטע קליאַטשע שלעפּט מיט אירע לעצטע כוחות. אויף דער קעלניע זיצט דער מאַטעאָ***) און זינגט חזנישע שטיקלעך. דאָס איז דער גוט־באַקאַנטער צעדולטער ייִדישער קו־טשער, וואָס מאַכט זיך אַליין פריילעך ביים אָנטרייבן. ער צעפירט עס די צוגע־

---

*) טייכל מאַלדאַנאַדאַ.

**) לאַסט־וועגענער.

***) קוטשער.

שניטענע געוואַנטן פון די גרויסע קליידער־געשעפטן פון קאַנינג צו די נייטאָרינס און שניידערס, וואָס ליאַרעמען אויף זייערע מאַשינדלעך טאָג־איין און טאָג־אויס, אין די געסלעך אַרום דער אַווענידאַ, וואָס דינט אַלס צודעק פאַר דעם מאַלדאָנאַדאָ צענדלינגער יאָרן.

ביי זיין ברעג האָב איך אַ מאָל, אין מיינע סטודענטן־צייטן, פאַרבראַכט עטלעכע יאָר. דער מאַלדאָנאַדאָ איז אין יענער צייט געווען אַ ברייטע קאַנאַווע, וואָס האָט זיך געצויגן פון ליניערס ביז צום לאַ פּלאַטאַ־טייך, איבערקרייצנדיק פאַרשיידענע געגנטן פון שטאָט. אין דער געגנט, וואָס איז דאַן געווען באַקאַנט מיטן נאָמען פּאַראָקיאַ דע סאַן בערנאַרדאָ*), זיינען די געסלעך מיטאַמאָל ווי אָפּגעהאַקט געוואָרן ביים ראַנד פון מאַלדאָנאַדאָ. פון דער צווייטער זייט אַראָזשאָ האָט זיך אַוועקגעצויגן אַ פריי פעלד, באַדעקט מיט אַ ששת ימי בראשיתדיקן ווילדן געפלאַנץ. דאָרט, פון צווישן קוסטעס און קרומע ביימלעך, פלעגן יעדן באַגינען אַרויסקריכן אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע לינדזשעראָס**), וואָס האָבן זיך אַהער דערשלאָגן .ווער ווייסט פון וועלכע מרחקים.

אין צייט פון טריקעניש, ווען דער הימל האָט כסדר געגליט, איז דער דנאָ פון מאַלדאָנאַדאָ געווען טרוקן. ברייטע, קיילעכדיקע פינצטערע מיילער האָבן אַרויסגעקוקט פון זיין מזרח־וואַנט. ווי .עס פלעגט נאָר אָנהייבן רעגענען, אַזוי זיינען די דאָזיקע מיילער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ברודיקע וואַסער־קוואַלן, וואָס האָבן אין איין הרף עין אָנגעפּולט די קאַנאַווע. דער וואַסער־גערויש צום לאַ פּלאַטאַ פלעגט שאַפן אַ .שטאַרקן גערויש, וואָס האָט זיך צעטראָגן אויף ביידע ברעגן פון מאַלדאָנאַדאָ, ווי אַ מבול־געוויסער. אין די שטורעמדיקע נעכט, ווען דער הימל פלעגט געקאַטעוועט ווערן דורך העליש־פייערדיקע בליצן און קיילן פון דונערן האָבן זיך געקייקלט איבער דער אין שלאָף פאַרזונקענער בוענאָס־איירעס, האָבן פון זינען געדירטע מענטשן, וועלכע דאָס לעבן איז נמאס געוואָרן, געפונען זייער דערלייזונג אין דעם וואַסער־שטראָם פון מאַלדאָנאַדאָ. זייערע קערפּערס האָבן כמעט קיינמאָל ניט דערגרייכט צו די געלע וואַסערן פון לאַ פּלאַטאַ. מען פלעגט זיי אין אַ צייט אַרום געפינען פאַרשטעקט. צווישן די סלופּעס אונטער דעם ברוק פון דער באַנליגיע פון .בוענאָס־איירעס צום פּאַסיפיק.

— 2 —

אין יענע יאַנואַר־טעג .בין איך פלוצלינג איינגעפאַלן אויף אַ היץ־שלאָפקייט, וואָס האָט מיך געהאַלטן צוגעשמידט צום בעט אין מיין איינזאַמען קוואַרטיר־צי־

*) שפּעטער פּאָפּולער אונטערן נאָמען ווישאַ קרעספּאָ.

**) שלעפּערס.

מערל, אין אַ געסל, אַ האַלבע קוואַדראַ*) פון דעם מאַלדאָנאַדאָ. מײַנע „דאָקטויר־רים" זײַנען געווען חברים פון זעלביקן פינפטן קורס מעדיצין, ווי איך. זיי פלעגן יעדן אָוונט זיך פאַרזאַמלען בײַ מיר אין צימערל און מאַכן איבער מיר קאָנסוליומס. קיין אמתן דאָקטער האָב איך גופא ניט געלאָזט רופן. איך האָב מיך איבערגעגעבן צו מײַנע אומדערפאַרענע קאָלעגן און פאַרלאָזט אויף מײַנע פיזישע ווידערשטאַנד־פעיִקייטן.

ווען איך פלעג בלײַבן מיט זיך אַליין, סײַ בײַטאָג און סײַ בײַנאַכט, האָבן זיך צו מיר געיאַוועט אין צימער געסט פון יענער וועלט. מענטשן פון דער אַלטער היים, וואָס זײַנען שוין לאַנג טויט, אָדער גאָר העלדן פון איבערגעלייענטע געשיכטעס און ראָמאַנען, האָבן זיך מיר גענומען פלאָנטערן פאַר די אויגן. אין מײַן פיבער־צושטאַנד האָב איך טייל מאָל ניט געקאָנט אונטערשיידן צווישן טאָג און נאַכט, צווישן חלום און וואָר. צוויי שווערע פענכערס אײַז האָבן כסדר געפרעסט מײַן קאָפּ און בויך. פּילן פון אוראָטראָפּין און אַדרענאַלין־טראָפּנס זײַנען געווען מײַנע אייג־ציקע רפואות, וואָס די באַלעבאָסטע פון פּענסיאָן פלעגט מיר אונטערטראָגן פּינקט־לעך צו דער באַשטימטער שעה.

— וואָס וועט ווערן פון דיר? — איז זי צוגעשטאַנען צו מיר אויף דעם צוועלפטן מעת־לעת — ווי אַזוי פאַרלאָזט מען זיך אויף אַזעלכע „שנעקעס" בײַ אַזאַ ערנסטער קראַנקייט? האָסט דאָך אַריבער פערציק גראַד היץ! — האָט זי ניט מיט איר קול אויסגעשריגן, קוקנדיק אויף דעם טערמאָמעטער — ניין אַזוי קאָן עס ווײַטער ניט גיין! מאָרגן וועל איך אַרויסרופן די אַסיסטענסיע**) און מ'וועט דיך אָוועקפירן אין שפּיטאָל. אָט, הײַנט וועלן דײַנע חברים בכלל ניט קומען... עס האָט שטאַרק גערעגנט. דער צוגאַנג צו דער „פּאַראָקיאַ" איז פאַרטרונקען.

איך בין געלעגן מיט אַ שטאַרקן קאָפּ־ווייטיק און געשוויגן. די באַלעבאָסטע האָט זיך אַרומגעדרייט אין צימערל, צווישן די געשפּענסטער, וואָס האָבן אַרום מיר געהוליעט אין אַ ווילדן קאַראַהאָד.

די נאַכט איז צוגעפאַלן און די שעהן האָבן זיך לאַנגזאַם געצויגן. די היץ אין צימערל איז געווען שרעקלעך.

עס האָט מיך פּלוצלינג באַפאַלן אַ פאַרלאַנג צו פאַרלאָזן דאָס בעט און גיין ווו דער צעהיצטער מוח וועט מיך פירן.

איידער וואָס־ווען און ניט וויסנדיק ווי אַזוי איך האָב דאָס געקאָנט טון, בין איך שוין געשטאַנען אָנגעשפּאַרט בײַ אַ פּאַרענטש, בײַם ראַנד פון מאַלדאָנאַדאָ.

---

*) גאַס־אָפּשניט; אַ קוואַדראַ האַלט דורכשניטלעך 100 מעטער.

**) אַמבולאַנס פון דער גיכער הילף.

— 3 —

א שטילע, געדיכטע, פינצטערע נאכט איז געלעגן אויסגעשפרייט ארום דעם מאלדאנאדא, ווען איך האב מיך אהין דערשלאגן.

קיין סימן פון א שטערן אויף דעם פארכמארעטן הימל. קיין ברעקל שיין פון א פענצטער. בלויז דער באלויכטענער ציפערבלאט פון דעם טורעם־זייגער אויף דער קירכע סאן בערנארדא האט, ווי א ריזיק בעלמע־אויג, געקוקט פון דער וויטנס אין דער טיפער נאכט אריין.

די לאמטערן־אנצינדערס, וואס כאפן זיך ארוים אלע פארנאכט, האבן צוליב דעם שטורעם און שלאקסרעגן, וואס האט זיך אראפגעלאזט אין יענעם בין השמשות, ניט באוויזן אנצוצינדן די גאז־לאמטערנעס אין יענער געגנט. פון צייט צו צייט האט מען געקאנט באמערקן פון וויטנס א ליכטיק שלענגל, וואס האט זיך באוויזן און איז דורכגעלאפן, ארויסלאזנדיק דערביי א טרויעריקן און פארבענקטן פייף. דאס האט זיך אזוי אין איילעניש דורכגעטראגן א ביינאכטיקער שנעלצוג אויף דער באן־ליניע, הארט ביים מויער פון דעם טשאקאריטא־צווינטער.

די לופט איז געווען אנגעזאפט מיט א שווערע, הייסער פייכטקייט, ווי עס גיט זיך איין אין א זומערדיקן יאנואר־טאג אין בוענאס־איירעס, ווען די אנגעגליטע גאסן ווערן פארנאכט־צו אפגעצוואגן פון א רעגן.

איך האב גענומען מיט מיינע פולע לונגען ארייננאטעמען דאס אפפרישנדיקע ווינטל, וואס האט געווייעט פון פעלד מיט א ריח פון פייכטע פלאנצונגען. אויף וויפיל דאס אויג האט געקאנט אויפכאפן, זיינען געווען אן א שיער זיך באוועגנדי־קע ליכטיקע פינטעלעך אין דער לופטן, ווי עס וואלטן געפאלן פונקען פון הימל. פאר מיר, וואס איך האב ביז דעמאלט געלעבט אין דער שטאטישער אטמאספערע, וו מען זעט ניט קיין ליכט־פליגן, איז דאס געווען א וואונדערלעכע נאטור־דערשיינונג.

פון אונטן, ביי מיינע טריט, האט דער שטילער וואסער־געריוויש זיך אויפגע־הויבן, ווי עפעס א מאדנער געמורמל פון טויזנטער וואנדערנדיקע נשמות.

מיט אן איינגעהאלטענעם אטעם האב איך אנגעשפיצט אלע מיינע חושים, כדי אויפצוכאפן יעדן קלאנג, וואס איז אויפגעגאנגען פון דעם מאלדאנאדא.

און עס איז מיר ארויפגעקומען אויפן זינען די געשיכטע פון פראנסיסקא סיל־ווא מאלדאנאדא, געבוירן אין די פינצטערע צייטן פון דעם זיבעצנטן יארהונדערט. און ווי אויף א קינא־לייוונט האבן זיך פאר מיינע אויגן, וואס האבן געפיבערט, אפ־געשפילט בילדער פון א וויטער פארגאנגענהייט.

— 4 —

אין אַ זומערדיקן פרימאָרגן פון אַ חגא־טאָג איז אַ פּאַטער מיט אַ זון אַרויס־געגאַנגען פון דער קירכע סאַן מיגעל, אין אַ שטעטל וואָס טראָגט דעם זעלביקן נאָמען, אין דער פּראָווינץ טוקומאַן.

— קום, פראַנסיסקאַ! — האָט דער פּאַטער אַ זאָג־געטון מיט אַ באַזונדער מילדן טאָן — צו מיטאָג איז נאָך ווײַט. לאָמיר בעסער אָפּפרישן אונדזער אָטעם, וואָס האָט אַרײַנגעזאַפּט אַזויפיל ווײַרויך אין קלויסטער.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, פּאַטער. — האָט דער זון אָפּגעענטפערט מיט געהאָרכזאַמקײַט — אָבער, פאַרגעס ניט, פּאַפּאַ, אַז גאָר אַ געהויבענעם גאַסט וועלן מיר הײַנט האָבן בײַם מאָלצײַט, דעם פּאַדרע*) פראַנסיסקאָ גאַדאָי, וואָס האָט מיך געטויפט אַ חודש נאָך מײַן געבורטסטאָג. אַ חוץ דעם איז דאָך הײַנט מײַן געבורטס־טאָג. איך ווער הײַנט אַכצן יאָר.

— טאַקע דערפאַר האָב איך מיט דיר געוואָלט זיך אַ ביסל דורכשמועסן. — האָט דער פּאַטער אין דעם זעלביקן מילדן טאָן פאָרגעזעצט — צו דיר פיל איך מײַן אמתע פּאַטערלעכע ליבע. דײַנע שוועסטער, איסאַבעל און פעליפּאַ, האָבן זיך אין גאַנצן איבערגעגעבן צו דעם מאָנאַסטיר־לעבן, זיך אָפּגעזאָגט פון מיר און פון דער גאַנצער וועלט. איבערהויפּט פעליפּאַ, וואָס האָט דאָ ניט לאַנג שוין אָנגעטון די בעאַטאַ**)־קליידער פון דער „קאָמפּאַניאַ דע כעסוס". אויף אייביק האָט זי זיך פאַרבונדן מיט דעם „דערלייזער" און זי וועט שוין קיינמאָל די ליכטיקע שײַן פון טאָג ניט זען.

אַזוי רעדנדיק, זײַנען זיי אַרײַן אין וואַלד און זיך צוגעזעצט אויף אַ דעמב פון אַן אומגעפאַלענעם בוים. דער פרימאָרגן איז געווען אַ מילדער. די זון־שטראַלן האָבן זיך דורכגעזיפּט צווישן די צווײַגן פון דעם געדיכטן וואַלד, וואָס איז געווען אָנגעפולט מיט אַ געזאַנג פון פייגל און אַ שטילן בלעטער־גערויש.

אַ היפּשע ווײַלע זײַנען פּאַטער און זון געזעסן, און שטיל אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם נאָך דעם לאַנגן שפּאַציר, וואָס זיי האָבן געמאַכט. מיט נײַגעריקע אויגן האָט פראַנסיסקאָ געקוקט אויף דעם שוין באַיאָרטן פּאַטער, דאָן דיעגאָ נוניעס דע סילוואַ, וואָס איז פאַר דער לעצטער צײַט היפּש פאַרעלטערט געוואָרן. די פאַלדן פון זײַן צעקנייטשטן פּנים זײַנען געווען באַגאָסן מיט דריבנע טראָפּנס שווייס. פראַנסיסקאָ האָט בעת מעשה זיך אײַנגעקוקט אין דעם פּאַטערס גרײַז־גרויען קאָפּ האָר און אַ זיפץ האָט ניט ווילנדיק זיך אַרויסגעריסן פון זײַן ברוסט.

---

*) „פּאַטערל". גלח.

**) מאָנאַשקע.

ענדלעך האָט פראַנסיסקאַ איבערגעריסן די שטילקייט און זיך אָנגערופן:

— פאָטער, מיר דאַכט, אַז דו אַרבעטסט צופיל. אין דײַנע יאָרן דאַרף שוין אַזאַ כירורג, ווי דו, לעבן רויִק פון פענסיע. פאַרוואָס זעסטו ניט צו טון עפּעס אין דער הינזיכט. דער אַלקאַלדע*), דאָן כעראָנימאָ, דײַן לעצטער גוטער פרײַנד, וואָלט דיר אַ סך געהאָלפן.

— ניין, מײַן זון. — האָט דער פאָטער, אַרויפלייגנדיק אַ האַנט אויף דעם זונס אַקסל, געזאָגט — איך האָב נאָך גענוג ענערגיע. איך בין נאָך נישט אַזוי אַלט אויף צו לעבן פון פענסיע. אַזאַ לעבן אָן נוצן ברענגען הייסט: וואַרטן אויף דעם טויט מיט פאַרלייגטע הענט. איך וואָלט געוואָלט, ווען די שעה וועט קומען, זאָל איך מײַן נשמה אויסהויכן אין מיטן קאַמף מיטן מלאך־המות בײַ אַ קראַנקן צו־קאָפּנס...

פאָטער און זון האָבן זיך איינער דעם אַנדערן טרויעריק אָנגעקוקט.

— אָבער... — פראַנסיסקאַ האָט ווידער גענומען דאָס וואָרט. — זאָג מיר נאָר, פאָטער, דו ביסט דאָך אַזאַ געלערנטער און קענער פון מענטשלעכע הערצער און נשמות, פאַרוואָס באַפאַלט מיך אַזאַ אימה, ווען איך טרעט איבער די שוועל פון דער קירכע? פאַרוואָס ווער איך אַזוי פאַרציטערט, ווען איך נעם אײַן די הײ־ליקע האָסטיע, נאָך מײַן מתודה זײַן זיך פאַר גאָטס דינער? דעם גאַנצן טאָג גיי איך דעמאָלט אַרום אַזוי טרויעריק און פאַרטראַכט, גלײַך ווי איך וואָלט עפּעס אַ גיפטיקע זאַך אַראָפּגעשלונגען, זאָל מיר יעזוס נישט שטראָפן פאַר די רייד...

אויף דאָן דיעגאָס אַלטן געזיכט האָט זיך באַוויזן אַ מאָדנער שמייכל און זײַ־נע גוטמוטיקע אויגן האָבן זיך אײַנגעגעסן אין דעם זונס נײַגעריקן פּנים. ער האָט דערפילט, אַז איצט איז דער פּאַסיקער מאָמענט צו רעדן. אָבער דאָס האַרץ פּלאַ־טערט און אין האַלדז שטיקט. ווי אַזוי קומט מען צום וואָרט? האָט ער, קוקנדיק אָן לשון אויפן זון, געטראַכט, און ענדלעך אָנגעהויבן:

— אייגנטלעך, קינד מײַנס, ווייס איך נישט, ווי אַזוי איך זאָל עס דיר געבן צו פאַרשטיין? דאָס, וואָס פּאַסירט דיר, איז עפּעס גײַסטלעכס, נישט אין מײַן קאָמפּעטענץ. מיר, מעדיצינער, פאַרנעמען זיך בלויז מיטן גוף, וואָס איז נישט מער ווי עפר ואפר. אויפן גײַסט, אויף דער נשמה, האָבן מיר קיין שליטה נישט, ווײַל זי געהערט צום באַשעפער, צו גאָט; זי איז אומשטערבלעך. ווען אַ מענטשנס לעבן ענדיקט זיך, נעמט גאָט צו בײַ זײַן גוף די נשמה. מיט יעדן נײַ־געבוירענעם, ווידער, נידערט אַראָפּ אַ נשמה, וואָס האָט שוין דאָ נישט איין מאָל פאַרבראַכט אויף אָט־דער זינדיקער ערד. אירע אַלע פריערדיקע דערפאַרונגען און דערינערונגען לאָזט זי איבער אין גאָטס גײַסטיקן אוצר. זי פאַנגט אָן איבעראַנײַס איר וואַנדערוועג אויף

*) פאַרוואַלטער.

דער ערד. און אזוי לאנג חזרט זיך איבער איר ארפּנידערן און איר ארויפגײן ביז זי באקומט, ענדלעך, א תיקון און פארבלײַבט שוין דערנאך אויף אלע אײביקײטן צווישן די מלאכים, אונטער די פליגלען פון דער שכינה... טײל מאל טרעפט זיך, אבער, אז אין אזא וואנדערנדיקער נשמה לעבט־אויף עפּעס א ווײַטע, גאר ווײַטע פארגאנגענהײט, וועלכע דערמאנט איר וואס זי האט אמאל, אין א פריערדיקן גלגול, דורכגעמאכט אויף דער ערד. דעמאלט גיט זי זיך א צאפּל און שטורעמט־אויף...

דאס אכצן־יאריק יינגל איז געזעסן און מיט גרויס שפּאנונג זיך צוגעהערט צום פּאטערס רייד.

— פּאטער! — האט ער אויסגערופן — פון וואנען האסטו עס אזוי פיל קלוגע געדאנקען גענומען? איך הער עס פון דיר צום ערשטן מאל אין מײַן לעבן.

— די הייליקע שריפטן פון דעם אלטן טעסטאמענט און זײַנע קאמענטא־טארס זײַנען אן אומענדלעכער קוואל פון חכמה. — האט דער אלטער מיט א שטאלצן טאן א זאג־געטון — מיט גרויס פארגעניגן באמערק איך, אז אין דיר טליעט א נשמה פון מײַנע ייִדישע אבות...

— פּאטער! — איז דאס יינגל אויפגעשפּרונגען פון ארט און זיך גענומען ארומקוקן אין אלע זײַטן, צי עמיצער הערט נישט.

— יא, מײַן קינד. — האט ווײַטער גערעדט מיט זײַן געוויינלעכער מילדער שטימע דיעגא נוניעס דע סילווא — אין דײַנע און אין דײַנע שוועסטערס אדערן פליסט ייִדיש בלוט. מײַנע עלטערן זײַנען פון שפּאניע אנטלאפן, ווען פעליפּע דער צווייטער האט פארנומען דעם טראן פון שפּאניע, דאס מעכטיקע לאנד, ווו אירע אײַנוווינער האבן מיט שטאלץ און חוצפה געשריִען, אז „ווען שפּאניע באוועגט זיך, גיט זיך די ערד־קויל א וואקל”, ווײַל א חוץ שפּאניע גופא האט באלאנגט צום מעכטיקן מאנארך פעליפּע דעם צווייטן אין איירא פּע: דער גרעסטער טייל פון אי־טאליע מיט סארדיניע, סיציליע, נעאפּאל און מילאן, אויך דער פראנקא קאנדא, ארטואז, פלאנדריע און די נידערלענדער, האלאנד און בעלגיע, האבן געהערט צום שפּאנישן קעניגרײַך. אויסער אייראפּע האט פעליפּע געקיניגט איבער א ריזיקער קאלאניאלער אימפּעריע, וואס האט ארומגענומען מעקסיקע, צענטער־אמעריקע און דעם גרעסטן טייל פון דרום־אמעריקע. יעדעס יאר פלעגט ער דערהאלטן מיליאנען און מיליאנען פון די גאלד־ און זילבער־מינעס פון פּערו, מעקסיקע און קאלאמביע, וואס שווערע אנגעלאדענע גאליאנעס האבן, איבערקרײַצנדיק דעם אטלאנטיק, געבראכט און אנגעפּולט די אוצרות פון סעווילע. פון 1559 ביז זײַן טויט האט פעליפּע אויף קײן איין מינוט שפּאניע נישט פארלאזט. ער האט זיך באזעצט אין קאסטיליע, נישט ווײַט פון מאדריד, אין אן איינזאמען טאל, ווו ער האט געהייסן זיך אויסבויען דעם ריזיקן, אימפּאזאנטן שלאס „על עסקאריאל”, ווו ער האט גע־פירט אן אפּגעזונדערט, אײַנגעשלאסן לעבן, וואס האט געשטימט מיט זײַן פאר־

כמורעטן און .קנאפ־געזועלשאפטלעכן כאראקטער. קיינמאל האט ער נישט ארויס־געוויזן קיין סימנים פון רחמים, ליַיטזעליקייט און ליבשאפט, א חוץ צו זיַין טאכ־טער דאניא איסאבעל.

דיעגא נוניעס דע סילווא האט א ווײַלע זיך אפגערוט און דערנאך פארגעזעצט:

— ווען קארל .דער פינפטער, זיַין פאטער, האט אבדיקירט, אין 1556, איבער־געבנדיק די קרוין פון שפאניע צו פעליפען, האט ער אים גערעטן מיט פרומע צום הימל פארגלאצטע אויגן: „קערער סאברע טאדאס לאס קאסאס לאס אינטערעסעס דע לא רעליכיאן"*), א געבאט וואס פעליפע דער צווייטער, האט קיינמאל נישט ארויסגעלאזט פון זיַין זכרון. דער קאמף פארן קאטאליציזם איז געווען א מין אי־דייע פיקס, וואס האט זיך איַינגעגעסן אין זיַין נשמה. די אפיקורסות האט ביַי אים ארויסגערופן אן אמתן משוגעת־צושטאנד. „ווען מיַין בלוט", פלעגט ער צארנדיק אויסשריַיען, „זאל אין די אדערן פון מיַין אייגענעם זון פאראומרייניקט ווערן, וואלט איך אליין געטראגן די קלעצער האלץ צו דעם שיַיטערהויפן, ווו זיַינע ביינער וואלטן געברענט". די מצוה צו אויסגעפינען און אויסראטן די ווידערשפעניקע פון דער קאטוילישער אמונה האט ער פארטרויט די מאכן פון „סאנטא אפיסיא"**) פון דער אינקוויזיציע. א מחנה טיַיוואלים, געקליידט אין שווארצע און ברוינע סוטא־נעס, האט פארפלייצט די פעלקער אונטער שפאניעס יאך, און עס האבן זיך צע־פלאקערט די שיַיטערהויפנס, אויף וועלכע עס האבן זיך .געברענט און געבראטן טויזנטער און טויזנטער אפיקורסים פון קאטאליציזם. פארטוגאל איז געווען, נאך דעם גירוש שפאניע, ציַיטווײַליק א מקום מקלט פאר א סך יידן .אויף דעם איבערישן האלב־אינדזל. איז צווישן די פיל פארטריבענע שפאנישע יידן געווען אונדזער משפחה סילווא, וואס האט זיך משדך־געווען צווישן זיך. מיַינע צוויי זיידעס זיַינען געווען ברידער. נישט לאנג האט פארטוגאל געדינט פאר די יידן זוי א מקום־מנוחה. אין יאר 1580 האט פעליפע פון שפאניע פארנומען פארטוגאל און דער גורל פון די יידן איז געווען פארחתמעט. איך בין דאן אלט־געווען אומגעפער א יאר זעכצן. גע־בוירן אין ליסאבאן, האט זיך מיר איַינגעביסן אין זכרון דאס ארויסוואנדערן פון אונדזער משפחה קיין בראזיל. אונדזער משפחה האט איבערגעלאזט איר גאנץ פאר־מעגן. א סך געטויפטע און אמתע יידן זיַינען געווען מיט אונדז אויף דער שיף, וואס האט אונדז אראפגעלאזט אין א שיינעם, הייסן פרימארגן אין פערנאמבוקא. מיט א צען יאר צוריק, איידער מיר זיַינען .אנגעקומען קיין בראזיל, האט דאס פיַיער פון די אויטא־דא־פע זיך אריבערגעטראגן אויף דעם אמעריקאנער קאנטינענט: פון זיַין אייגזאמען שלאס „על עסקאריאל" האט פעליפע דער צווייטער ארויסגעגעבן דעם 25טן יאנואר 1569 .א דעקרעט צו איַינארדענען אן אינקוויזיציע־טריבונאל אין

*) ליב האבן די רעליגיעזע אינטערעסן מער פון אלע זאכן.

**) די הייליקע עבודה.

דער שטאָט לימאַ. פון דאַן אָן האָט די „סאַנטאָ אָפּיסיאָ" גענומען לויערן אויף אַלע איינוווינער פון די ריאָ לאַ פּלאַטאַ־קאָלאָניעס און „רעינאָ דעל פּערו". אָן אַ שיעור גייסטלעכע, וואָס האָבן זיך דאָ געלאַנגווייליקט צווישן די גרויע ווענט פון די קאָנ־ווענטן, האָבן ענדלעך דערלעבט די שעה צו קאָנען זעטיקן און שטילן זייער דאָרשט נאָך בלוט־פאַרגיסונג, פּייניקונגען, טאָרטורן און פאַרברענען. איבערהויפּט האָט די „סאַנטאָ אָפּיסיאָ" געוואָרפן אַן אויג אויף די „פּאָרטוגעזער", וואָס האָבן זיך אַרייַנגעשמוגלט פון בראַזיל קיין פּערו, טשילע און ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ־קאָלאָניעס. איך בין גייסטיק געווען צו־שוואַך צו קענען אַריבערטראָגן די יסורים, וואָס די אינקוויזיציע האָט מיר אָנגעטון. האָב איך זיך אונטערגעגעבן אין דעם מאָמענט, ווען מען האָט מיר שוין געדאַרפט אַוועקשטעלן אויף דעם שייַטערהויפן. נישט גע־האַט דעם מוט, מייַן זון, אַוועקצוגעבן דאָס לעבן פאַר דעם אַלמעכטיקן גאָט פון ישראל. אָט־אָ־דאָס האָב איך דיר היינט געוואָלט דערציילן, פראַנסיסקאָ, אין דעם טאָג, ווען דו ווערסט אַכצן יאָר אַלט.

ביי די ווערטער האָבן זיי זיך אויפגעהויבן פון זייערע ערטער און שווייַגנדיק געגאַנגען אַהיים, יעדער איינער פאַרטראַכט אין זייַן איצטיקן לעבן.

***

פון דעמאָלט אָן האָט פראַנסיסקאָ אויסגעזען ווי אַ פאַרטראָגענער אין גאָר אַן אַנדערער וועלט. איין און איינציקער געדאַנק האָט אים באַהערשט: דערגרונטעווען דעם עצם, דעם תוך פון דער ייִדישער אמונה. יומם ולילה איז ער געזעסן און זיך געגריבלט אין די ספרים פון תורה, נביאים וכתובים.

זייַן באַגייַסטערונג און זייַן ליבע צום גאָט פון זייַנע אָבות שלאָגט שטאַרקער פון טאָג צו טאָג. ער דערגרייכט צו אַזאַ מדרגה, אַז ער אַליין ייִדישט זיך, באַנוצנדיק אַ גאָל־מעסער... און ער פילט גאָר אין דעם קיין ווייטיק נישט, ווייַל זייַן גאַנצער קער־פּער גליט און פיבערט אין דעם הייליקן פלאַם, וואָס באַדייַט נצח ישראל. זייַן נשמה, וואָס איז געלעגן ווי אַ געפאַנגענער אין זייַן קריסטלעכן גוף, באַקומט פליגלען, און ער פילט דעם באַגער צו דערהויבן זיך ביז צום דערגרייכן דעם כסא־הכבוד...

אין די חגא־טעג גייט ער אין דער קירכע. אָבער דאָרט, אַנטקעגן דעם אָפּגאָט, טוט ער תפילה מיטן גאַנצן האַרצן צום גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב. אין דער היים היט ער אָפּ, לויט דעם ייִדישן לוח, די ימים־טובים, וואָס „יעהאָוואַ" האָט געבאָטן אין תורת משה.

זיבעצן יאָר כסדר פירט פראַנסיסקאָ סילוואַ מאַלדאָנאַדאָ אַזוי זייַן מאַראַנען־לעבן ביז די „סאַנטאָ אָפּיסיאָ" קומט אויף זייַנע שפּורן.

זייַן אייגענע שוועסטער, פעליפּאַ מאַלדאָנאַדאָ, „לאַ בעאַטאַ", פאַרמסרט אים.

ער ווערט אַרעסטירט און אַרײַנגעוואָרפֿן אין דער תפיסה פֿון דעם סאַנטאָ דאָמינגאָ-קאָנוועגט אין דער שטאָט קאָנסעפּסיאָן דע טשילע דעם 29טן אַפּריל פֿון 1627. און צוועלף לאַנגע יאָרן האָט ער זיך אויסגעוואַלגערט אין די קעלערן פֿון די אינקוויזיציע-מאָנאַסטירן.

די געברענטע לײַדן, מיט וועלכע מען האָט זײַן לײַב געפּײַניקט, די פֿילע טעג פֿון נאָכאַנאַנדיקן פֿאַסטן האָבן פֿאַרוואַנדלט זײַן גוף אין אַן אויסגעטרוקנטן זאַק ביינער, פֿון וועלכן עס האָט געטריפֿט בלוט און עס האָבן געאײַטערט די וווּנדן. אָבער זײַן גײַסט, זײַן נשמה איז געבליבן לויטער, אומצעשטערט, שטאָל און אײַזן פֿאַרעקשנט אין דער אמונה פֿון דעם גאָט פֿון ישראל. זײַנע הענקערס, די גלחים, זײַנען אַלעמאָל געבליבן געפּלעפֿט און האָבן באַוווּנדערט די מעכטיקע קראַפֿט פֿון זײַן ייִדישן רצון.

נישט איין מאָל, בעת מען האָט זײַן לײַב געברענט און געבראָטן מיט אײַזער-נע צוואַנגען, האָט ער אויסגעשריען: — ווען איך זאָל אַפֿילו טויזנט לעבנס פֿאַר-מאָגן, וואָלט איך זיי אַלע אָוועקגעגעבן פֿאַר דעם איינציקן גאָט פֿון ישראל!

עס איז אים אין אַ געווויסן טאָג געלונגען זיך אַרײַנצושמוגלען אין אַנדערע קאַמערן, וווּ עס האָבן זיך געפֿונען סתם פֿאַרברעכער, כּדי צו איבערצײַגן זיי, אַז די אמתע אמונה איז די אמונה אין דעם איין-און-איינציקן גאָט פֿון אברהם, יצחק און יעקב — — —

**
*

עס איז געקומען דער 23סטער יאַנואַר פֿון 1639, דער טאָג אין וועלכן עס האָט געדאַרפֿט דורכגעפֿירט ווערן אין לימאַ דער אויטאָ-דאַ-פֿע, וואָס זאָל אויף אַ שרעקלעכן אופֿן מאַכן אַ סוף צו מאַלדאָנאַדאָס יסורים.

אַן אויסגעטריקנטן, מיט אַ לאַנגער, גרויער באָרד און אַ ווילד-צעשויבערטן קאָפּ האָר, האָט מען דעם זיבן און פֿערציק-יאָריקן פֿראַנסיסקאָ מאַלדאָנאַדאָ אָוועק-געשטעלט אויף דעם טאַבלאַדאָ*). אויף זײַן האַלדז האָט מען אים אָנגעהאָנגען די ספרים, וואָס ער האָט פֿאַרפֿאַסט אין די אינקוויזיציע-קעלערן, און מען האָט פֿאַר אים פֿאָרגעלייענט דעם פּסק-דין.

אין יענעם מאָמענט האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ שטורעמווינט, וואָס האָט אַרונ-טערגעריסן דעם פֿאָרהאַנג אַנטקעגן אים, און עס האָט זיך אַנטפּלעקט פֿאַר דעם פֿאַראורטיילטן מאַלדאָנאַדאָ אַן אויסגעלײַטערטער הימל.

מאַלדאָנאַדאָס פֿאַרפֿינצטערט געשטאַלט האָט אויפֿגעשטראַלט און מיט די לעצטע כּוחות האָט ער אויסגעשריִען:

---

*) עשאַפֿאָט.

— דאָס האָט דער גאָט דער גאָט פון ישראל אַזוי געטון, כדי אויף מיר איצט אַ בליק צו טון פון זײַן הייליקן טראָן אין הימל. געלויבט זאָל זײַן דער נאָמען זײַנער אויף אַלע אייביקע אייביקײַטן. אָמן!

נאָר באַלד איז ער מיט נאָך צען פאַרמשפּטע, יעדער איינער צווישן צוויי אינקוויזיציע-וועכטער, אַרויסגעפירט געוואָרן הינטער דער שטאָט.

דעם גאַנצן וועג זײַנען זיי געגאַנגען אַרומגערינגלט מיט אַ טאָפּלטע ריי סאָל־דאַטן, כדי באַשיצט צו ווערן פון דער קאָמפּאַקטער מאַסע מענטשן, וואָס זײַנען זיך פון דעם גאַנצן לאַנד צונויפגעלאָפן. אָן אַ שיער גלחים, אָנגעטון אין זייערע סוטאַ־נעס פון פאַרשיידענע אָרדנס, טראָגנדיק שווערע צלמים, האָבן געמורמלט תפילות איבער דעם גאַנצן וועג צום טויט, ביז צום אָרט וווּ דאָס פאַרברענען האָט געדאַרפט פאָרקומען.

דאָס איז געשען זונטיק דעם 23סטן יאַנואַר פון יאָר 1639, אין דעם טאָג פון סאַן אידעלפאָנסאָ: פראַנסיסקאָ סילוואַ מאַלדאָנאַדאָ איז לעבעדיקערהייט פאַר־ברענט געוואָרן אויף דעם שײַטערהויפן, צוזאַמען מיט זײַנע ספרים אָנגעהאַנגענע אויף זײַן האַלדז, און מיטן „שמע ישראל!” אויף די ליפּן.

— 5 —

אַ רעווע פון אַ לאָקאָמאָטיוו האָט מיך ווי פון אַ טיפן שלאָף אויפגעוועקט.

אָנגעקלאַמערט אויף דעם פּלויט בײַם ראַנד פון דעם „אַראַזשאַ מאַלדאָנאַדאָ”, בין איך אײַנגעדרימלט געוואָרן, און עס זײַנען פאַר מײַנע אויגן אויפגעקומען בילדער פון אָט־דער געשיכטע, וואָס איך האָב אַמאָל געבלעטערט אין אַ פאַרוועלקטן ספר, וואָס זײַנע דפים האָבן אויסגעזען אין מײַנע אויגן ווי פאַרגעלטע שמות, וועל־כע וואַלגערן זיך הונדערטער יאָרן אין אַן אָרון קודש.

איך האָב זיך גענומען אַרומקוקן, ווו איך בין אין דער וועלט. מײַן גאַנצער קערפּער איז געווען אויסגעווייקט אין שווייס; מײַן שלאָף-מאַנטל פּיטש נאַס. דער הימל איז נאָך אַלץ געווען אײַנגעהילט אין שטאַק פינצטערניש. בלויז אין מזרח־זײַט האָט זיך אַרײַנגעזופּט אַ שוואַכע, רויטע העלקײַט: דאָס האָט דער בוענאָס-אײַרעסער צענטער מיט זײַן עלעקטרישער באַלײַכטונג אַזוי שוואַך באַשײַנט דעם פאַרכמאַרעטן הימל.

צו טאָג איז נאָך גאַנץ ווײַט געווען. די טורעם-זייגערס האָבן געשלאָגן צוויי.

בײַם ברעג פון מאַלדאָנאַדאָ זײַנען די נידעריקע שטיבלעך געשטאַנען ווי אײַנ־געטוליעט איינע אין דעם צווייטן, ווי צוזאַמענגעגאָסן אין איין שטיק שוואַרצע מאַסע. אין די אָרעמע שטיבלעך, כמעט אין יעדער איינעם, זײַנען איצט געזונקען אין טיפן שלאָף ייִדישע קינדער. די מערסטע פון זיי זײַנען פון רוסלאַנד געקומען

צו לויפן, געטריבן פון פּאָגראָמען און שריפות. דאָ האָבן זיי געפונען זייער מקום-מקלט.

גאָ:צענע טעג רײַסט זיך דאָ צו דער גאַס אַרויס, דורך די אָפענע פענצטער, דער ליאַרעם פון די ניי־מאַשינדלעך, באַגלייט מיט הארציקע תפילות, וואָס די וועלט־באַרימטע חזנים סיראָטאַ און קוואַרטין זינגען אַרויס פון אַ גראַמאָפאָן. אין די שבתים און ימים־טובים זעט מען דאָ זקנים פון דער אַלטער היים, וואָס גייען זיך לאַנגזאַם צו די עטלעכע שילן, וואָס געפינען זיך דאָ. אין דער מיט פון אָט דער יידישער סביבה שטייט די אַלטע קירכע סאַן־בערנאַרדאָ. אין געוויסע חגאָ-טעג ציען זיך צו איר, פון וואַנעט ווייסט וו, נישט איבעריק גרויסע פּראָצעסיעס, אויף וועלכע די יידישע אײַנוווינער קוקן אָן שרעק. דאָ, אויף דער זעלביקער ערד, וו מיט דרײַ הונדערט יאָר צוריק האָט זיך געטראָגן דאָס געשפּענסט פון טאָרקוועמאַדאַ, לעבן איצט קינדער פון ישראל אָן מורא פאַר דעם „סאַנטאָ אָפיסיאָ", וואָס איז שוין לאַנג פאַרשוווּנדן.

וויפיל צײַט איך בין אַזוי געשטאַנען פאַרטיפט אין אַ ים פון מחשבות, ווייס איך נישט. נאָר אין אַ מאָמענט האָט זיך מיר געוואָלט דוכטן, אַז נאָך עמעצער געפינט זיך נעבן מיר.

אַ שאָטן פון אַ מענטשן האָט זיך ווי אויסגעשיילט בײַ דעם זעלביקן פּאָרענטש, וו איך בין געשטאַנען אָנגעשפּאַרט. עס האָט לאַנג נישט גענומען און אַ שווערער זיפץ האָט זיך פון דעם דאָזיקן שאָטן צו מיר דערטראָגן. באַלד זײַנען געקומען אַ פּאָר אָפּגעהאַקטע, אַרויסגעשטאַמלטע ווערטער, וואָס איך האָב נישט געקאָנט אויפכאַפּן.

— אַן אומדערטרעגלעכע הייסע נאַכט. — האָט בײַ מיר, נישט ווילנדיק, דאָס קול זיך אַרויסגעכאַפּט.

— .אַ?... וואָס?... יאָ... — האָט אַ הייזעריקלעכע שטימע אָפּגעענטפערט.

— עס איז גאָר אוממעגלעך אײַנצושלאָפן. — האָב איך איצט שוין מיט מער קוראַזש אַ זאָג־געטון.

— די פײַכטע היץ, דער שווערער לופט־דרוק, די בײַנאַכטיקע משחיתים, די קאָמאַרן, פאַרביטערן דאָס לעבן אין די סובטראָפּיקאַלישע מקומות — האָט דער שאָטן געזאָגט און דערבײַ זיך דערנענטערט צו מיר.

— ריכטיק.

אין זײַן אַקצענט, אין זײַן פּערפעקטן שפּאַניש, האָב איך גלײַך דערקאָנט, אַז ער איז אַ ייד.

עס האָט אַ בלישטש־געטון אַן אָנגעצונדן שוועבעלע. ער האָט עס צוגעטראָגן צו אַ ליולקע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין מויל. בײַם אָפּשײַן פון קליינעם פײַערל האָב איך דערזען אַ געשטאַלט, וואָס האָט מיך אויפגעשווידערט: עפּשטיין, דער

אפטייקער פון מײַן געבורט-שטעטל, וואָס איז שוין לאַנג טויט, איז דאָ געשטאַנען נעבן מיר. פּונקט אַזוי האָט ער אויסגעזען. אַ בלאָנדער זשמוט האָר איז געלעגן אויסגעשפּרייט אויף זײַן שטערן. אין זײַנע אָנגעשיכורטע אויגן האָט געגליט אַ מאָדנע פֿײַערל. אָט-די דײַטשישע ליולקע איז קיינמאָל פון זײַן מויל נישט אַרויס.

ער איז געווען אַ משומד, אַ צורר היהודים. קײַן ייִד איז אין זײַן אַפּטייק נישט אַרײַנגעקומען. נאָר די פּויערים, די נאַטשאַלסטוואָ און די פּריצים פון די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער פלעגן קומען צו אים נאָך רפואות. ער האָט געהאַט אַ האַנט אין אַלע אָפּטע אָנפאַלן פון די גויים אויף ייִדישע קרעמער און סוחרים. ער האָט געהעצט און אויפגעקלערט דעם פויערשן המון קעגן די „באַטריגער" די ייִדן. פאַר־וואָס, פון וואַנען עס האָט צו יענעם אויסוואורף זיך גענומען אַזאַ פאַרסממטע נשמה, דאָס האָט קיינער נישט געוווּסט.

**
*

ווען די באָלשעוויקעס זײַנען אין 1919 אַרײַן צו אונדז אין שטעטל, האָבן זיי דערזען, ווי אַ גרויסע, שוואַרצע מחנה קראָען איזדיעקעווען זיך אין מיטן מאַרק אויף אַן אויסגעקוילעטער מענטשלעכער מאַסע.

וויסט און שטיל איז געווען אַרום און אַרום. פון די פאַרלאָזטע, אויסגעראַ־בעוועטע הײַזער האָבן זיך דורך די אויסגעהאַקטע שויבן אַרויסגעריסן צום דרויסן פעדערן פון צעריסענעם בעטגעוואַנט, וואָס האָבן זיך אויסגעמישט מיט די פלי־טערלעך פון דעם ערשטן שניי, וואָס האָט זיך שטיל און לאַנגזאַם פון הימל אַראָפּ־געלאָזט. מוראדיק האָבן די קראָען געגרילצט און געפלאַטערט איבער די אומגעקו־מענע אין יענער טויטער סביבה.

די שחיטה איז טאַקע פאָרגעקומען אין יענעם שבתדיקן פרימאָרגן. דאָס יונג־וואַרג איז זיך צעלאָפן, אויסבאַהאַלטן זיך אין די אַרומיקע וועלדער. די אַלטע לײַט, וואָס האָבן פּונקט געדאַווענט אין די בתי־מדרשים, זײַנען פון די רוצחים אַרויסגע־שלעפּט געוואָרן, אָט אַזוי ווי זיי זײַנען געשטאַנען, אין די טליתים. און אָט ליגן זיי, אײַנגעהילטע אין די טליתים, אַנטקעגן עפּשטיינס אַפּטייק און צווישן אָט־אָ־די טהורים וקדושים ליגט אויך עפּשטיין דער משומד... פון צווישן זײַנע אײַנגעקרעמפּטע ליפּן סטאַרטשעט אַרויס די ליולקע, וואָס די פעטליורער כוליגאַנעס האָבן געלאָזט בײַ אים שטעקן טיף אין גאָרגל.

**
*

אויך אָט־אָ־די פּאַסירונג האָט אויפגעלעבט אין מײַן צעהיצטן מוח בשעת איך האָב באַמערקט מײַן אומבאַקאַנטן באַגלייטער נעבן מיר, בײַם ראַנד פון מאַלדאַנאַ־דאָ. און נאָך אַ קורצער פּויזע האָב איך זיך אָנגערופן:

— דער הער וווינט מסתמא נישט ווײַט פון דאַנען?

— יאָ. — האָט ער קאַלטבלוטיק געענטפערט — איך בין דער אַפּטייקער פון דער „פאַראַקיאַ".

אַן אומאַנגענעמע שוואַכקייט האָב איך דערפילט אין מײַנע פיס. אַן אַנגסט־שווייס איז מיך באַפאַלן. די אָדערן אין מײַנע שלייפן האָבן געפּיקט און מײַן האַרץ האָט געהאַמערט. עס איז מיר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, אַז איך בין פון זינען גע־רירט.

— דער אַפּטייקער, זאָגט איר? — האָב איך אַ טויט־דערשראָקענער אַ שעפּ־טשע־געטון.

— וואָס־זשע זײַנט איר אַזוי דערשראָקן, יונגערמאַן? — האָט ער אַ מאַך־געטון מיט אַ שמייכלענדיקן טאָן.

— איך דערמאָנט מיר אין אײַער אַ קאָלעגע, וואָס די פּעטליורער האָבן דער־מאָרדעט בײַ אונדז אין שטעטל... און... ווײַטער — האָב איך ווי צו זיך אַליין גע־רעדט — קאָן דאָך אַ מענטש אין אַ קרענקלעכן צושטאַנד דערזען זאַכן און גע־שטאַלטן, וואָס זײַנען שוין לאַנג אויף דער וועלט נישטאָ. איך בין נישט מיט אַלע־מען. איך פיבער זײַט עטלעכע טעג.

— צי איר פיבערט, ווייס איך נישט. אָבער איך פאַרזיכער אײַך, אַז איך בין נישט „יענעמס" אַ געשפענסט... איך בין דער איינציקער אַפּטייקער פון דער געגנט, אַ לעבעדיקער צווישן אַלע לעבעדיקע... און איר ווער זײַנט? — האָט ער נײַגע־ריק אַ פרעג־געטון.

— איך בין אַ סטודענט פון מעדיצין.

— אַ, איצט פאַרשטיי איך שוין. — האָט ער מיט גרינגשאַצונג אַ מאַך־געטון — אַלע סטודענטן רעדן זיך אײַן, אַז זיי לײַדן פון די פאַרשיידענע קראַנ־קײַטן, וואָס זיי לערנען אין די ביכער... אײַערע יידישע סטודענטן ווערן אויך אָפט מאָל באַהערשט פון דער פאַרפאָלגונג־משוגעת...

— איך פאַרשטיי נישט, וואָס איר מיינט מיט דעם?

— איך וויל זאָגן, אַז נאָר עס דוכט זיך זיי, אַז די קריסטלעכע קאָלעגן זייערע פאַרפאָלגן זיי...

— איר האָט אַ טעות. דאָס איז נישט קיין משוגעת. דאָס זײַנען אמתע פאַקטן, וואָס ווערן פאַרצייכנט טאָג־טעגלעך אין די שפּיטעלער. עס איז גענוג, אַז אַ סטו־דענט זאָל האָבן אַ יידישן פאַמיליע־נאָמען, מעג ער טראָגן דעם גרעסטן צלם אויף זײַן ברוסט, מאַכט מען אים די לופט ענג, און מען פאַרמאַטערט אים דאָס לעבן אין שפּיטאָל. מײַנער אַ חבר האָט אין אַ געוויסן טאָג פאַר מיר זיך באַקלאָגט, אַז צוליב זײַן יידישן נאָמען האָבן אים זײַנע שפּיטאָל־חברים פאַרשלעפּט אהער צום „אָראָזשאַ", אין אַ קאַלטער, ווינטערדיקער נאַכט, און האָבן אים דאָ אין די קאַלטע,

שמוציקע וואַסערן אָפּגעטובלט. פון שלאָף האָבן זיי אים אויפגעריסן אין זײַן ציר־מערל, אין שפּיטאָל, נאָך אַ טאָג פון פּראַקטיקאַנטן־אַרבעט. און ווייסט איר, ווי אַזוי מען האָט דעם אומגליקלעכן אָפּגעטריקנט? גאַנץ איינפאַך: נאַקעט, ווי די מאַמע האָט אים געהאַט, האָט מען אים נאָך דעם באָדן אַנידערגעשלײַדערט אויף אַן אויסגעשפּרייטע קאָלדרע, און אַ נעמענדיק זי בײַ אירע ברעגן האָבן די פרייליכע יונגען אַזוי לאַנג דעם נאַקעטן סטודענט געשלײַדערט אין דער לופטן, ביז ער האָט פאַרלוירן דעם באַוווסטזײַן, און ערשט נאָך דעם האָבן זיי אים אָפּגעפירט מיט אַן אַמבולאַנס צוריק אין שפּיטאָל. אַזאַ פאַרווײַלונג, וואָס מען רופט „על מאַנטעאַ״, ברענגט אַרײַן די צושויער אין אַן אַמוזירנדיקן און עראָטישן פאַרגעניגן־צושטאַנד, וואָס איז ענלעך צו סאַדיזם. פון אַזעלכע סאַדיסטן, וואָס איזדיעקעווען זיך איבער זייערע שוואַכע קרבנות, קומען דערנאָך אַרויס מעדיצינער... און נאָך ווי איזדיעקעווען זיך! ווען יענער געפּײַניקטער סטודענט איז צו זיך געקומען, האָבן זײַנע הענקערס אים געצוווּנגען אונטערצושרײַבן זיין דימיסיע אַלס פּראַקטיקאַנט, וואָס דאָס מיינט, אַז ער דאַרף וואַרטן אויף בעסערע צײַטן... און פאַרוואָס דאָס אַלץ? פאַרן איינציקן חטא, וואָס ער טראָגט אַ ייִדישן נאָמען, כאָטש ער אַליין איז אַ פרומער קאַטאָליק...

— נו, און ער האָט נאָכגעגעבן?

— ער האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט! ער איז דערנאָך אָפּגעלעגן אויף לונגען־אַנצינדונג אַ שיינע פּאָר וואָכן. אַ דערשלאָגענעם האָב איך אים שפּעטער באַגעגנט כמעט יעדן טאָג אין פאַקולטעט. ער איז מער נישט דער זעלביקער.

— אַ קריסט מיט אַ ייִדישן נאָמען? — האָט מײַן באַגלייטער ווי צו זיך אַזאָג־געטון.

— יאָ. ער האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל זײַן נאָמען האַלטן בסוד.

— ער איז קראַנק געוואָרן נאָך יענער נאַכט? — האָט ער מיט אַ מאָדנעם טרויעריקן טאָן אַ פרעג־געטון.

— אַזוי האָט ער מיר דערציילט. זײַן ייִדישער פאָטער און זײַן קאַטוילישע מאַמע ווייסן אפילו נישט דערפון.

— וואָס איז אײַך? — האָב איך פּלוצים אַ געשריי־געטון, נאָך אַ לאַנגער ווײַלע פון שטילשווײַגן, ווען איך האָב דערהערט אַ מאָדנעם כאָרכל, וואָס איז פון אים געקומען.

— גאָרנישט, גאָרנישט, מײַן פרײַנד. — האָט ער מיט אַ פאַרשטיקטן קול אַ זאָג־געטון — שטענדיק דאָס זעלביקע... ווען עפּעס דענערווירט מיך...

— ווילט איר, איך זאָל אײַך אָפּפירן אהיים? — האָב איך אים געפרעגט.

— ניין... ניין... עס דויערט נישט מער ווי אַ פּאָר מינוט...

עס איז ווידער שטיל געוואָרן.

פון ערגעץ גאַנץ ווײַט, טיף צווישן די וואָלקנס, האָט אַ פֿלאַם-געטון אַ בליץ; באַלד אַ צווייטער און אַ דריטער, און וואָס אַ מאָל אַלץ נענטער און שטאַרקער. אין דעם גאַנץ העלן אָפּשײַן פון די בליצן, אונטער די קנאַלן פון די וואָס אַ מאָל שטאַרקערע דונערן, האָב איך מיר אַרומגעזען, אַז איך בין אַליין בײַם אַראָזשאָ. ער, דער אַפּטייקער, איז נעלם־געוואָרן, פונקט ווי די וואַסערן פון מאַלדאָנאַדאָ וואָלטן אים אײַנגעשלונגען. עס איז מיר אין יענעם מאָמענט מאָדנע אומהיימלעך געוואָרן, און אַזוי, באַהערשט פון פּחד, האָב איך מיר אומגעקערט אין מײַן פּענסיאָן־צימערל.

— 6 —

עס איז שוין געווען גרויסער טאָג, ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט. נעבן מײַן בעט איז געשטאַנען די באַלעבאָסטע און געקוקט אויף דעם טערמאָמעטער.

— ביסט אַזוי געשמאַק געשלאָפן, — האָט זי געזאָגט — אַז איך האָב דיך נישט געקאָנט אויפוועקן. מיר דאַכט זיך, אַז דו ביסט שוין געזונט. די היץ האָט געבראָכן.

איך האָב זיך טאַקע דערפילט ווי נײַ געבוירן.

דורך דעם פענצטערל האָט אַ פרישער פרימאָרגן מיט אַ פּרעכטיקער זון אַרײַנגעקוקט. אָן אַ שיער קלאַנגען פון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן האָבן זיך פון גאַס געטראָגן. דעם דאָזיקן גערודער, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, האָב איך שוין גאָר־גאָר לאַנג נישט געהערט. אַלץ האָט מיר אויסגעזען אײַנגענעם און היימיש. איך הער, ווי עס גייט פאַרבײַ דער איטאַליענישער פיש-פאַרקויפער, וואָס בײַט אָן זײַן סחורה מיט אַ ניגון פון אַ נעאַפּאָליטאַנישער אַריע. זײַן טענאָר־שטימע פאַרגייט זיך אין אַ געזאַנג, פול מיט טרויער און בענקשאַפט. אין מיטן פאַלט אַרײַן דער שלײַפער, וואָס שפּילט אויס אַ האַרציקע סיציליאַנישע אומעטיקע מעלאָדיע, וואָס דרינגט אַרײַן מיט זיסקײַט אין יעדן אבר. און אָט קומט דער אויסגעשריי פון דעם גרינס-פאַרקויפער, קאַרטאָפל־הענדלער.

— אין וועלכע עולמות האָב איך מיר אַרומגעטראָגן, וואָס איך האָב אַזאַ לאַנגע צײַט אָט־אָ־די אַלע זאַכן נישט געהערט?

איך האָב גאָרנישט באַמערקט, ווי די באַלעבאָסטע פון פּענסיאָן באַטראַכט מיך און וואַרט, אַז איך זאָל איר ענטפערן:

— וואָס ביסטו אַזוי פאַרטראַכט? — הער איך, ווי זי פרעגט מיך.

— אָ? יאָ... — ענטפער איך צעטראָגן — איך וויל זיך דערמאָנען אין מײַנע פּוסטע חלומות און קאָשמאַרן, וואָס האָבן זיך מיר אָנגעפּלאָנטערט אין דער לעצטער צײַט...

— 7 —

די ערשטע זאך, וואס איך האב געטון, ווען איך האב זיך איינגעאָרדנט ווי א גאר־וואס געענדיקטער דאָקטער, איז געווען: פראַוּוען וויזיטן מײַנע קאָלעגן און אַפּ־טייקערס פון דער זעלביקער געגנט.

קאַלט, מיט אַן אומצופרידענער מינע, האָבן מיך אויפגענומען מײַנע קאָלעגן, די דאָקטוירים. דאַקעגן האָבן זיך די אַפּטייקערס צו מיר באַצויגן מיט גרויס רעס־פּעקט און העפלעכקײַט.

אין איינער פון יענע פארנאַכטן בין איך צוגעקומען צו אַן אַפּטייק, וואָס האָט זיך געפונען פּונקט אַנטקעגן קלויסטער סאַן בערנאַרדאָ. די אַפּטייק איז געווען פאַרמאַכט און אויף דעם אַראָפּגעלאָזטן אײַזערנעם שטאָר האָט אַ קליין שילדל גע־מאָלדן: „געשלאָסן מחמת טרויער". נעבן מיר איז אויסגעוואַקסן עפּעס אַ באַ־ריידעוודיקע פּרוי און האָט אַ ברום־געטון מיר גלײַך אין פּנים:

— ער האָט באַקומען אַן אַפּאָפּלעקציע, דער משומד.

— וועמען מיינט איר? — בין איך געוואָרן נײַגעריק.

— וואָס הייסט? דער אַפּטייקער! אַ שונא־ישראל געווען... די ערד זאָל אים גאָר נישט צונעמען!

עפּעס האָט מיר אַ ציִ־געטון אַהין, אויף די טרעפּ. איך בין אַרײַן אין אַ גרויס צימער, וווּ דער אָרון מיטן בר־מינן איז געשטאַנען. זעקס „סיריאָס"*) אין הויכע קאַנדילאַברן, אַרום דעם אָרון, האָבן שוואַך באַלויכטן דעם צימער. אין דער אָפענער טרומנע, צוגעדעקט ביז צום האַלדז מיט אַ קלאָר־ווײַסן, געקראָכמאַליעטן צודעק, איז געלעגן דער מת. צווישן די פינגער פון זײַנעביידע הענט, פאַרגליווערטע אויף דער ברוסט, איז געווען אַרײַנגעשטעקט אַ גאָלדענער צלם. צוקאָפּנס איז געווען אײַנגעאָרדנט אַ מין אַלטאַר, פול מיט בילדער פון קאַטוילישע צדיקים; אין מיטן, צווישן אַלטאַר און טרומנע — אַ געקרײַציקטער, ווי אַ מענטש די גרויס. זײַן צע־בלוטיקטע, נאַקעטקײַט האָט מוראַדיק אַראָפּגעקוקט צום געטויפטן פאַרשטאַרבע־נעם ייִדן.

פּײַן פאַרקאַמט און פאַרזיכטיק אָפּגעגאַלט, איז דער אַפּטייקער מיט פאַר־מאַכטע אויגן געלעגן. קיין סימן פון פיזישע לײַדן איז נישט געווען צו מערקן אויף זײַן געל־בלאַסן, אײַנגעשלאָפענעם געזיכט.

— ווי ענלעך ער איז צו יענעם משומד, וואָס די פּעטליורישע מערדערס האָבן דערהרגעט בײַ אונדז אין שטעטל! — האָב איך געטראַכט — עס זאָל פעלן אַ האָר...

פון מײַן באַגעגעניש מיט אים, בײַם ראַנד פון מאַלדאָנאַדאָ, האָב איך גאָר נישט געדענקט. איך האָב עס אין גאַנצן פאַרגעסן, ווי אין אַלע מײַנע קאַשמאַרן.

*) גרויסע קלויסטער־ליכט.

די לופט פון יענער סביבה איז געווען אָנגעזאַפּט מיט אַ מישמאַש פון בלומען־ריח. אַ סך בלומענקרענץ זיינען געווען אָנגעלייגט אַרום די ווענט. אויפן טיש און אויף בענק, אין דער מיט פון אַט־אָ־דעם קרייז פון בלומען, האָבן זיך מעגטשלעכע שאָטנס אַרומגעדרייט און סודותדיק צווישן זיך געשעפּטשעט. אייניקע פרויען, אין שוואַרצן געקליידט, מיט פרומע פּנימער, האָבן געמורמלט תּפילות, האַלטנדיק בעת־מעשה „ראָסאַריאָס"*) צווישן זייערע פינגער. אין אַט־אָ־דער גוויִשער טרויער־סביבה נאָך אַ געוועזענעם ייִדן האָב איך געזוכט עפּעס אַן „אייגענעם".

פּלוצלינג איז מיר אַנטקעגנגעקומען אַ חבר פון פאַקולטעט.

— אָך, פריינד! — האָט דער חבר אַ זאָג־געטון, דריקנדיק מיין האַנט — דו ביסט דער איינציקער קאַמעראַד, וואָס איז געקומען אָפּגעבן מיין פאָטער זיין לעצטן כבוד. איך בין דיר דאַנקבאַר.

— אַ לאַנגע צייט איז ער קראַנק געווען? — האָב איך אַ פרעג־געטון.

— ניין. דאָס איז געקומען אומגעריכט. גייסטיק איז ער אָבער שוין לאַנג נישט געווען מיט אַלעמען, פון זינט ער האָט זיך דערוווּסט, אַז איך בין אויס פּראַקטיקאַנט. איך ווייס נישט, ווער פון מיינע חברים האָט אים דערציילט, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט. אַנומלט, אַרויסגייענדיק פון פאַקולטעט, אין אַן אָוונט, האָב איך אים געטראָפן שטיין ביים טויער.

— ווי קומסטו אַהער, פּאַפּאַ? — האָב איך אים אַ פרעג־געטון.

— איך האָב דיך דאָ אָפּגעוואַרט. איך דאַרף מיט דיר עפּעס רעדן.

אין זיין קול איז געלעגן אַ ים מיט טרויער.

— וואָס איז מיט דיר, פּאַפּאַ? שוין אַ היפּשע צייט, אַז איך באַמערק אַ פאַר־ענדערונג אין דיין האַלטונג.

— מיר איז גאָרנישט, מיין קינד. — האָט ער מיט הכנעה גערעדט — דיר האָב איך שטאַרק וויי־געטון. צוליב מיין פאַרשאָלטענעם ייִדישן נאָמען, וואָס איך האָב דיר געגעבן, האָבן דיר דיינע חברים געפּייניקט.

— ווער האָט דאָס דיר דערציילט, טאַטע? — האָב איך נישט מיט מיין קול אויסגעשריען — דו האָסט עס קיינמאָל נישט געדאַרפט וויסן!

— ווען דו ביסט געלעגן אין פיבער, בעת דיין לונגען־אָנצינדונג, האָסטו אַליין אַלץ אויסדערציילט. אין ערשטן מאָמענט האָב איך געמיינט, אַז ס'איז נישט מער ווי דעליריום. אָבער אַ חבר דיינער האָט מיר אַלץ איבערגעגעבן. די סצענע, ווי אַזוי דיינע חברים האָבן דיך אין יענער קאַלטער נאַכט געטובלט אין דעם מאַלדאָנאַדאָ און נאָך דעם אין דער לופטן געשליידערט אַ נאַקעטן, אין אַזאַ קעלט, שטייט מיר

*) תּפילה־שנורן.

שטענדיק פאַר די אויגן. דו האָסט עס מיר גאָר נישט דערציילט. אַליין געליטן און דאָס קיינמאָל מיר נישט פאָרגעוואָרפן. „איך האָב געדאַרפט געווען אין גאַנצן אויסגעוואָרצלט ווערן פון מײַן יידישן אָפּשטאַם!", האָט מײַן פאָטער, אַ פאַר־צווייפלטער, געשטאַמלט צו זיך אַליין. נאָר זאָרג זיך נישט, מײַן זון! איך וועל נישט רוען, ביז איך וועל נישט פאַרריכטן די עוולה, וואָס איך בין קעגן דיר באַגאַנגען...

— וואָס קלערסטו צו טון, פּאַפּאַ? — האָב איך געפרעגט, קוקנדיק אויף אים מיט רחמנות.

— איך וועל זען, אַז דו זאָלסט אַדאָפּטירן דײַן מאַמעס נאָמען. דאָס איז מעגלעך. איך האָב שוין אַפילו זיך באראָטן מיט אַן אַדוואָקאַט וועגן דעם ענין.

— און די מאַמע ווייסט, וואָס דו האָסט באַשלאָסן?

—ניין. דו אַליין דאַרפסט מיט איר וועגן דעם ריידן. זאָג, אַז פאַר אַזאַ אויפ־ריכטיקן קאַטאָליק, ווי דו ביסט, פּאַסט נישט קיין יידישער נאָמען.

ווען מיר זײַנען שוין צוגעקומען גאַנץ נאָענט צו דער שטוב, האָט מײַן פאָ־טער מיר געוואָרנט, אַז וועגן אונדזער געשפּרעך טאָר מײַן מוטער נישט וויסן.

אָט פון יענעם טאָג אָן איז ער וואָס אַ מאָל געוואָרן מער מעלאַנכאָליש, אָפּ־געזונדערט פון דער גאַנצער וועלט, כסדר פאַרטראָגן און אויפגערעגט. מײַן מוטער האָט זיך פאַר מיר באַקלאָגט, אַז דער טאַטע איז נישט מיט אַלעמען, ער גיט זיך נישט אָפּ, ווי עס דאַרף צו זײַן, צו דער אַרבעט אין לאַבאָראַטאָריע. ער באַהאַנדלט שלעכט די קונים, וואָס קומען אין אַפּטייק...

— וועלכן סאָרט קונים באַהאַנדלט ער נישט גוט, יידן צי קריסטן? — איז מיר פּלוצלינג אײַנגעפאַלן צו פרעגן.

די מאַמע האָט אַ ווײַלע זיך פאַרטראַכט און שטיל געענטפערט:

— יידן... יאָ, יידן... ער זידלט זיי און יאָגט זיי ממש אַרויס... און מערקווירדיק, ער איז דאָך אויך אַ מאָל געווען אַ ייד! אָך, ער האָט זיי געהאַסט...

און ווי מיר זײַנען אַזוי געשטאַנען און גערעדט צווישן זיך, האָבן מיר דער־הערט אַ שטאַרקן קלאַפּ אויף די טרעפּ.

ווען מיר זײַנען צוגעלאָפן, האָבן מיר געטראָפן דעם טאַטן ליגן אויסגעצויגן. ער האָט נאָך געקאָנט אויסשרײַען: „איך שטאַרב!", און איז באַלד אויסגעגאַנגען...

מײַן חבר איז ענדלעך אַנטשוויגן געוואָרן. דאָס גרויסע צימער איז וואָס אַ מאָל ענגער געוואָרן מיט נײַ־אָנגעקומענע גויים. אויך אַ פּאָר גלחים האָבן זיך באַוויזן. איך האָב זיך קוים דערשלאָגן צו דער טיר און אַרויס אין דרויסן.

פון דעם קלויסטער סאַן בערנאַרדאָ, קעגנאיבער, האָט אויף מיר אַ ווייע־געטון מיט אַ געשטאַנק פון ווײַרויך און פאַרשימלטע אָפּגעטער. לאַנגזאַם האָב איך געטראָטן אויף דעם שמאָלן וועג פון דער בוענאָס-אײַרעסער געגנט, בײַם ראַנד פון

מאלדאָנאדאָ, און אין דעם געדיכטן נעפּל פון יענער נאכט האָבן געשוועבט פאַר־מײַנע אויגן די הייליקע געשטאַלטן פון יידן מיט גויישע נעמען, ווי דיעגאָ לאָפּעס דע פּאָנעסקאָ, כואַן דע אסעוועדאָ, מאַנועל באַוטיסטאַ פּערעס, פראַנסיסקאָ סיל־וואַ מאַלדאָנאדאָ און אַנדערע, וואָס האָבן אין דער שטאָט לימאַ, מיט הונדערטער יאָרן צוריק מקדש-השם־געווען אויף די שײַטערהויפנס.

שמואל ראָזשאַנסקי

בוענאָס־איירעס

איבערקערעניש

(נאָוועלע)

— 1 —

באַסינטאַ האָט זיך געפילט ווי ער וואָלט אין זיך אַרייַנגעגאָסן צופיל אַל־קאָהאָל. איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ נישט אויסגעשלאָפענער. מיט אַ פּאַרוואָלקנטן קאָפּ. ביז איבל.

שוין עטלעכע טעג, אַז ער האָט נישט אַרויסגעפירט דעם אויטאָמאָביל פון גאַראַזש. אויסגעמיטן צו פאָרן. די פרוי האָט זיך געוווּנדערט. געפרעגט.

— מ'דאַרף עפּעס פאַרריכטן, — האָט ער געענטפערט.

— טאָ פאַרוואָס פאַרריכטסטו נישט? — איז באַסעפינאַ צוגעשטאַנען, קוקנ־דיק אויף אים זײַטיק, מיט אַ פאַרשנדיקן בליק — אפשר ווילסטו, אַז איך זאָל טעלעפאָנירן צום מעכאַניקער?

— ניין. — האָט באַסינטאַ אָפּגעהאַקט — דער מעכאַניקער, וואָס מיר קע־גען, וועט דאָס נישט פאַרריכטן.

די פרוי האָט געוואָרט אַ היפּשע ווײַלע. געשוויגן. געקוקט און געשוויגן. באַטראַכט דעם מאַן, ווי ער האָט פאַרן שפּיגל אויסגעבונדן דעם קראַוואַט, און געשוויגן. ער, פאַרנט, פאַרן הויכן שפּיגל, האָט דאָס מאָל אויסגעזען נידעריקער ווי אַלע מאָל. זײַן רויִקייט איז דערטרונקען געוואָרן אין זײַנע פאַרכמאַרעטע אויגן. די גרויליכע האָר זײַנען געוואָרן גרויער ווי ביז מיט עטלעכע טעג צוריק און

די שוואַרצע האָר װײניקער, שיטערער. זי האָט געװאָרט, אפשר װעט ער עפּעס איר זאָגן, דערציילן. נאָר ער איז געװען פאַרטון אין בינדן און איבערבינדן דעם קראַװאַט. דער שלייף איז אַלץ נישט אַרױסגעקומען װי עס באַדאַרף צו זײַן. איז װידער פון דאָס נײַ. נאָר פון מאָל צו מאָל אומגעדולדיקער. לסוף אַראָפּגעריסן דעם קראַװאַט מיט כעס. געעפנט די טיר פון דער שאַפע, אַ זוך־געטון צװישן די געדיכטע שורות פאַרשײדנקאָלירענע בענדער און שלײפן אַן אַנדערן, און האָס־טיק אים פאַרדרײט איבערן קאָלנער. די פרוי, הינטער זיך, װי נישט געזען, כאָטש זי האָט פון אים די אויגן נישט אַראָפּגענומען און אין שפּיגל געװען װי אויף זײַן פּלײצע אָנגעלענדט, ממש צוגעטוליעט. איצטער איז ער שוין געװען פאַרטיק, אויך מיטן רעקל און מיט דער הוט. איז ער צוגעגאַנגען צו דער פרוי, איר געגעבן אַ קוש אין שטערן, נישט אָנרירנדיק זי מיט קײן האַנט, געזאָגט שטיל און טרוקן „טשאַו", און אַװעק.

די פרוי האָט געהערט די טריט שװער אָפּקלאַפּן אויף די טרעפּ. שװערער װי אַלע מאָל. נישט װי טריט, נאָר װי שטײנער. מיט יעדן קלאַפּ איז איר שװע־רער געװאָרן אויפן האַרצן.

אַז זי האָט געהערט פאַרמאַכן די טיר, איז זי צוגעלאָפן צום פענצטער. איר אָטעם האָט פאַרהויכט די שויב און נישט געלאָזט זען מער, װי דורך אַ נעפּל, אַ מענטש װאָס איז געגאַנגען שװער, פעסט און דאָך זיך געװאַקלט. װער? נישט געזען קלאָר. געװאָלט זען. זיך אָנגעשטרענגט. פון אָנשטרענגונג דערפילט אַ ציטער איבערן קערפּער. די שויבן האָבן געציטערט. די שטוב האָט געציטערט.

כאַסעפינאַ האָט קוים זיך צוגעשאַרט צום פאָטעל און זיך אַראָפּגעלאָזט מאַכטלאָז, פילנדיק װי די אינגעװײד נעמען אין איר האָפּסען, װי די שפּרוזשי־נעס אונטער איר, װי די שטוב אַרום איר, װי דער סופית איבער איר.

— 2 —

אין ביוראָ, אויפן שרײַבטיש, האָבן געװאַרט טעלעפאָן־נומערן, צעטעלעך מיט נעמען און מעלדונגען. די אָנגעשטעלטע, דערזעענדיק דעם באַלעבאָס, האָט ברוגזלעך געגעבן די ערשטע דעם „גוט מאָרגן", נישט אויפגעהױבן די אויגן פון די פּאַפּירן און מיטן בלײַפעדער געטײַטלט איבער שורות. פאַריז האָט אַרײַנגע־קוקט אין די צעטעלעך. אַרױסגענומען פון טישקעסטל אַ ציגאַר, גוט באַקוקט בײדע זײַטן און מיט אַ ראַזיר־מעסערל, װאָס אויפן אַש־בעכער, אַרומגעשניטן אײן עק. אָנגערײַבנדיק דאָס רעדעלע פון צינד־קעסטעלע, פאַרדרױכערט. פאַרצױגן דעם רויך און נישט פאַרלאָשן דאָס מאַשינקעלע. געקוקט אויפן בלויען פלעמעלע

מיט די געלע צוויטן, ווי עס צוקט און צאפּלט זיך. דאָס צוקן און צאַפּלען זיך פון דעם בלויען פּלעמעלע מיט די געלע צוויטן האָט אים זיך אויסגעוויזן, ווי דאָס וואָלט געווען נישט אויסער אים, נאָר אין אים. אזוי האָבן זיך געצאַפּלט און געצוקט אין זיין מח געדאַנקען און געפילן, וואָס זיינען אים געווען ביז מיט עטלעכע וואָכן צוריק אַזעלכע פרעמדע, און איצטער זיינען זיי אים געוואָרן אַלע היימישער און פיינלעכער.

א דריל פון טעלעפאָן האָט אים איבערגעשלאָגן. ער האָט פאַרמאַכט דאָס ציגר-מאשינקעלע און דערשטיקט דאָס פייער.

דאָס מיידל האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן רייד-טרייבל פון טעלעפאָן, אַריבערגעקוקט צום באַלעבאָס און געמאָלדן:

— ראַמיקאָני. ער האָט פּאַרטיק די פּלענער.

— זאָגט אים — האָט פּאַריז געענטפערט — אַז כ'בין אַרויסגעפאָרן. כ'וועל ביז מאָנטיק נישט זיין.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט דער טעלעפאָן ווידער גערופן.

— אינזשעניר פּערעירא.

דאָן כאַסינטאָ האָט גענומען פּויקן מיט די פינגער איבערן טיש ווי איבער פּיאַנאָ-קלאַווישן, אַריבער פון דינסטן ביזן גראָבסטן פינגער עטלעכע מאָל, גלייך ווי ער וואָלט אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז מ'וויל פון אים אַן ענטפער.

— ער וואַרט, סעניאָר פּאַריז. — האָט די אָנגעשטעלטע פאַרזיכטיק דערמאָנט.

דער באַלעבאָס האָט געמאַכט אַ סימן מיט דער האַנט, איבערצוטראָגן דעם טעלעפאָן, און אויפגעהויבן דאָס טרייבל ווי עס וואָלט געווען אַ שווערע משא. נאָך דעם קאָלט זיך באַגריסט און געהערט די לאַנגע רייד. געהערט, געהערט און בלויז געענטפערט אָדער מיט אַ „יאָ" אָדער מיט אַ „ניין". צו ענדע אַריינגעזאָגט:

— איר וועט מיר זייער אַנטשולדיקן, סעניאָר אינזשעניר! מאַכט אַליין. איך גיב אייך דאָס רעכט צו מאַכן אין הויז די ענדערונגען, ווי איר פאַרשטייט. כ'פאַרלאָז זיך. דעם אמת זאָגנדיק הער איך אייך, נאָר פאַרשטיי נישט. כ'בין עפּעס נישט מיט אַלעמען.

נאָר אין טעלעפאָן האָבן ווידער גענומען רוישן רייד, אַ סך רייד.

— יאָ. אַנטשולדיקט. בוען דיאַ! — האָט פּאַריז איבערגעשלאָגן און שווער אַפּגעבלאָזן נאָכן אַוועקלייגן דאָס טרייבל מיט אַ קנאַק — אָט אַ נודניק! אַזאַ געלערנטער און אַזאַ נודניק...

ער האָט זיך אַריינגעזעצט טיף אין דער ווינשטול, זיך אויסגעבויגן אויף אַהינטער און צוגערופן דאָס מיידל:

— סעניאָריטאַ!

די אָנגעשטעלטע איז צוגעגאַנגען צום באַלעבאָס. געוואַרט.

— שרײַבט! — האָט ער באַפוילן.

איינס און צוויי, און פּאַפּיר מיט קאָפּיע איז געלעגן אין שרײַבמאַשין, און געוואַרט.

— „דערמיט לאָז איך איבער אַ קאָנסטאַנץ — האָט פּאַריז דיקטירט — אַז איך פאַרלאָז דעם פּאָסטן אין דעם אויבנדערמאָנטן הויז, אָפּגעזאָגט פון באַלע־באָס, און איך שטעל פעסט, אַז איך האָב געקראָגן באַצאָלט דעם פולן באַטרעף, וואָס האָט מיר געקומט, אין איינקלאַנג מיט די געזעצן פאַרן אָפּזאָגן פון דער אַר־בעט, די סומע פון..."

דאָ איז דאָן כאַסינטאָ שטיל געבליבן און די מאַשין איז שטיל געבליבן. דאָס מיידל האָט נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— אי?

— וואָס?

— שרײַבט אויף די סומע!

— וויפל?

— וויפל איר ווילט!

— איך?

— געוויס.

— פאַר וואָס?

— פאַר אַן ענדע!

— ווו?

— בײַ מיר.

— מיט וועמען?

— מיט מײַן טאָכטער.

— גיט איר מיר געלט?

— אַלץ!

— געלט איז בײַ אײַך „אַלץ"?

— וואָס נ אָ ך קענט איר פאָדערן?

— איך? גאָר נישט.

— דאָס נישט! וואָס קומט, דאָס קומט.

דאָס מיידל האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ שמייכל פון גרינגשאַצונג. דער שמייכל איז אַריבער טיפער אין די מויל־ווינקלען. פון גרינגשאַצונג אַריבער צו עקל. ביידע האָבן זיך אָפּגעמאָסטן. דאָס קוקן איז איר נמאס געוואָרן און זי האָט געגעבן אַ טרייסל מיטן קאָפּ. איר געדיכטער, געקרײַזלטער, שוואַרצער האָר־פּאַ־בער איז געוואָרן נאָך מער צעשפּרייט, אָנגעבלאָזן, ווי אַ פּעלערינע אויפן ווינט.

די אויגן האָבן געשפּיזלט מיט בייזקייט. ער האָט פּרוּוער זיך גישט געקענט פאַר־שטעלן, אַז אירע אויגן זאָלן קענען זיין אַזוי בייז. ווען זי איז געקומען צו אים זיך פאַרליינגן פאַר דעם פּאָסטן, האָט אים גלייך אינעם ערשטן מאָמענט אַנטציקט איר רייצנדיקע סעמיטישע שיינקייט. שפּעטער איז אים נישט איין מאָל געקומען אויפן געדאַנק, אַז די־אָ ציגיינערשע סעמיטישע שיינקייט פאַרכאַפּט דערפאַר די אַרגענטינער מענער, ווייל זיי דערמאָנען אין די טעכטער פון היסן אינדיאַ־בלוט. אַזאַ אָריענטאַליש פּנים באַטראַכטן די אַרגענטינער פאַר אַן אייגענע, אַפילו ווען אַזאַ פרוי איז אַ ייִדישע, אַ „רוסיטאַ". און דאָס האָט דאָן כאַסינטאָן גאַנץ באַ־זונדער געלאָקט און ער האָט זי גלייך אָנגענומען. און ער האָט זיך נישט געגאַרט. פון טאָג צו טאָג איז זי אים געפעלן אַלץ מער און מער. ווי נאָר זי האָט אָנגעהויבן קומען, האָט ער זיך גענומען פילן יינגער און פרישער. אַפילו ס׳ווייב האָט באַ־מערקט, אַז ער האָט זיך אָנגעהויבן פּוצן ווי אַ יונג בחורל. אָנשטאָט טונקעלע קראַוואַטן, וואָס ער האָט שטענדיק ליב־געהאַט, גענומען אויסקלייבן ליכטיקע קאָ־לירן, פריילעכע, כמעט קינדערשע, גענומען שפּריצן פּערפום אויף די האָר און אויף דער לאַץ, און פאַרן אַרויסגיין איז גאָס לענגער זיך געסטראָיעט פאַרן שפּיגל. ס׳ווייב האָט נאָכגעקוקט, ביז אין אַ טאָג באַמערקט, ווי איר כאַסינטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט מיטן אויטאָמאָביל אויף דער אַנדערער קוואַדרע. זי האָט דערקענט דעם אויטאָמאָביל און געזען ווי עס איז אַרויסגעשטיגן אַ מיידל. זי איז דעמאָלט אַרומגעגאַנגען, ס׳ווייב, ווי אַ הון וואָס דאַרף זיך לייגן, און קיין אָרט זיך נישט געפונען. די עטלעכע מינוט, וואָס האָבן געדויערט, זיינען פאַר איר אויסגעקומען ווי יאָרן. ערשט ווען זי האָט פון באַלקאָן דערזען, ווי פון אויטאָ ביי דער טיר איז דער מאַן אַרויס פון איין זייט און די טאָכטער פון דער אַנדערער זייט, איז איר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. ביים טיש האָט מען נאָך דעם גערעדט וועגן דער נייער אָנגעשטעלטער, ווי די טאָכטער איז עס געקומען אין ביוראָ, כדי צו פאָרן גלייך מיטן טאַטן אַהיים, ווי זי האָט מיט איר פאַרפירט אַ שמועס און געוווּיר־געוואָרן, אַז בסך־הכל וווינט זי נאָר אַ טריט פון דער שטוב, אויף דער אַנדערער קוואַדרע. נו, האָט די טאָכטער געבעטן דעם טאַטן, זי זאָל מיט זיי מיטפאָרן אַהיים. סיי ווי איין וועג.

— ען טאַטאַל — האָט זי געזאָגט — זיינען מיר שכנים.

אָט־די ערשטע רייזע אַהיים, אינעם הינטערשטן טייל פון אויטאָ, איז גענוג געווען, אַז דער באַלעבאָס, ווען ער איז נאָר ביים שליסן אַליין געבליבן אין ביוראָ, זאָל איר פאַרליינגן, דער אָנגעשטעלטער, צו פאָרן צוזאַמען אַהיים. לכתחילה פלעגט זי זיך קווענקלען. פלעגט ער איר זאָגן:

— ען טאַטאַל, זיינען מיר דאָך שכנים.

די ערשטע צייט פלעגט זי פּרוּוון ביים אַריינגיין עפענען דאָס טירל פון הינ־

טערשטן טיל אויטאָ. ער האָט אָבער נישט געלאָזט און פארבעטן צו זיצן פאָרנט, נעבן רעדל, נעבן אים.

— עז טאָטאַל — האָט ער אָנגעהויבן שטיל און פארטרוילעך — פארוואָס זאָלסט א י ר זיצן אַליין און א י ך זאָל זיצן אַליין, אַז מיר פאָרן שוין יאָ צוזאַמען...

זי האָט געלאַכט און דאָס דאָזיקע געלעכטערל האָט אויף אים אָנגעווייט אַ וואַרעמקייט. ביי אַזאַ פאָרן פלעגט ער ווערן אַזוי היימיש, אַז ער פלעגט אָפט פירן דעם אויטאָמאָביל נאָר מיט איין האַנט און די צווייטע האַנט פארלייגן אויף דעם אָנלען, אַרומנעמענדיק דעם מיידלס פּלייצע. די ערשטע מאָל פלעגט זי הייבן און צעשפּרייטן די אַקסלען, ווי אויף אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך אַן איבעריקע משׂא. שפּעטער האָט זי זיך צוגעוווינט און געבליבן זיצן רויִק, שמייכלענדיק, קוקנדיק גליקזעליק אין דער ווייטקייט, צו וועלכער דער אויטאָמאָביל האָט זיך געריסן. אַנשטאָט רייִדן — שטיל געזונגען. שטיל, אָבער קלאָר. די שטילקייט האָט אים נישט געשטערט אויפצוכאַפּן יעדעס וואָרט פון ליד. מאָדנע לידער. לאַנג נישט געהערט זייער שפּראַך. כמעט פארגעסן. אַ סך ווערטער האָבן געקלונגען פרעמד, איבערהויפּט פון די העברעיִשע לידער. ווייזט אויס, אַז זי, ראָסיטאַ, האָט געהאַלטן די ווערטער פאַר נישט וויכטיקער וויכטיק ווי דאָס געזאַנג. ווייל די ווערטער זיינען ביי איר אַרויסגעקומען קלאָר, ווי זי וואָלט זיי דעקלאַמירט.

— און איר פארשטייט אַלע ווערטער? — האָט ער געפרעגט.

זי איז געווען פארוואונדערט. אים אָנגעקוקט מיט זיסע אויגן, ווי שוואַרץזאַפטיקע טרויבן. ער האָט קוים זיך באַהערשט. זיי געוואָלט אַ קוש־טון, אָבער זיך איינגעהאַלטן. עמיצער וואָלט געקענט אָנקומען. און וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט עס געהאַט, ווען איינער פון די הייזער־אַגענטן וואָלט געטראָפן אין ביוראָ דעם באַלעבאָס זיך קושן מיט דער אָנגעשטעלטער?

— וואָס פאַר אַ פראַגע! — האָט זי געענטפערט — מיין פאַפּאַ האָט מיר געלערנט, אי יִדיש, אי העברעיִש.

— און ווער האָט אייך געלערנט די לידער?

— די געזעלשאַפט.

— נייע לידער?

— געוויס.

— פון וואַנען?

— פון נייע מענטשן.

— גרינע?

— נישט קיין „גרינע". אַנטקעגן ז יי זיינען מ י ר די „גרינע"!

זיי האָבן דאָרטן אַזוי פיל איבערגעלעבט, אַז מיר זײַנען אַנטקעגן זיי די אמתע „פּראָווינסיאַנאָס"...

דאָ האָט זי זיך צוריקגעכאַפּט:

— פּערדאָנע! כ'מיין נישט די וואָס קומען פון דער פּראָווינץ...

דאָס האָט זי זיך פאַרענטפערט פאַר אים, פאַריזן, וואָס איז געקומען פון דער פּראָווינץ אין דער הויפּטשטאָט אַרײַן. מיט אַ סך יאָרן צוריק איז ער אַוועקגעפאָרן פון בוענאָס־אײַרעס איבערגעלאָזט אַלע פרײַנט און זיך פאַרקליבן אין אַ העק. אַבי פּטור צו ווערן פון דער פאַבריק און זיך אַרויספאַרבעטן. זיך באַזעצט אין אַ קליינער שטאָט און געגומען צום האַנדל. און ס'איז אַוועק גוט. פון גוט צו בעסער. פאַרבונדן קענטשאַפט מיט מלכות און געקראָגן באַשטעלונגען. געוואָרן אַ היימישער צווישן מונדירן און געזוכט וואָס מערער צוטרוי. און אָט אַזוי זוכנדיק צו ווערן וואָס היימישער צווישן די מונדירן, האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ס'איז ווייניק, וואָס ער האָט פון זײַן נאָמען „כאַצקל" געמאַכט „כאַסינטאָ", ווייל אויך דער נאָמען „פאַריזנבערג" קען אים קיין גרויס נחת נישט פאַרשאַפן. איז פּונקט ווי ער האָט אַליין צוגעטראַכט פון „כאַצקל" מאַכן „כאַסינטאָ", אַזוי האָט ער אַליין צוגעטראַכט פון „פאַריזנבערג" מאַכן „פאַריז". און געפּועלט בײַ זיך האָט ער עס בײַ דער ערשטער גרויסער באַשטעלונג, וואָס ער האָט אַרײַנגעקראָגן פון מלכות. אַז מען האָט אים געפרעגט בײַם שרײַבן דעם קאָנטראַקט, האָט ער געענטפערט רויִק און געלאַסן:

— כאַסינטאָ פאַריז.

— ווי? — דער פאַרשרײַבער איז נתפּעל געוואָרן — פאַריז? ווי די הויפּטשטאָט פון פראַנקרײַך?

— עקזאַקט. — האָט כאַצקל פאַריזנבערג געענטפערט, אַרויסגערעדט רויִק און געלאַסן, איבערגעחזרט עטלעכע מאָל, ווי ער וואָלט זיך איינגעחזרט, אויף ניט צו פאַרגעסן — כאַסינטאָ פאַריז... כאַ־סין־טאָ פאַ־ריז...

נאָך דעם האָט ער געהאַט אַ סך צרות, ביז עס איז אים געלונגען איבערצומאַכן דעם נאָמען. עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען בריוו, דאָקומענטן און טשעקן אויף דעם נאָמען „כאַסינטאָ פאַריז" און מען האָט פון אים פאַרלאַנגט, ער זאָל אויפווײַזן, אַז ער איז דאָס טאַקע דער כאַסינטאָ פאַריז, און נישט קיין אַנדערער. איז ער אַרומגעלאָפן זיך אײַנשאַפן באַווײַזן. געמיינט, ער וועט פון זינען אַראָפּ. געוועזן טעג פון פאַרצווייפלונג. געוועזן טעג, ווען ער האָט שוין געמיינט, אַז ער וועט דערפאַר נאָך גיין אין טורמע און פאַרפוילט ווערן אין קייטן. נאָר אַנטלויפן פון נײַעם נאָמען האָט ער נישט געוואָלט. פאַרקערט. ער איז אַרומגעלאָפן, זיך נאָכגעפרעגט אין דער שטיל וואָס צו טון, געפאָרן אין הויפּטשטאָט, געזוכט רעקאָמענדאַציעס צו מאַכערס און גדולים, געבעטן אײַנזען, און אָנגעבאָטן געלט אי־

בער די כוחות. ביז ער האָט אויסגעפּועלט. ער איז געהאָלפן געוואָרן און געקומען אהיים מיטן נייעם דאָקומענט אין האַנט.

אין יענעם ערשטן אָוונט, אין דער היים, איז ער אָפּגעזעסן מיטן ווייב ביז שפּעט אין דער נאַכט און זיך געשפּילט מיטן דאָקומענט, זיך געשפּיגלט און אָנגעשפּיגלט. ער איז נישט זאַט געוואָרן פון לייענען און איבערלייענען יעדע שורה אין דעם ביכעלע, און געפילט אין דעם אַ טעם ווי פון דעם בעסטן מאכל. נאָך דעם זיך אָוועקגעשטעלט מיטן ווייב איבערן קינדס וויגעלע און אַריינגעקוקט אין פּנימל, וואָס האָט געלאַכט פון שלאָף.

— לאַך, לאַך! — האָט כאַסינטאָ פּאַריז געשעפּטשעט — מענסט לאַכן פון דער וועלט...

צו ענדע האָט ער געוואָלט זען, ווי ער זעט אויס נאָך אַזאַ טאָג פון נחת. האָט ער צוגעפירט ס׳ווייב צום שפּיגל פון דער שאַפע און זיך אויסגעשטרעקט, ער זאָל אויסזען העכער ווי ער איז געווען. געאָרעמט און געקוקט אין שפּיגל. געקושט און געקוקט אין שפּיגל. געפּרוּווט גיין האַנט אין האַנט און געקוקט אין שפּיגל. און פּאַצעטיש אויפגעהויבן די האַנט, ווי צום באַגריסן אין גאַס:

— כאַסינטאָ פּאַריז.

אין עטלעכע טעג אַרום איז דאָס פּאָר-פאָלק אַרויס וווינען פון דעם צימער ביי יענעם אין אַ שטוב פאַר זיך. אויף דער טיר איז צוגעקלאַפּט געוואָרן אַ בראָנדזן שילדל:

כאַסינטאָ פּאַריז

סוחר — קאָמיסיאָנער — צושטעלער

דאָרטן, אויף דער פּראָווינץ, איז ער געווען ווייט פון יידן. אין זיין שטוב האָט געגומען אַריינגיין איין קרוב למלכות נאָכן אַנדערן. מיט דער צייט, אַז ער פלעגט טרעפן דעם גלח, וואָס האָט געוווינט נישט ווייט פון אים, האָט ער גענומען אָראָפּציִען פאַר אים די הוט און באַגריסן דרך־ארצדיק:

— בוּען דיאַ, פּאַדרע!

איז ווען מ׳זאָגט אים, כאַסינטאָ פּאַריז, אין זיין שטאָט, אַז אין אַרגענטינע איז אויסגעוואַקסן אַזאַ יידיש מיידל ווי ראָסאַ, וואָס זינגט יידיש און העברעיִש, און איז אַזוי פאַרליבט אין יידישקייט, וואָלט ער נישט געגלויבט. און נאָך ווייניקער וואָלט ער געגלויבט, אַז אים אַליין וועט אויסקומען צו זיצן מיט אַזאַ מיידל אין איין ביוראָ און פאָרן זייט ביי זייט אין איין אויטאָמאָביל, זי זאָל פאַר אים זינגען און ער זאָל האַלטן זיין האַנט אויף איר פּלייצע אַרויפגעלייגט, אַזוי היימיש, ווי אַ פאַרליבטער, און זי זאָל אים זאָגן:

— מיר זײַנען אנטקעגן זיי די אמתע „פּראָווינסיאַנאָס"...

איצט, קוים דרײַ חדשים נאָך דעם, זעט אים אויס ווי אַ חלום, וואָס אין דער הויפּטשטאָט איז אַלץ מיט אים פאָרגעקומען אין דער־אַ קורצער צײַט. די „סעניאָריטאַ", וואָס איז פאַר אים געוואָרן אין דער אָנוועזנהײַט פון פרעמדע מענטשן „סעניאָריטאַ ראָסאַ" און וועלכע ער האָט אין דער שטיל גערופן צערטלדיק „ראָסיטאַ", שטייט פאַר אים מיט בייז־צעפלאַמטע אויגן. ער וויל איר באַצאָלן, „וואָס קומט, דאָס קומט", נאָר זי קוקט אים אָן מיט אַ שמייכל פון גרינגשאַצונג, און דער שמייכל, אַריבערגייענדיק טיפער צו די מויל־ווינקלען, גייט אַריבער פון גרינגשאַצונג צו עקל:

— ניין, סעניאָר פּאַ־ריז! — דעם נאָמען „פּאַריז" רעדט זי אַרויס מיט אַ פולן מויל, ווי זי וואָלט אַרויסגעשפּיגן עפּעס אַ גראָבע זאַך — איר דאַרפט מיר נישט באַצאָלן.

— פאַרוואָס?

— ווײַל איר קענט מיר נישט באַצאָלן.

— אַזוי רײַך זײַנט איר עס, סעניאָריטאַ?

— יעדנפאַלס, רײַכער פון אײַך!

— אַין חוצפּה...

— דאָס איינציקע, וואָס איר פאַרשטייט, סעניאָר, פּאַ־רי־זן־בערג!

— וואַ־אַ־אָ־ס?

עס האָט אים אַ שווינדל־געטון פאַר די אויגן. נאָר איידער ער איז געקומען צו זיך איז דאָס מיידל שוין געוועזן בײַם הענגער, האָט אַראָפּגענומען דאָס מאַנטעלע און, עפענענדיק האַסטיק די טיר, אויסגערופן מיט אַ קוויטשיקער בייזקײַט:

— סעניאָר כאַצ־קעל־לע פּאַ־רי־זן־בערג!! איר ווילט מיר באַצאָלן ווי אַ גראָבער גוי און איך וועל אײַך באַצאָלן ווי אַן אמתע ייִדישע טאָכטער!

די ווענט האָבן אויפגעציטערט פון דעם זעץ מיט דער טיר. פּאַריז האָט זיך אויסגעגלײַכט אויפן בענקל און מיט די פינגער אָנגעטרייסלט די אויערן־העמערלעך, אויף אַרויסצוטרײַבן דעם טומל, צעטרייסלט דעם קאָפּ, ווי אַ הינטל וואָס מ'גיסט אָפּ מיט אַן עמער וואַסער, און אַריבערגעפּירט די האַנט איבערן שטערן:

— די אמתע „ראָסיטאַ"! — ער האָט צו זיך גערעדט און געפּילט, אַז ער האָט נישט קיין כוח זיך אויפצושטעלן — באַדאַרפט זיך אָנהייבן מיט אַזאַ איינער...

ווי בייזע פליגן האָבן געדאַנקען בײַ אים גענומען זשומען אין קאָפּ. נישט געוווּסט וועגן וואָס פריִער צו טראַכטן. וועגן דער טאָכטער, וואָס זי האָט אַרײַנגעקראָגן אין אירע הענט? וועגן דעם „גרינעם", וואָס האָט מיט זײַן טאַנצן און זינגען אַרײַנגעקראָגן די טאָכטער אין זײַנע הענט? צי גאָר וועגן דער פרוי, צו

זועלכער זי קען נאָך שיקן דערציילן אויף אים ווער ווייסט וואָס פאַר אַ מיאוסע מעשיות?

ווי בייזע פליגן האָבן די געדאַנקען אים געזשומעט אין קאָפּ און ער האָט בישט געהאַט קיין כוח קיין איינעם פון זיי צו פּרוּוון פאַרטרייבן.

— 3 —

די גאַנצע נאַכט האָבן אין פּאַריזן געפיבערט די לעצטע ווערטער, מיט וועל־בע ראָסיטאַ האָט פאַרהאַקט די טיר. ער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן, מיט פאַר־מאַכטע אויגן, און אַלץ איינס גאָר נישט געזען. ער האָט זיך געמאַטערט, געוואָלט עפּעס זען, פאַרשטיין, אָנשטויסן זיך, וואָס האָט זי געקענט מיינען, די ראָסיטאַ, מיט אירע לעצטע ווערטער:

— „א י ר ווילט מיר באַצאָלן ווי אַ גראָבער גוי און א י ך וועל אייך באַצאָלן ווי אַן אמתע ייִדישע טאָכטער"...

וואָס האָט זי מיט דעם געמיינט? און וואָס קען זי אים אַלץ אָפּטון? געלט? עגמת־נפש?

ער טראַכט, אַז די איינציקע צוויי זאַכן, וואָס זי קען אים אָפּטון, זיינען: אָדער פאַרמסרן, אַז ער האָט זיך צו איר געטשעפּעט און געמאַכט מיאוסע פאַר־שלאָגן, אָדער צערייצן קעגן אים דעם „גרינעם", הלמאי ער, פּאַריז, האָט דער טאָכטער געסטראַשעט, אַז אויב זי וועט זיך נישט אָפּטשעפּען פון דעם „גרינעם", וועט ער אים דענונצירן פאַר דער פּאָליציי, אַז ער איז אַריין אין לאַנד אומלע־גאַל... געגוג, טראַכט פּאַריז, איינע פון די זאַכן. איבערן קאָפּ.

— אַהאַ! זיי קענען קוילען אָן אַ מעסער.

און ווי מ'קען קוילען אָן אַ מעסער, הייבט אָן פּאַריז ערשט איצטער צו פאַר־שטיין. איצט זעט ער. מיט אַלע חושים זעט ער עס איצט, שפּירט און פילט.

אָט שפּירט ער אַ ריח פון סמאָלעניש. ער קוקט זיך גוט אַרום און דערזעט אין דער פינצטערניש, ווי עס נעמט שפּאַרן רויך פון דער פּאָדלאָגע. הינטערן רויך באַווייזן זיך פונקען. נאָך די פונקען קומען פלעמעלעך. און אָט גיט זיך אַ ריס אַריין אַ פייער. איינס און צוויי, און די פלאַמען כאַפּן אַרום אַלע פיר ווענט פון זיין צימער. ער גיט אַ שפּרונג. וויל אַרויסלויפן. ס'איז צו שפּעט. ער באַ־וויַיזט נאָר צוצולויפן צום פענצטער. דאָרט זעט ער, אַז דאָס גאַנצע הויז איז איינגעוויקלט אין פלאַמען. עס ברענט און קיינער קומט נישט לעשן. בלויז איין מענטש שטייט קעגנאיבער. זי! ראָסיטאַ מיטן שוואַרצן קאָפּ האָר, ווי אַ פּאָכער, און טרויבן־אויגן. אַז זי דערזעט אים אַ פאַרצווייפלטן, שרייט זי צו אים אַרויף:

— אַט אַזוי האָבן געטון די הײַנטיקע „גרינע״ מיט אַ ייִדן, וואָס האָט גע־מסרט ייִדן!

כּאַסינטאַ, אַ באַגאָסענער מיט שווייס, האָט געעפנט די אויגן. די פינצטער־ניש האָט אים אָפּגעקילט. ער האָט דערפילט נעבן זיך דעם ווײַבס צעגאָסן לײַב, איז אים גרינגער געוואָרן. ער האָט געפּרוּווט אַ ריר־טון די האַנט, וואָס איז בײַ אים געווען ווי אָפּגעליימט. שווער. דאָך געלאָזט זיך רירן פונעם אָרט. ער האָט אַרונטערגעלייגט די האַנט אונטערן קאָפּ און געקוקט אַרויפצו, צום סופיט, וואָס האָט אַרויסגעבלאַנקט פון דער פינצטערניש. עס האָט אַרויסגעבלאַנקט די ווײַס־קײַט פון פּאַפּיר. דאָס איז צו אים אָנגעקומען אַ מעלדונג פון געריכט, ער זאָל קו־מען דערקלערן. זי, די „ראָסיטאַ״, האָט אים אײַנגעקלאָגט, אַז ער האָט איר גע־וואָלט טון שלעכטס. דאָס האָלט זי וואָרט. זי האָט פריִער געוואָרנט, טאָמער וועט ער זיך דערוועגן צו פאַרמסרן דעם „גרינגעם״, אַז ער איז אַרײַן אומלעגאַל אין לאַנד, אַזוי וועט זי אים אײַנקלאָגן פאַרן געריכט:

— אַן אויג פאַר אַן אויג!

אַזוי לערנט די תורה, האָט זי געזאָגט. זי האַלט פון דער תורה, האָט זי געזאָגט, די „ראָסיטאַ״. זי האַלט פון דער אַלטער תורה און זי האַלט פון דער נײַער תורה.

— אַזאַ ייִדן ווי ער — האָט זי אים געוואָרנט — מעג מען טון, וואָס עס לאָזט זיך. אפילו אָפּהאַקן דעם קאָפּ!

דאָס האָבן די ייִדן זיך אויסגעלערנט אין דער מלחמה מיט די דײַטשן. אַזוי ווי זיי האָבן זיך געשלאָגן מיט די נאַציס, אַזוי האָבן זיי זיך געשלאָגן מיט די ייִדן, וואָס האָבן זיך זיי קעגנגעשטעלט. און וואָס איז דער וווּנדער? אַז זיי האָבן זיך געהאָדעוועט אין וואַלד, ווי די חיות, זײַנען זיי אַליין פאַרחיהט געוואָרן. ער, כּאַ־סינטאַ, איז זיכער, אַז נאָר חיות קענען אַזוי האַנדלען. ווײַל וואָס וויל ער, סוף כּל סוף? בסך־הכּל וויל ער נישט מער ווי נאָר פאַרהיטן זײַן טאָכטער. טאָר ער נישט? ער וויל, אַז זײַן איינציק שטיקל קינד זאָל חתונה־האָבן מיט אַ לײַטישן מענטשן. טאָר ער נישט? ער האָט פאַר איר אויסגעזוכט אַן אינזשעניר, מיט וועמען ער בויט צוזאַמען אַ הויז. דער פּערעירא רעדט טאַקע צופיל. ער וועט אָבער ליגן פיר און צוואַנציק שעה אין טאָג אויף די געבײַדעס און היטן די פּרנסה. אַ ווײַב וועט בײַ אים האָבן פון אַלדאָס גוטס. דערצו איז ער אויסגעבאָדן אין יחוס. גע־קניפּט מיט שוועסטערקינדער פּראָפעסאָרן, דאָקטוירים און אַנדערע גרויסע לײַט, פאַר וועלכע ס׳איז געגנוג, אַז מ׳רופט אָן דעם נאָמען פּערעירא. ספרדישע ייִדן, וועלכע אַלע נעמען אָן פאַר אַרגענטינער „דע פורא סעפּאַ״. נו, איז וואָס קומט אים דערפאַר, אַז ער וויל נישט, כּאַסינטאַ פּאַריז, זײַן טאָכטער זאָל זיך אויס־מישן מיט די „גרינע״? דאַרף מען אים דערפאַר זוכן צו באַגראָבן? דאַרף דערפאַר אַזאַ „ראָסיטאַ״ אים פאַרמסרן און אויף אים אָנגעבן די מיאוסטע מעשׂיות?

מער פעלט אים נישט! ער, וואָס האַנדלט מיט די הויכע פענצטער, אַ טאַטע פון אַ דערוואַקסענער טאָכטער, זאָל דאַרפן שטיין פאַרן געריכט, אַנגעקלאָגט פון אַ מיידל... בלעטער וואָלטן אַזאַ מעשה אויפגעכאַפּט ווי אַ סענסאַציע און זי צע־שמירט, וויפל עס וואָלט זיך נאָר געלאָזט. און מסתמא וואָלטן זיך שוין געפונען אַזעלכע בלעטער, וועלכע וואָלטן אויסגעפונען, אַז „כּאַסינטאַ" איז גאָר נישט כּאַסינטאַ, נאָר „כּאַצקעלע", און אַז „פּאַריז" איז גאָר נישט פּאַריז, נאָר „פּאַריזנ־בערג"... און מער פעלט אים נישט, נאָר אַז מ'זאָל דערפון געוווירן־ווערן אין די הויכע פענצטער, וווּ ער שטעלט צו אַזוי פיל יאָרן פון פּאַשע ביז מונדירן, פון וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט פאַרמעגן און בויט הײַזער... איינס און צוויי קען אַזאַ מעשה אים אויסטון אָדם נאַקעט און עס זאָל זיך צערינען דאָס, וואָס ער האָט אין אַזוי פיל יאָרן, מיט מי און מאַטער, צונויפגעקליבן... דער דאָזיקער געדאַנק האָט אים ווי אַן עלעקטרישער שטראָם אַ ברי־געטון, און ער איז אויפגעשפּרונגען אין בעט און שווער־ייִדישלעך אָפּגעזיפּצט:

— אוי, ווײ איז מיר!

ס'ווײַב האָט אין דער פינצטערניש מיט איין האַנט אָנגעטראָפן אויף כּאַסינ־טאַס פּנים און מיט דער צווייטער האָט געזוכט דאָס עלעקטריש קנעפּל. אונטערן אַבאַזשורל האָט זיך אַן עפן־געטון געל ליכט. אויף כּאַסינטאַס בלייכן פּנים האָבן זיך צעגאָסן געלע פלעקן. דערזעענדיק דאָס דאָזיקע פּנים, האָט זי זיך פאַר אים דערשראָקן אין דער ליכטיקײַט מערער ווי פאַר זײַן קרעכץ אין דער פינצטערניש. און, געבנדיק זיך האַסטיק אַ קניפּ אין באַק, אויסגעשריִען:

— אוי, ווײ איז מיר!

זי האָט אים גענומען טרייסלען, מינטערן און רופן:

— כּאַצקל! כּאַצקעלע!!

און, אָנכאַפּנדיק זיך מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ, רײַסנדיק די צעפּלאָשעטע האָר, זיך אַרומגעקוקט פאַרלוירן און זיך צעשריִען:

— אַ דאָקטער! אוי, ווײ איז מיר! מענטשן! כּאַצקעלע!!

פון די געשרייען זײַנען אָנגעלאָפן טריט. און באַלד קלעפּעלעך אין דער טיר. און אַ צעשראָקן קול:

— סעניאָראַ! קע פּאַסאַ?

כּאַסעפינאַ איז אַראָפּגעלאָפן פון בעט, געגעבן אַ שליס־אויף די טיר און גע־וויזן דער דינסט, וואָס איז געקומען צו לויפן אין איין העמד:

— על סעניאָר... על סעניאָר...

די דינסט איז צוגעלאָפן צום בעט, האָט אַ טרייסל־געטון דעם באַלעבאָס, ווי אַ שיכור וואָס וויל זיך נישט אויפכאַפּן, און דערלאַנגט עטלעכע פּעטשלעך איבער די באַקן.

כאסינטאָ האָט טיף אָפּגעאָטעמט און געעפנט די אויגן, זיך ארומגעקוקט און ארויסגעשעפּטשעט:

— וואַ...ס...ער...

ער האָט זיך געלאָזט אויפהייבן דעם קאָפּ צוזאמען מיט דער קישן און, דער־שפּירנדיק דאָס גלאָז וואסער, געגומען זשלאָקען ווי אַ דאָרשטיקער און געשפּירט, ווי מיט יעדן שלונג שלינגט ער אַראָפּ און עס זינקט אַראָפּ די טרוקעניש, וואָס האָט אים געוואָרגן און פאַרצוימט דעם אָטעם.

נאָך דעם האָט ער מיט ברייט־צעעפנטע אויגן אָנגעקוקט ביידע פרויען, די יונגע, פרעמדע שיקסע, וואָס איז געווען איבער אים איינגעבויגן מיט זאָרג, און ס'ווייב מיטן צעפּלאָשעטן קאָפּ בלאָנד־גרויע האָר און פאַרבלויטע קנייטשן אונטער די אויגן, ביידע אין נאַכט־העמדער, און גענומען מיט אַ האַנט ארומווישן דעם שטערן, די ברעמען, די באַקן, די אויגן, ווי ער וואָלט פון זיי אַראָפּגעוואַשן דעם קאָשמאַר.

— מוטשאַס גראַסיאַס, אַנכעלאַ! — האָט ער געדאַנקט דער דינסט און פאַר־ענדיקט ווענדנדיק זיך צום ווייב — איך פיל זיך שוין גוט.

די דינסט האָט געווונטשן אַ בעסערונג און אַוועק.

ס'ווייב האָט ארויפגעצויגן אויף זיך אַ שלאָפראָק און אַוועק אין קיך מאַכן אַ גלעזל טיי. ארויס פון שלאָפצימער און געלאָזט אָפן די טיר. גייענדיק צו דער קיך און זוכנדיק דאָס קנעפּל פון עלעקטרישן ליכט אין קאָרידאָר, האָט זי באַמערקט ווי פון דער טאַכטערס צימער, פון אונטער דער טיר, זיפּט זיך אַדורך ליכט. איז זי צוגעגאַנגען און ליכט אָנגעקלאַפּט. שטיל. האָט זי נאָך אַ מאָל אָנגעקלאַפּט. אויך שטיל. האָט זי צוגעלייגט אַן אויער און זיך צוגעהערט. ווידער שטיל. האָט זי אָנגעקלאַפּט שוין העכער, אומרויִק. און אַז קיין ענטפער איז נישט געקומען, גע־פּרוווט די קליאַמקע. די טיר, נישט פאַרשלאָסן, האָט זיך געעפנט. דער שטייענדי־קער לאָמפּ ביים פאָרטעפּיאַן האָט געברענט. די סאָפע איז נישט געווען אויפגע־בעט.

זי איז האַסטיק אַריין און געגעבן אַ פראַל־אויף די קליידער־שאַפע, וואָס אין וואַנט איינגעמויערט, און זי דערזען אַ האַלב־אויסגעליידיקטע. ארומקוקנדיק זיך, האָט זי באַמערקט, אַז אויך די פּאָליצעס ביכער זיינען געווען האַלב אויסגעליי־דיקט. ביי דער פּיאַנאָ האָט געפעלט די קליאַטקע מיטן קאַנאַריקל.

איצט איז פאַר איר שוין געווען קלאָר:

— אַנטלאָפן!

און נאָך עפּעס איז איר דורכגעפלויגן אין קאָפּ:

— בכיוון געלאָזט דאָס ליכט ברענען... מ'זאָל מיינען, זי איז דאָ... אַז זי לייענט דאָס אַזוי שפּעט... מ'זאָל זי אַזוי שנעל נישט נעמען זוכן...

זי איז געבליבן שטיין ווי אן אפגענומענע. געקוקט פארבליפט ארום זיך און וואס מערער זי האט געקוקט אלץ וויניקער פארשטענדלעך איז איר געווארן, וואס עס איז פארגעקומען. גאר פלוצלינג האט אין איר עפעס זיך אפגעריסן און זי האט ארויסגעלאזט א קוויטשיקן געשריי:

— באצ־קל־ל־ל־ל!!!

די ערשטע איז אנגעלאפן די שיקסע און נאך איר פאריז. זיי האבן זי אנגע־קוקט און ארומגעקוקט מיט די אויגן דאס גאנצע צימער. און אז זיי האבן גאר נישט געפונען, האט כאסעפינא צעשפרייט די הענט, ווי אן עוף וואס פאכעט מיט די לעצטע כוחות נאכן שעכטן, און אויסדרייענדיק זיך געגומען זיך וואקלען, בייגן, פאלן. דער מאן און די שיקסע האבן זי אונטערגעכאפט און אוועקגעזעצט אויף דער סאפע.

— סעניאר! — האט די שיקסע געפרעגט — איר ווילט, איך זאל עפעס ברענ־גען? עמיצן רופן?

פאריז האט זיך געווארגן מיט דער לופט, מיטן קאפ געוויזן אויף „ניין" און מיט דער האנט געלאזט דער שיקסע וויסן, אז זי קען גיין.

— א נאכט! — האט די שיקסע באדויערט — מ'קען פון די געדאנקען אראפ...

מאן און ווייב האבן זיך איבערגעקוקט. א לאסט פון רחמנות האט אויף זיי זיך ארויפגעלייגט און אומברחמנותדיק געדריקט. זיי האבן געזוכט מיט די אויגן איבערן צימער, איבער די ווענט, איבער די מעבל, איבערן טיש. עפעס געזוכט, כאטש נישט געוווסט וואס. נאר מיטאמאל האט פאריז זיך א רים־געטון פון ארט און צוגעגאנגען צום פארטעפיאן. אויפן נאטן־געשטעל איז אנשטאט מוזיק געלעגן א ווייס בלאט מיט א בלייפעדער פארשריבן.

— א בריוו!

— פון וועמען?

— פון איר, דער...

פאריז האט דערשטיקט דאס זידלווארט, וואס איז שוין געלעגן אויף די ליפן, און אנגעהויבן לייענען:

„איך ווייס ניט, ווי איך זאל צו אייך שרייבן. „טייערע טאטע־מאמע"? מעג מען אזוי שרייבן צו עלטערן, אז מען אנטלויפט פון שטוב? איך ווייס אבער, אז איר האט מיך ליב. איר וואלט מיך געוואלט זען א גליקלעכע. נאר איר ווייסט נישט, אז וואס פאר אייך מיינט גליק קען פאר מיר מיינען אומ־גליק. איך ווייס דאס. און מיינע 22 יאר גיבן מיר א רעכט איינצוארדענען מיין לעבן ווי איך וויל, נישט ווי איר. דערפאר אנטלויף איך פון שטוב. איר קענט מיר גאר נישט טון. איר קענט מיך ניט צווינגען מיט בייזן, איך זאל ביי אייך בלייבן. בין איך בעסער אליין אוועק, איידער איר זאלט מיך ארויס־

ווארפן. מיר געפעלט דער „גרינער", ווי דו, פאפא, רופסט אים. ער געפעלט מיר מערער ווי דײַן אינזשעניר, דער נודניק. איך דארף נישט קײַן קאלטע הײַזער. איך דארףווארעמע מענטשן. און דאס איז מײַן „גרינער". אזא איז מײַן חברטע ראָסיטאַ, וועלכע דו האסט נעכטן ארויסגעווארפן פון געשעפט. אזא איז איר טאטע, וועלכער קען דיך נאך פון דעמאלט, ווען דו האסט געהייסן „כאצקעלע פאריזנבערג" און ניט „כאסינטא פאריז". אזעלכע זײַנען די איינפאכע מענטשן פון דער יידישער געזעלשאפט. איך בין גליקלעך, וואס איך האב זיך מיט זיי באקענט. איך בין גליקלעך, וואס דו, פאפא, האסט געקויפט די שטוב פונקט קעגנאיבער דער יידישער געזעלשאפט, און אזוי ארום מיט זיי זיך באקענט. איך שעם זיך נישט, ווי דו, פאפא, וואס די מענטשן ריידן יידיש און זינגען אויף העברעיש און אויף יידיש. מיר געפעלט דאס. איך האב אין דעם דערפילט שיינקייט. מיר איז ווארעם דערפון. איך האב זיך ארומגעזען, ווי קאלט און אומעטיק עס איז מיר געווען בײַ אײַך. אײַער געלט ווארעמט מיך נישט. פון אײַערע הײַזער דארף איך מער נישט ווי איין צימער. און אויף איין צימער וועל איך פארדינען שפילנדיק. הײַנט, אז מען וויל נאר ארבעטן, פארדינט מען. און מיר שטייט אן צו ארבעטן. איך פיל, אז ארבעטנדיק וועל איך זיך פילן א גליקלעכע. דעריבער גיי איך אוועק פון אײַך. כ'בין אויף אײַך נישט אין כעס. פארקערט: איך דאנק אײַך פאר דאס אלץ, וואס איר האט פאר מיר געטון, זוכנדיק מײַן גליק. אך, מאמא טײַערע! איך באדויער אזוי, וואס איך דארף דיר ווײ טון! דו מוזסט אבער פאלגן דעם פאפא. איך וועל קומען צו אײַך, איך וועל קומען. ווען איר נאר מיך קענען פארשטיין, אזוי וועלן מיר ווידער קענען זײַן גליקלעך. איך וויל דאס. איך וויל, ווי איך וויל מיטן גאנצן הארצן אײַך זען געזונטע און גליקלעכע.

אײַער,

רעבעקא-רבקהלע."

מאן און ווײַב האבן געקנייטשט מיט די שטערנס און געהויבן מיט די אקסלען.

— און דו ווילסט געגלויבט, — האט כאסינטא געפרעגט פארחידושט — אז אונדזער בעקעלע זאל אזוי קענען שרײַבן? ווען האט זי זיך דאס אויסגעלערנט? און דו האסט געהערט א ריידן צו טאטע-מאמע? און דו האסט געהערט אן אונטערשרײַבן זיך? מיצקע דערינען האט צו „רעבעקא" זיך צוגעשארט א „רבקהלע"! ר ע ב ע ק א טויג איר נישט, נאר ר ב - ק ה - ל ע!... בײַ אונדז, מיט דער קאלעפאקסיאן" אין אלע צימערן, איז איר „קאלט"... דער אינזשעניר איז בײַ איר... וואס איז ער בײַ איר? א „נודניק" איז ער בײַ איר... דערפאר אבער איז דער „גרי-

נער" בײַ איר פון די... ווי רופט זי זיי אָן? די... „ווארעמע מענטשן"... נו, איז וואָס-זשע זאָגסטו צו דעם, שאָשע?

— שאָשע! שאַ-שע!! — ס'ווײַב האָט איבערגעקרימט מיט כעס — מיטאמאָל בין איך בײַ אים געוואָרן אויס „כאַסעפינאַ" און ווידער געוואָרן „שאָשע"... ווי האָט געזאָגט בײַ אונדז דער רוס? „יאַק בידאַ, טאָ דאַ זשידאַ"...

ער האָט איר געוואָלט אײַנריידן, איבערשלאָגן, נאָר זי האָט נישט געלאָזט, און פאָרגעזעצט:

— דאָ האָסטו דיר, גרויסער פריץ מײַנער! ד אָ ס האָסטו אויסגעפירט;

— זי האָט אים געוויזן אַ פײַג — טאָמער האָסטו געהאַט אָן איינציק שטיקל קינד, האָסטו עס אויך פאַריאָגט! אַלעמען פאַריאָגט. וואָס? פאַרוואָס? ווײַל דו האָסט זיך אַרײַנגענומען אַ משוגעת אין קאָפּ אַרײַן: ווערן אַ גוי! וואָס אַ מענטשן איז אײַנגעפאַלן?! „כאַצקל" האָט אים נישט געטויגט; „כאַסינטאָ" איז אים בעסער... „פאַריזנבערג" האָט אים נישט געטויגט; „פּאַריז" איז אים בעסער... וואָס? ווען? פאַר וועמען?

זי איז אויפגעשטאַנען און האָט אַ טופּע-געטון מיט דער פוס מיטן גאַנצן כוח, אַז די ווענט פון צימער האָבן זיך צעציטערט, און צעוויינענדיק זיך מיט אַ מע־נערישן קול, איז זי אַרויס מיט אַ געשריי:

— וואָס האָסטו געהאַט צו מײַנע יאָרן, דו שוסטער-יונג? ס'איז מיר בעסער געווען, אַז דו ביסט געווען אַ פּראָסטער זאַגאָטאָווטשיק. געווען מיט אַלעמען גלײַך. געווען צווישן אייגענע. אָבער איצטער? דאָ גיי נישט, דאָ שטיי נישט... טאָמער האָב איך אים געזאָגט „כאַסינטע", האָב איך אים געקוילעט די קאַפּאָטע... „כאַסינטאָ, וויפל מאָל וועל איך דיר זאָגן, אַז מ'זאָגט נישט כאַסינטע, נאָר כאַ־סינטאָ"?... ווען ער קען די מאַטקע באָסקע אַרײַנבערענגען אין שטוב אַרײַן, וואָלט ער עס געטון... פאַרטריבן אַלע פרײַנט... פאַרטריבן יעדן יידן... איז נאַ, דו, בהמה, וואָס דו ביסט! געלאָפן אין שטאָט אַרײַן? געקויפט אַ שטוב? איז זי פּונקט קעגנ־איבער אַ יידישער געזעלשאַפט! אַרײַנגענומען אַן עמפּלעאַדע איז געשעפט אַרײַן? איז זי פּונקט די טאָכטער פון אַ לאַנדסמאַן, וואָס האָט דיך געקענט פאַר אַ שוס־טער-יונג! איז די טאָכטער אַרויס אין גאַס? האָט זיך צו איר גלײַך צוגעשאַרט אַ גאָלע גאָרנישט, אַ „גרינער", וועלכער לערנט זיך איצט אַ פאַך... אָט־אַ-דאָס האָסטו אויפגעטון, דו, אַלטער אידיאָט, פאַר דײַן אַנטלויפן פון יידן!... טפו, זאָלסטו מיר ווערן, דו, הונט איינער, וואָס נאָר שמדן זיך פעלט דיר, אַז פינצטער און ביטער זאָל דיר זײַן, ווי מיר איז!

זי האָט אויסגעשפּיגן מיט אַ פולן מויל און מיט כוחות אַרויס פון צימער, איבערלאָזנדיק דעם מאַן אַ פּריטשמעליעטן.

— 4 —

גלײַך אין דער פרי, נאָך אײדער כאַסינטאַ האָט באַשלאָסן װאָס ער זאָל אָנ־הײבן טון, איז געקומען דער „גרינער".

אַז ער האָט אים דערזען בײַ דער טיר, האָט ער פאַרלױרן דאָס גלײַכגעװיכט. נישט געװען זיכער, צי ער דאַרף מיט אים רײדן און אין גאַנצן זיך נישט אומקוקן אױף אים. ער איז געבליבן שטײן אין מיטן קאָרידאָר און פון דאָרטן אױסגערופן מיט אומצוטרױ:

— װאָס איז?

דוד, אַ שלאַנק, דאַר בחור מיט אַ בלאַסן פּנים און בלאָנדע האָר, אַן אומע־טיקער, מיט דער הוט אין האַנט, האָט אָפּגעװאַרט אַ ביסל, װי אױף אָפּצורוען זיך, און זיך אָפּגערופן:

— גוט מאָרגן!

פּאַריז האָט נישט געענטפערט אױף דער באַגריסונג, אַלץ געבליבן אין מיטן קאָרידאָר און צוגעאײַלט אומגעדולדיק דעם שמועס, װי ער װאָלט אים געװאָלט אױסמײַדן:

— איז װאָס װילט איר? אַ סוף, אַן עק!

— איך װאָלט...

פּאַריז האָט נישט געלאָזט זיך אױסרײדן, װי ער װאָלט קײן צײַט נישט גע־האַט:

— אַ סוף, אַן עק! רעדט שנעלער, װאָס איר האָט צו זאָגן!

ס'װײַב איז אָנגעקומען. געבליבן שטײן נעבן מאַן. געהערט די לעצטע װער־טער, װי דער מאַן האָט זיך געבעסט און געטראַכט אױף די רײד, און געקוקט אױפן בחור װי אױף אַן עלנטן, װאָס קלאַפּט אָן אין אַ פרעמדער טיר. זי האָט געװאַרט, װאָס װעט ער ענטפערן.

נאָר דער בחור האָט זיך נישט געאײַלט צו רײדן. אָפּגעװאַרט. װי איבערגע־טראַכט, װאָס צו זאָגן און דער עיקר װי אָנצוהײבן. װי געזוכט װערטער. אָדער גאָר זיך געמיט אײַנצוהאַלטן, נישט צו רײדן אַזױ, װי עס װאָלט נישט געטױגט. אָבער, אַז פּאַריז האָט שױן געמאַכט אַ באַװעגונג, װי אױף אַװעקצוגײן, איז דוד אַרױס:

— אַזױ קען מען נישט רײדן... בײַ דער טיר... אױף אײן פוס...

— איז װאָס װילט איר?

— אַז איר װילט, סעניאָר, װעל איך אַרײַנגײן...

— גענוג! — האָט פּאַריז איבערגעהאַקט — נאָך בײַ מיר אין שטוב מיט אַזאַ אײנעם...?

ער האָט אין זיך דערשטיקט די לעצטע ווערטער. געזאָטן פון צאָרן. זײַן פּנים איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלויקייט.

דאָ האָט זיך ס'ווײַב אַרײַנגעמישט:

— וואָס איז דאָ די מאַליער? וואָס אַרט דיר, כאַסינטאָ? בײַ ד י ר אין שטוב האָסטו מורא?

— נישט קיין מ ו ר א ! — האָט דער מאַן זיך געוואָנדן צום ווײַב מיט זײַן צעקאָכעניש — פאַר וועמען מורא? א י ך פאַר אַ „גרינעם"? ווער איז ע ר און ווער בין א י ך? וואָס האָב א י ך מיט אים צו ריידן? ב ע ט ן זיך אפשר בײַ אים? צו די פיס פאַלן, ער זאָל זיך אָפּטשעפּען פון אונדזער טאָכ־טער? וואָס? אַז איך וויים נישט, וואָס דו ווילסט פון מיר?

ס'ווײַב האָט אָוועקגעפירט דעם מאַן אין אַ זײַט, אַז דער בחור זאָל זיי נישט זען, און גענומען שטיל אַרײַנריידן:

— זײַ נישט אײַנגעשפּאַרט, כאַצקל! זײַ דו דער קלוגער! פאַרקערט, רייד מיט אים! וועסטו זיך עפּעס דערוויסן, ווו זי געפינט זיך, אונדזער אומגליק... מיט גוטן... נאָר מיט גוטן... נאָך דעם, אַז דו וועסט זיך אַלץ דערוויסן, וועסטו קענען זײַן שלעכט... נו, ווי איז בעסער? נישט ווי איך זאָג דיר? פאָלג מיר און זײַ נישט קיין נאַר!

פאַריז איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, אָנגעקוקט דעם בחור, וואָס האָט אין זײַנע אויגן אויסגעזען ווי אַ יונגל, האָט געדרייט צו זיך מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט נישט געקענט בײַ זיך פועלן, און געטריבן פון זיך די געדאַנקען, וואָס האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט, שטיל אָפּגעקרעכצט און גענומען צמאַקען, נאָך אַלץ דרייענדיק מיטן קאָפּ:

— הייסט עס... ווילט איר... ריידן...

— יאָ.

— נו...

— זאָל איך אַרײַנגיין?

— נאָ! — איז פאַריז ווידער געוועזן אַנטשלאָסן — דאָס נישט! אין שטוב נישט! ווו איר ווילט, נאָר נישט אין שטוב. קען זײַן אין קאַפע...

דוד האָט געצווייפלט. געערדט געמיטלעך. ווי עס וואָלט קיין שום אויסטער־לישע זאַך נישט פּאַסירט:

— אין קאַפע? אַ טומל...

— איז ווו?

— איר ווייסט וואָס? בעסער אַרײַנגיין דאָ קעגנאיבער.

— אין שולע?

— אין שול.

— זײַנען דאָך דאָ די קינדער!

— איז וואָס?

— אַ טומל...

— אַ טומל פון קינדער אין אַ שול איז נישט קיין טומל...

און ער האָט צוגעגעבן, דוד:

— אויסער די קלאַסן זײַנען דאָרטן דאָ אַנדערע צימערן, פאַר דערוואַקסענע, און מירן קענען רויִק אַרומריידן.

— זאָל זײַן! — האָט פּאַריז אײַנגעשטימט, שוין נישט קיין אויפגערעגטער, געלאַסענער, און אַפילו העפלעך געהייסן אונטערוואַרטן — אַ ווײַלע!

געבליבן אַליין, זײַנען דודן אַרײַן אין קאָפּ די לעצטע ווערטער, „זאָל זײַן", און ער האָט זיך דערמאָנט אַ ליד מיט די זעלביקע ווערטער, פאַרצויגן שטיל, שטיל:

„זאָל זײַן, אַז איך בוי אין דער לופט מײַנע שלעסער"...

ער האָט נאָכגעקוקט די פאַרבײַגייענדיקע מענטשן און געטראַכט וועגן אַ סך זאַכן פאַראַמאָל, נאָר צום ווייניקסטן געוואָלט טראַכטן וועגן רבקהלעס טאַטן, צו־מאָל נישט וועגן דעם, ווי ער וועט מיט אים אָנהייבן ריידן. דערפאַר טאַקע האָט ער זיך אַזוי פאַרזונגען מיט די ווערטער, ווי ער וואָלט זיך אין זיי געגראָבן, טיפער, טיפער:

„זאָל זײַן, אַז איך בוי אין דער לופט מײַנע שלעסער"...

אַזוי לאַנג געזונגען, ביז פּאַריז איז געקומען. דאָס ווײַב איז אים נאָכגעגאַנגען ביז צו דער טיר, מיט דער האַנט צוגעקלאַפּט איבער דער פּלייצע, ווי אַ קינד וואָס וויל נישט אײַנשלאָפן, און שטיל אײַנגעטענהט:

— געדענק, וואָס דו האָסט צו טון... געדענק, אַז ס'איז אונדזער אײנציק שטיקל קינד...

דוד האָט געהערט די ווערטער, נאָר זיך געמאַכט נישט הערנדיק. געוואָרט, פּאַריז זאָל גיין דער ערשטער און פירן. פּאַריז האָט אָבער נישט געפירט. געוואָרט און צו ענדע געפרעגט:

— איז ווו גייען מיר?

— קעגנאיבער.

ס'ערשטע מאָל, אַז כאַסינטאַ פּאַריז איז אַריבער די גאַס פון זײַן וווינונג צום הויז פון דער געזעלשאַפט, ווו ס'איז געווען די ייִדישע שול. זינט ער איז געקומען פון דער פּראָווינץ און זיך באַזעצט אין דעם הויז, וואָס ער האָט אײַנגעקויפט אויף דער שטילער גאַס, איז אַלץ געוואָרן אַזוי אַנדערש, אַזוי אויסטערליש אַנדערש. נאָך קיין דרײַ חדשים, נישט אָבער די ענדערונג איז געווען ווי פאַר יאָרן. ווען ער האָט אײַנגעקויפט די שטוב, איז די גאַס געווען אַזאַ שטילע, אַז אַפילו פּריוואַטע אויי־

טאַמאַבילן זײַנען זעלטן דורכגעפאָרן. טייל מאָל פלעגט זײַן אויטאָ זײַן דער איינ־ציקער אויף דער גאַס און אַלע האָבן אים אָנגעקוקט. דערפאַר איז אים די גאַס אַזוי געפעלן. פונקט ווי ס'איז געפעלן, וואָס זײַן שטוב איז דער איינציקער „פּטיט האָטעל" אויף דער קוואַדרע. נאָר אין די פּאָר מאָנאַטן איז אויף דער גאַס פּאָרגע־קומען אַזאַ איבערקערעניש, ווי אין זײַן שטוביקן לעבן. דאָס זײַנען געווען די מאָ־נאַטן פון די וואַקאַציעס, ווען ער איז אַרײַן אין הויז און אים, כאַסינטאַ פּאַריזן, איז גאָר נישט אײַנגעפאַלן, אַז אַ יידישע שול און אַ יידישע געזעלשאַפט זאָל נאָך די וואַקאַציעס מאַכן אַזאַ איבערקערעניש אויף דער גאַס. אין זײַן שטאָט אויף דער פּראָווינץ איז דער יידישער פאַראיין געווען איינע פון די שטילסטע ערטער. קײַן יידישע שול איז נישט געווען. איז זי געבוירן געוואָרן, האָט זי געהאַט אַ קורץ לעבן. ער, למשל, האָט דען אַ מאָל געקלערט פון שיקן זײַן טעכטערל אין דער „עסקועלאַ רוסאַ". נישט ער האָט געקלערט און נישט די יידן איז אפילו אײַנגע־פאַלן צו קומען צו אים אין שטוב אַרײַן, אים אָנביטן אַזעלכעס. פּונקט ווי מען האָט געוווּסט, אַז ער איז נישט קײַן קאַנדידאַט פאַר דער שול צום דאַוונען און מען האָט אים קיינמאָל נישט אָנגעבאָטן. זיי האָבן גוט געוווּסט, די יידן, אַז ער געהערט שוין צו די אַנדערע מענטשן. טאָמער זײַנען יידישע דאַמעס געקומען צו אים בעטן מיט בילעטן פאַר אַ בענעפיט, האָט ער זיך אַנטשולדיקט. און טאָמער האָבן די יידישע דאַמעס אים געלאָזט אָנצוהערן, אַז מסתמא איז אים אַ שאָד געלט, האָט ער זיך דערפילט באַליידיקט און האָט גלײַך אַרײַנגעבראַכט קבלות פון אַנדערע בענעפיטן, פון אַנדערע אַנשטאַלטן, און ווי אַ זיגער געפאַטשט מיט די פינף פינגער אויף די פּאַפּירלעך:

— אַט־אָ־דאָס דאַרפן מיר האָבן: אַרגענטינער! אַט־אָ־דאָס דאַרפן מיר זײַן: אַרגענטינער! אַ סוף, אַן עק זאָל עס נעמען צו אונדזערע צרות!

און אַז מ'האָט אים קעגנגערעדט, האָט ער געענטפערט:

— כ'האָב נישט פאַר וואָס צו מאַכן מײַן קינד אומגליקלעך אויפן גאַנצן לעבן, באַשר איך בין געבוירן געוואָרן בײַ אַ יידן אין שטוב און מײַן טאַטע האָט מיך אָפּגעמלט...

דערפאַר איז נאָך גרעסער געווען זײַן איבעראַשונג אין דער גרויסשטאָט, ווען ער האָט נאָך עטלעכע חדשים וווינען אויף דער שטילינקער גאַס דערזען, ווי עס קומען אַזוי פיל קינדער אין דער יידישער שול, און קומען אַזעלכע אויסגעפּוצטע, אויסגעוואַשענע, אויסגעצוואַגע:ע, אַלע מיט בלאַנק־ווײַסע פאַרטעכער, און אַזוי פיל לערער, אַלע ציכטיקע, מיט בלאַנק־ווײַסע פאַרטעכער, באַגעגענען די קינדער צו זייער אָנקומען אין שול, און אַזעלכע גרויסע אויטאָבוסן פאַרפאָרן צו דער טיר פון דער שול. און צו דעם קומען נאָך אין אָוונט אין דער געזעלשאַפט יונגע מענטשן

און עלטערע מענטשן קומען. און מ׳הערט הויכע רייד. און מ׳הערט אפּקלינגען פרייליך געזאַנג. דאָס אַלץ איז אַזוי אויסטערליש, אַזוי מאָדנע.

— קעגנאיבער!

איצטער האָט דודס שטים געקלונגען אין זײַנע אויערן נישט אַזוי פרעמד און ער האָט אויך מילד אָפּגעענטפערט:

— זאָל זײַן קעגנאיבער.

ער איז אַריבערגעטראָטן דאָס העכסטע טרעפּל פון אַרײַנגאַנג און נישט גע־קענט באַהאַלטן זײַן אַנטציקונג:

— פון דרויסן זעט עס גאָר נישט אויס אַזוי גרויס און אַזוי שיין...

דוד האָט זיך נישט אָפּגערופן. געלאָזט אַליין זען, אַליין הערן, אַליין פאַר־שטיין.

פון איין קלאַס האָט זיך אַרויסגעהערט אַ קאָלעקטיווע לייענען. פון צווייטן קלאַס — געזאַנג. דאָס זינגען האָט פּאַריז נישט אויפגעכאַפּט, דאָס לייענען — יאָ. אַזעלכע איינפאַכע ווערטער:

„און ייִדן ריידן ייִדיש,
ווײַל ייִדיש איז דאָך שיין;
איז גרינג אַ צווייטן ייִדן
פאַרשטיין ווי זיך אַליין”.

דוד האָט געזען, ווי פּאַריז לייגט צו אַן אויער צו די ווערטער, ווי ער איז גע־בליבן שטיין נײַגעריק; האָט ער נישט איבערגעשלאָגן. ערשט ווען דאָס דעקלאַמירן איז געווען פאַרענדיקט — זיך אָפּגערופן:

— מיינט איר נישט אַזוי, סעניאָר פּאַריז?

— האַ, וואָס?

— אַז „ייִדן ריידן ייִדיש, ווײַל ייִדיש איז דאָך שיין, איז גרינג אַ צווייטן ייִדן פאַרשטיין ווי זיך אַליין”?

פּאַריז האָט אויפגעהויבן דעם האַלדז, ווי ער וואָלט געטראָגן אַ צו־הויכן קאָלנער, און דערמאָנט:

— אַנו, מיר דאַרפן עפּעס ריידן...

אין הויף, אין אַ ווײַטן צימער, איז עמיץ געזעסן בײַ אַ שרײַבטיש. פּאַריז האָט אים גלײַך דערקענט און אינסטינקטיוו זיך געגעבן אַ צי אויף צוריק. נאָר דער מיטליאָריקער מאַן מיט די שוואַרץ־גראָבע וואָנצעס האָט זיך געגעבן אַ הייב־אויף און מיט אַ מאַך פון דער האַנט אָנגעוויזן צו בלײַבן:

— פאַר מיר דאַרפסטו זיך נישט באַהאַלטן, כאַצקעלע! מילאַ, ער, אַ „גריי־נער”, ווייסט נישט. אָבער מיר קענען זיך דאָך נאָך פון אַלטע צײַטן, ווען...

ער איז צוגעגאנגען צו פּאריזן, אים אָנגענומען פאַרן אָרעם און צוגעפירט צו א בענקל:

— זיץ!

און, אוועקזעצנדיק זיך נעבן שרײַבטיש, קעגנאיבער, צוגעגעבן:

— מיר קאָנען זיך אַלע דרײַ אין איין טעפּל...

און נאָך א ווײַלע שטילשווײַגן:

— מײַן רייזל האָט מיר אַלץ דערציילט. און דײַן רבקהלע איז די נאַכט גע־שלאָפן מיט מײַן רייזל.

פּאריז האָט אויסגעגלאָצט א פּאָר אויגן. נישט געגלויבט, אז ער וועט געוווי־רן אַלצדינג אזוי שנעל. אי ווו זײַן רעבעקאַ איז אַנטלאָפן. נאָך נישט אזוי שלעכט, אויב זי האָט געגעכטיקט בײַם לאַנדסמאַן. פּאַרט: א באַלעבאַטישע שטוב. אַן אָרעמע שטוב, אָבער אַן אָרנטלעכע. אײַ, ראָסיטאַ? דאָס, וואָס זי איז מסתמא געשלאָפן מיט ראָסיטאַן אין איין בעט, איז שוין נישט אזא מעלה... גיי ווייס, ווו מ׳קען זיך עס אַלץ פאַרטשעפּען... זײַן טאָכטער, וואָס האָט אַן אייגן לוקסוס-צי־מער, אין אַן אייגענעם הויז, מיט אַן אייגענעם פּאַרטעפּיאַן, מיט א גלעקל צו דער דינסט בײַם בעט, קלײַבט גאָר בעסער אויס צו שלאָפן מיט זײַן אָפּגעזאָגטער אָנ־געשטעלטער, וועלכע וווינט בײַם אָרעמען טאַטן אין שטוב, ווו זי האָט זיך עס אויסגעלערנט אזא חוצפּה און געקראָגן אזא צעשרויפט מויל... פון דעסטוועגן האָט ער געספּקט און איבערגעפרעגט:

— טאַקע בײַ דיר אין הויז, בערל?

— אוודאי בײַ מיר. מיט מײַן רייזל.

— און דײַן... ראָסיטאַ...

— מײַן ראָסיטאַ, שווער איך דיר, האָט אויף דיר נישט אויסגערעדט פאַר דײַן רבקהלע קײַן איין קרום וואָרט. דו קענסט נאָך נישט מײַן רייזל!

— טאַקע אמת?

— כ׳זאָל אזוי דערלעבן זי צו דער חופּה פירן מיט אזא בחור ווי דער־א איז...

ער האָט אָנגעטײַטלט מיטן פינגער אויף דודן און נאָך דעם אים געגעבן א פּאַטש איבער דער פּלייצע:

— אָט ווי דו קוקסט אים אָן, כאַצקל, אָט אזוי אויסגעמאָרעט ווי ער איז, האָט ער א פּלייצע ווי אַן אײַזן! און א ייִד איז ער, אזא יאָר אויף מיר!

פּאריז האָט אויסגעהערט און בשעת מעשה געשלונגען שפּײַעכץ, גלײַך ווי עס וואָלט געווען א האַרטע זאַך, שווער אַראָפּצושלינגען. נישט איבערגעשלאָגן און גע־לאָזט ריידן. דוד איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און שטילערהייט געקלאַפּט מיט דער פּאָדעשווע אין פּאָדלאָגע, און זײַנע קינבאַקן האָבן געציטערט.

— נו, יאָ. — פּאריז האָט טיף אָפּגעאָטעמט נאָך דעם ווי זײַן לאַנדסמאַן

האָט געענדיקט ריידן — אויב דו מיינסט, בערל, אַז איך זוך אַ שׂרכן, האָסטו נישט געטראָפֿן דאָס אָרט...

— וואָס־זשע ווילסטו?

— מײַן רעבעקאַ.

— איך האַלט זי ניט צו.

— אָבער דו האָסט זי אַרײַנגענומען.

— זי האָט געבעטן מײַן רייזל.

— דײַן טאָכטער... ווען ניט דײַן טאָכטער...

— איז וואָס? ווען נישט מײַן רייזל, וואָס־זשע וואָלט געווען?

— וואָלט צו דער גאַנצער צרה נישט געקומען.

— וואָס פֿאַר אַ „צרה"? אַנו, שיט אַרויס, וואָס דו האָסט צו זאָגן!

— איך האָב.

— און איך האָב נ אָ ך מער.

דוד, וואָס האָט די גאַנצע צײַט געשוויגן און געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגע־לאָזט, איז אַרײַן אין די רייד:

— און א י ך אויך!

— א י ר?! — פּאַריז האָט געמאַכט אַ פֿאַרוווּנדערט פּנים, ווי דאָס וואָלט ער בכלל נישט דערוואַרט.

— יאָ, איך. כ'מיין, וואָס איר האָט געזאָגט אײַער רבקהלען, אַז איר וועט מיך אַרויסשיקן פֿון לאַנד, ווײַל איך בין אַרײַן אומלעגאַל...

אַצינד איז דוד געוואָרן אַן איבערגעקערטער. ער איז געוואַקסן אין זײַן דאַר־קײַט. ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט און אַרײַנגעקוקט פּאַריזן גלײַך אין פּנים אַרײַן, קאַלט און דעצידירט. קיין איין אָדערל האָט זיך נישט גערירט אויף זײַן פּנים, ווי ער וואָלט רויִק אַרײַנגעקוקט דעם טויט אין די אויגן אַרײַן. פּאַריז איז געוואָרן צע־טומלט און גענומען צוקן מיט די באַקן, מיט די אַקסלען און פֿאַרביסן די ליפּן, וואָס האָבן אים געטריקנט, און נישט אויסגערעדט קיין איין וואָרט.

— אַז איר רעדט נישט, — איז דוד געוואָרן נאָך דרײַסטער —, וועל איך אײַך זאָגן, וואָס אַזאַ איינער ווי איך האָב אײַך צו זאָגן. איך בין נישט איינער. איך בין אַ סך. מיר, געראַטעוועטע פֿון די קאַלכאַויוונס, שרעקן זיך נישט מער פֿאַר שרעק. אויך דער טויט איז פֿאַר אונדז געוואָרן היימיש. די נאַצים האָבן אונדז אַזוי פֿיל געשלאָגן, אַזוי פֿיל שטעקנס צעבראָכן איבער אונדזערע קעפּ, אַזוי פֿיל וווּנדן אונדז געבראַכט, אַזוי שטאַרק אונדז מיט הונגער און דאָרשט געפּײַניקט, מיט לײַז

און שטשורעם אָנגעזעצט, אַז אַרויסשיקן אונדז פון אַ לאַנד מיינט פאַר אונדז גאָר נישט. ביי די נאַציס איז ביי אונדז רעכט געווען אַזאַ ייִדן, וואָס האָט איין מאָל אַפילו געוואַגט צו ריידן ווי איר, מיט די הענט דערשטיקן, מיט די הויכע צען פינגער דערוואָרגן, און ווי קיינמאָל גאָרנישט... אָבער נישט איצטער! איר ווילט מסרן? לויפט! קיינער פון אונדזערע מענטשן וועט אײַך דערפאַר ניט צעברעכן די ביינער און אײַער הויז ניט אונטערצינדן. וואָס יאָ, דאָס יאָ: מיר וואָלטן געטון אַלץ, אַלץ וואָס מיר וואָלטן געקענט טון, אַז אַלע זאָלן אויף אײַך קוקן ווי אויף צרעת, אַז קיין מענטשישער מענטש זאָל קיינמאָל די שוועל פון אײַער הויז נישט אַריבערטרעטן, אַז יעדער ייִד זאָל אײַך באַטראַכטן ווי אַ פּעסט, מ׳זאָל אויסמײַדן, נישט ווי מען מײַדט אויס אַ טכויר, ווײַל אַ טכויר וויל מען כאָטש טויטערהייט האָבן, און אַ מסור איז אַפילו הינטערן פּאַרקאָן פאַרשאָלטן אויף אַלע צײַטן!

פּאַריז האָט געפילט, אַז ער מוז עפּעס זאָגן.

— פון דעסטוועגן — האָט ער זיך אָפּגערופן — ווילט איר זיין דעם מסורס איידעם...

דוד האָט געמאַכט אַ גרימאַסע פון גרינגשאַצונג:

— איידעם... איר מיינט אוודאי, אַז צוליב אײַך איז מיר רבקהלע אַזוי ליב... אוודאי צוליב אײַערע הײַזער...

ער האָט זיך אויסגעשטרעקט און האַסטיק געגעבן אַ פּאַרקאַטשע דעם אַרבל פון רעקל, געוויזן די אַנטבלויזטע האַנט, וווּ עס האָט אַרויסגעשלאָגן מיט בלויקייט אַ שורה אויסגעשטערנטע ציפערן, און אויסגערופן:

— איר ווייסט וואָס דאָס איז? אַט־אָ־דער נומער פון אַשוויענטשים איז אַ סימן, אַז אַ מענטש איז גאָר נישט ווערט, ווען ער איז אַרומגערינגלט פון אוממענטשן. דער נומער דערמאָנט, אַז עשירות איז ווייניקער ווערט ווי בלאָטע, ווען מ׳קען דערפון נישט געניסן. דער נומער מוז לערנען, אַז אונדזערע זעקס מיליאָן זײַנען נישט געשטאָרבן אומזיסט. צווישן די זעקס מיליאָן זײַנען געווען מײַנע טאַטע־מאַמע, מײַנע ברידער און שוועסטער. זיי זײַנען הײַנט הייליקע. ווען איך וואָלט געווען צווישן די זעקס מיליאָן, וואָלט איך אויך געווען אַ הייליקער... ווען איר וואָלט זיך געפונען צווישן די זעקס מיליאָן, וואָלט איר אויך געווען אַ הייליקער... ד אָ ר ט זײַנען געוואָרן הייליקע אַ סך אַזעלכע, וועלכע זײַנען מסתמא געווען ערגערע פון אײַך... זיי זײַנען געוואָרן הייליקע קעגן זייער ווילן... די צײַט האָט זיי געמאַכט פאַר הייליקע... די זעלביקע צײַט האָט אײַך געקענט מאַכן פאַר אַ הייליקן, ווען איר און אײַער ווײַב און אײַער איינציקע טאָכטער וואָלטן געפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע, קיין אַשוויענטשים, קיין פּאָנאַר, ווי מיר אַלע זײַנען געפירט געוואָרן...

פּאַריז האָט דערשפּירט, ווי ס׳איז אים געוואָרן ענג אין האַלדז. האָט ער צו־

גערוקט דאָס בענקל צום טיש, אָנגעשפּאַרט אויף דעם ברעג טיש די האַנט אויפן עלנבויגן און די צעשפּרייטע האַנטפלאַך פאַרהאַנגען איבערן שטערן, ווי אַ דעכל.

דוד איז שטיל געוואָרן און גענומען שווייַגנדיק שפּאַנען איבערן צימער.

בער איז אַרויס אין געסל.

אין צימער איז געוואָרן אַ שווייַגן, ווי אין שטוב פון אַן אָבל. ערשט ווען עס האָבן זיך דערהערט דערנענטערן ווייכע טריט, האָט פּאַריז אַפּירגענומען דאָס פּנים פון הינטער דער האַנטפלאַך. זייַנע אויגן און באַקן זייַנען געווען אָנגעדראָלן.

בייַ דער שוועל פון צימער איז געשטאַנען רעבעקאַ. געשטאַנען נעבן בערן און געקוקט פאַרשעמט אויפן טאַטן.

זי האָט נישט געקענט אויסהאַלטן און צוגעפאַלן:

— פּאַפּאַ!

איר קאָפּ איז געפאַלן אויפן טאַטנס אַקסל מיט אַ כליפּען:

— פאַרוואָס קומט דאָס אַלץ?

זי האָט זיך אויסגעוויינט, אויסגעשליוכצט און צוגעגאַנגען צו דודן, געשטאַנען ניט צו נאָענט און ניט צו וויַיט, און אַרויסגעשעפּטשעט:

— דאַוויד...

— וואָס?

— וואָס זאָל איך טון?

— וואָס?

— יאָ.

— גיין אַהיים!

— אַזוי מיינסטו?

— אַזוי מיין איך.

— און דו?

— איך גלייב.

— אין וואָס?

— אין דיר.

— און...

— אין לעבן.

— דו?

— יאָ. איך, וואָס האָב געזען אַזוי פיל מאָל דעם טויט, גלייב מער ווי אַן אַנדערער אין לעבן, אין רעכט אויפן לעבן, אין רעכט פון מענטשן, אין דער מענטש־לעכקייַט פון מענטשן, ווייַל אין דעם ליגט דער כוח פון דעם פאָלק, וואָס האָט אַזוי פיל געליטן.

פּאַריז האָט געהערט די ווערטער און וואָס וויַיטער האָט אַלץ מער אים זיך גענומען אויסוויַיזן, אַז דער־אָ דוד איז גאָר נישט קיַין פּרעמדער, ווען ער האָט קיינמאָל אין זיַין לעבן פריִער ניט געזען, נאָר אַן אַלטער באַקאַנטער, אַ קרוב, אַ חבר פון די קינדער־יאָרן, מיט וועמען ער האָט געלעבט אין ליַידן און אין פריידן, און צי שולדיק אָדער ניט שולדיק האָבן זיי סיַי ווי זיך געשלאָגן אין הארצן „על חטא".

ג

זלמן וואַסערצוג

בוענאָס־אײַרעס

פאַרשוועכטע ירושה

דראמע אין 9 בילדער

פון דער היטלער־עפאָכע

אָנטיילנעמער

שרה

יונה

יאַן

אַנטעק

הירש-בער

האַנס

עלסאַ

אַדאָלף

גרעטכען

(האַנס, עלסאַ, אַדאָלף, גרעטכען —) אַ משפחה „פאָלקס-דויטשן״

געשטאַפּאָ-קאָמיסאַר

1טער פּאַרטיזאַן

2טער פּאַרטיזאַן

דײַטשע סאָלדאַטן

די האַנדלונג קומט פאָר אין אַ ייִדישן שטעטל
אין פּוילן בשעת דער אָקופּאַציע.

ערשט בילד

עס מארשירן פארביי די לעצטע פון די פארטריבענע יידישע איינוווינער פון שטעטל. אלטע און יונגע יידן, פרויען און קינדער, מארשירן דערשראקענע, רעזיגנירטע. זיי ווערן געטריבן פון דייטשע סאלדאטן מיט זידלערייען און קלעפ, אין גרוים בהלה. עס פאלן אייניקע שאסן פון ביקסן, און באלד דערויף — יאמערלעכע געשרייען פון די קרבנות.

קולות:

וואס האט איר צו אונדז? מערדער! מערדער! איר וועט פאר אלעם מוזן אפגעבן חשבון! פאר אלעם!

עס הערט זיך א שאס

געוואלד!... שמע ישראל!... שמע ישראל!...

נאך א שאס

יאנקל, יאנקל! וויי איז מיר...

דאס געשיסעריי פארשטארקט זיך, אויסגעמישט מיט פארצווייפלענדיקע געשרייען. ספאזמעס. גסיסה־קרעכצן. זידלערייען.

סאלדאטן:

פארפלוכטע יודן! שנעלער!! שטעלן זיך אין דער ריי! קרייץ דאנער וועטער!!!

א געשיסעריי

קולות:

מערדער! מערדער!! מעררר...

פארהאנג

צווייט בילד

דער מארק. א טיפיש־קליינשטעטלדיקער מארק. א פלומפ אין מיטן. פוסט. טויט. שטיבער — אייניקע אין חורבות, מיט נאקעטע קוימענס — זיינען אן איינוווינער. אן לעבן. א שווערער טרויער וויעט ארום. עס הערט זיך דאס מיאוקען פון א קאץ.

עס קומט אן שרה. א צעשויבערטע אין צעריסענע מלבושים. א יונגע יידישע מאמע, וואס אירע צוויי קינדער זיינען דערמארדעט געווארן אין דער שחיטה. זי שטופט א צעבראכן און ליידיק קינדער־וועגעלע איבער די חורבות און זינגט.

שרה:

הינטער יאנקעלעס וויגעלע
שטייט א גאלדן ציגעלע,
דאס ציגעלע וועט פארן האנדלען
ראזשינקעס מיט מאנדלען.

ניין! ס'איז א ליגן... דאס ציגעלע ליגט א געשאכטנס... א געקוילעט ציגעלע... און מיין יאנקעלע איז אין וויגעלע נישטא... פוסט איז דאס וויגעלע, פוסט... גיי איך איבער די חורבות און בעט אלע צעשאסענע, אלע פארפייניקטע און די לעבעדיק־באגראבענע יידן, זיי זאלן קומען צום ברית, צו דער עקדה פון מיין יאנקעלע... יידן, צו דער עקדה פון מיין יאנקעלע קומט!...

דאס ציגעלע וועט פארן האנדלען
ראזשינקעס מיט מאנדלען — — —

זי פארשווינדט צווישן די חורבות.

מיט אומזיכערע טריט קומט אריין יונה צוזאמען מיט נאך צוויי פארטיזאנער. זיי בלייבן שטיין און קוקן זיך ארום מיט אומצוטרוי.

יונה:

אט וואס זיי האבן געמאכט פון מיין שטעטל!...

1טער פארטיזאן:

דיין שטעטל, מיין שטעטל, אונדזערע אלעמענס שטעטלעך.

2טער פארטיזאן:

אלע שטעט און שטעטלעך... דער זעלבער גורל, דער זעלבער גורל...

יונה:

בין איך טאקע אײנער אַלײן געבליבן, דער אײנציקער? װי פּײַנלעך עס איז אריבערצוטראָגן אַזאַ רעטונג. װי שװער עס איז צו טראָגן אויף זיך אַזאַ שװערע לאַסט, צו זײַן דער אײנציקער יורש פון אַ גאַנצער עדה ייִדן...

זיי קוקן אַרײַן פאַרזיכטיק אין די פאַרלאָזענע שטיבער. קלאַפּן, רופן בײַ די פענצטער. פאַרבלײַבן אַ װײַלע אין אײנער פון די שטיבער און קומען באַלד צוריק אַרויס.

יונה:

טרויער און טרויער. פולע טאָרבעס מיט טרויער. אונדזער ייִדיש שטעטל איז איצט „יודענריין". אַזוי פיל דורות ייִדן האָבן דאָ געלעבט, געחלומט, געדאַװנט, געהאָפט און געפּײַניקט זיך... און איצט — אונטערגעהאַקט. אויסגעריסן. „יודענריין"...

ער זעצט זיך אַנידער אויף אַ שטײן, שפּאַרט אַן דעם קאָפּ צװישן בײדע הענט.

אַלץ, אַלץ איז געבליבן גאַנץ, אומבאַרירט. די ייִדן זײַנען אַװעק און זײער גאַנץ האָב־און־גוטס, די גאַנצע באַלעבאַטישקײַט פון דורות איז געבליבן.

1טער פּאַרטיזאַן:

בײַ זײ.

2טער פּאַרטיזאַן:

פאַר זײ.

יונה:

דײַטשן, „פאָלקס-דױטשן", װעלן זײ ברענגען אַהער און באַזעצן זײ אין די פאַריתומטע ייִדישע הײמען.

1טער פּאַרטיזאַן:

זײ מאָרדן פּלאַנמעסיק, מיט אויסרעכענונג.

2טער פּאַרטיזאַן:

מאָרדן און ירשענען, מאָרדן און ירשענען...

יונה:

הרצחת וגם ירשת?... נײן! די ירושה װעט זײ ניט באַקומען. די פאַרשװעכטע ירושה אַלײן װעט בײַ זײ מאָנען אַ חשבון! טויטערהײט װעלן מיר זײ נאָכגײן. פון די קברים אַרויס װעלן מיר די טריט אונטער זײערע פיס צעגרײזשען.

זײ דערהערן טריט.

מ'גײט...

זײ שפּרינגען אַרײַן אין אַ נאָענטער שטוב.

עס קומט אָן יאַן, דער ברױטרעגער פון שטעטל, מיט דעם לעדערנעם בריװזאַק אויפן אָרעם.

יאַן:

קוקט זיך אַרום און שאָקלט באַדויערלעך מיטן קאָפּ. צלמט זיך איבער.

טויט... טויט... נישטאָ מער קיינער פון די ייִדעלעך, נישטאָ... קיינער נישט געבליבן פון זיי. אַ שאָד... נישט קיין שלעכטע מענטשן געווען. גוטע הערצער געהאַט. מיטגעפילט דעם אָרעמאַן. כאָטשבי ייִדן, אַנטיקריסטן, דאָך גוטע, סטאַטעטשנע מענטשן געווען...

נעמט אַ שמעק טאַבאַק און צעניסט זיך.

פון צווישן די הײַזער קומט אַרויס אַנטעק. טראָגט אַ פול־געפּאַקטן זאַק אויף די פּלייצעס.

יאַן:

אַנטעק גאָר! וואָס טוסטו דאָ צווישן די ייִדישע הײַזער?

אַנטעק:

זעסט דאָך! אַ פולן זאַק מיט זאַכן האָב איך צונויפגעקליבן. ס׳איז פאַר דיר, יאַן, אויך נאָך עפּעס געבליבן. עס וואַלגערן זיך אַרום אין די הײַזער פּערינעס, שאַבעסאָווע לײַכטערס פון ריינעם זילבער, געפעס, זײַדענע ספּאָדניצעס. אַלץ אויף הפקר. די זשידקעס האָבן אַלץ געמוזט איבערלאָזן.

יאַן:

שלעכט געטון, אַנטעק! בראַן באָזשע, מ׳טאָר זיך צו דעם נישט צורירן! אַ זינד, אַ גרויסע זינד. אַנטעק! די אַלע, וואָס ראַבעווען די זאַכן, וועלן שלעכט אָפּשנײַדן.

אַנטעק:

אַז מירן נישט נעמען, וועלן די שוואָבן עס נעמען. פאַרוואָס זאָלן זיי עס זײַן די יורשים? מיר געהערן זיך מער אָן מיט די ייִדן ווי זיי. אַזוי לאַנג, אַז זיי האָבן געלעבט צווישן אונדז — דאַרפן מ י ר זיי ירשענען...

יאַן:

זאָלן זיי, די שוואָבן, דערשטיקט ווערן מיט דעם רויב! ס׳איז אַ גרויסע זינד, אַנטעק. די ייִדן וועלן טויטערהייט זיי נאָכגיין... פון די קברים אַרויס וועלן זיי...

אַנטעק:

רעדסט ווי אַן אַלטער נאַר. אַלע האָבן גענומען, אַלע.

נעמט דעם זאַק און גייט אַוועק.

יאַן:

גוטע מענטשן געווען. אַ גאַנץ רחמנות אויף זיי. נישט דורכגעגאַנגען די וואָך, אַז כ׳האָב נישט געהאַט פון זיי בריוו פון אַמעריקע, מיט דאָלאַרן... — האָבן זיי אין יאַן בריווטרעגער נישט פאַרגעסן... אַמאָל אַ גלעזל אויס־

צוטרינקען, פון די שבתדיקע מאכלים מיר געגעבן צו פארזוכן. געשמאקע חלה, געפילטע פיש, קוגל... אמאל אן אלטן מאנטל אדער א העמד. א שאד, א שאד... אפשר א פערציק בריוו זייערע טראג איך ביי מיר אין זאק...

לייענט

רובינשטיין, שטיינמאן, יאנקל פורמאן... קיינער נישטא פון זיי... נישטא... איצט, שמועסט מען, ווילן זיי באזעצן אין שטעטל זייערע אייגענע... שוואבן...

קוקט זיך ארום און שפייט אויס.

טפו... א מגפה אויף זיי! די טויטע יידן וועלן זיי נאך נאכגיין...

צלמט זיך איבער און גייט ווייטער.

יונה מיט די פארטיזאנער קומען צוריק.

יונה:

(מיט סארקאזם) אויך אנטעק וויל זיין דער יורש פון אונדזער הייליקער און פארשוועכטער ירושה... אויך יאן דער בריוווטרעגער באדויערט — דעם טרינק בראנפן, וואס יידן וועלן אים מער נישט אנטקעגנטראגן... וואס וועל איך דא טון איינער אליין אויף דעם בית־הקברות? וווהין זאל איך זיך קערן און ווענדן מיט מיין צער, אין א וועלט פון שנאה? א יונגער ייד מיט אן אלטן, פארוווּנדעטן און צעריסענעם הארץ, צאפלט און ראנגלט זיך מיט זיין נאקעטן, נארישן לעבן... ווען גייט עס אן? ווען קען רירן אזא זאך?

1טער פארטיזאן:

מיר טארן דאך נישט פארלירן דעם גלויבן אינעם מענטשן.

2טער פארטיזאן:

מיר טארן זיך נישט מיאש־זיין.

יונה:

נאר איין זאך באגרייפט נישט מיין צעדולטער קאפ: צו וואס? נאך וואס? פארוואס האבן מיך געשוינט די דייטשישע קוילן און איך בין נישט געבליבן דארט אויף דעם בארג מיט הרוגים, צוזאמען מיט מיינע אייגענע און אלע יידן פון שטעטל? וואס פאר א בייז שפיל שפילט מיט מיר די השגחה? בין איך דער לעצטער געבליבענער צאן אויף ציין־ווייטיק?

1טער פארטיזאן:

מיר מוזן און ווילן ווייטער לעבן, יונה.

2טער פארטיזאן:

אונדזער געשטראפט פאלק וועט אויך דעם שווערן נסיון איבערקומען.

יונה:

קעמט זיך די האר מיט די פינגער פון גרויס פארצווייפלונג.

יידן, ליבע הארציקע יידן! ווו זייט איר? ווו זייט איר? ווו זייט איר? איך,

דער אויפגעקלערטער און װעלטלעכער, האָב אַזױ אָפּט געטראַכט פֿון אַנט־לויפֿן, אַוועק פֿון שטעטל, אַוועק פֿון די אָרימע, אויסגעקרומטע ירושה־שטי־בער; אַוועק פֿון דער גאַנצער אָרימקייט, טראַדיציעס, דינים, װאָס האָבן געפּײַנטעט מײַן יונג געמיט; אין דער גרויסער און פֿאַלשער װעלט אַרײַן האָב איך געוואָלט אַוועק... איצט באַגרײַף איך ערשט, װי טיף איך בין צו־נויפֿגעוואַקסן מיט אײַך אַלעמען, אָרימע און רײַכע, פֿאַנאַטישע און אויפֿגע־קלערטע ייִדן! ס'איז אַזוי טרויעריק, אַזוי זינלאָז צו לעבן אָן אײַך...

עס דערנענטערן זיך טריט און געזאַנג פֿון דײַטשע סאָלדאַטן. די פּאַרטיזאַנער שפּרינגען אַרײַן אין אַ פֿענצטער פֿון אײנער פֿון די פּאַרלאָזענע שטיבער. עס מאַרשירט פֿאַרבײַ אַ פּאַטרול דײַטשע סאָלדאַטן, באַוואָפֿנטע פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. זיי זינגען דאָס „האָרסט וועסעל" ליד.

יונה מיט די פּאַרטיזאַנער קומען צוריק.

יונה:

דאָס יאָגן זיי זיך אַרום, די מערדער, נאָך אונדז. נאָך דעם נאַקעטן לעבן פֿון צעבראָכענע ייִדישע בחורים. (פֿאַרצווייפֿלט) מײַנע אויגן האָבן דאָס אַלץ צוגעזען, װאָס זיי האָבן געטון מיט אײַך. אין מײַנע אויערן קלינגען נאָך די לעצטע אויסגעשרייען אײַערע, די קרעכצן, די גסיסה־קאָנוולסיעס פֿון אַ גאַנצער עדה ייִדן... איך, אײנער, אײנער פֿון דער גאַנצער קהלה... פֿאַרוואָס? נאָך וואָס? וואָס פֿאַרא אַ בייזער שפּיל פֿון דער השגחה...

בלײַבט זיצן מיט אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, פֿאַרגליווערט.

1טער פּאַרטיזאַן:

מיר וועלן זיי נישט פֿאַרגעסן.

2טער פּאַרטיזאַן:

זיי וועלן לעבן אײביק אין זכרון פֿון אונדזער פֿאָלק.

עס ווערט טונקל. פֿון אײנער פֿון די שטיבער קומט אַרויס אַ געשטאַלט. דער אַלטער שמש פֿון שטעטל. אַ גײַסטיק קראַנקער. מיט אַ הילצערנעם האַמער קלאַפּט ער אין די טירן פֿון די שטיבער.

הירש־בער:

ייִדן, אין שול אַרײַן! אין שול אַ־ר־ײַ־ן!!

יונה וועקט זיך איבער אַז איבערראַשטער, כאַפּט אַרויס אַ מעסער פֿון שטיוול.

פּאַרטיזאַנער:

ווער ביסטו?

יונה:

ווער?! דו, הירש־בער, דער אַלטער שמש?! פֿון וואַנען קומסטו אַהער? ווי אַזוי האָסטו זיך געראַטעוועט? ווי אַזוי? זאָג!

הירש־בער:
מיינסט נאָך אַלץ, אַז איך בין משוגע? דו, מחלל־שבתניק, זע, וואָס דו האָסט אָנגעאַרבעט...

יונה:
נאָך אַלץ אונטער דעם אײַנדרוק פון דער אומדערוואַרטער באַגעגעניש.
אָבער ווי אַזוי, הירש־בער, קומסטו אַהער? ווי אַזוי ביסטו געבליבן לעבן?

הירש־בער:
איך האָב דאָך נישט געקאָנט איבערלאָזן אויף הפקר די גאַנצע קהלה, די שול, ס'אַלטע בית מדרש, די מקוה... מיינסט טאַקע אַז די וועלט איז שוין הפקר?... דו, שגץ איינער!

יונה:
דערקענסטו מיך כאָטש? ווייסטו ווער איך בין?

הירש־בער:
אַ שאלה, כ'לעבן... ביסט דאָך נטע דעם שניט־סוחרס תכשיט, דער מחלל־שבתניק. אָט־דאָ שטייט דאָך אײַער הויז (ווײַזט מיט דער האַנט אויף אַ גרויסער שטוב אין מאַרק). מיינסט נאָך אַלץ, אַז איך בין משוגע, האַ?

יונה:
ביסט פאַר מיר איינער פון די לעבנגעבליבענע ייִדן, אַ ברודער פון אונדזער אומגעקומענער עדה. דער אומזיניקער — בין אפשר איך, נאָך דעם וואָס איך האָב איבערגעלעבט...

הירש־בער:
נו, כ'מוז שוין גיין קלאַפּן אין שול אַרײַן. ס'איז דער קורצער פרײַטיק הײַנט. די ווײַבער וועלן נאָך מחלל־שבת־זײַן. יאַנקל בעל־עגלה איז נאָך נישט צוריקגעקומען פון דער סטאַנציע. (קלאַפּט מיטן האַמער אין די טירן) ייִדן, אין שול אַרײַן! אין שול אַרײַן!

יונה:
ווי מקנא איך בין דיך, הירש־בער. דו ווייסט דאָך גאָרנישט, גאָרנישט וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אונדזערע ייִדן...

הירש־בער:
אין שול אַרײַן! ייִדן, אין שול אַרײַן! (בלײַבט שטיין און קוקט זיך אַרום) עפּעס זע איך נישט, אַז מ'זאָל צינדן ערגעץ ליכט. ווײַבער, ווײַבער, וואָס טוט זיך דאָ?! איר וועט נאָך, חלילה, מחלל־שבת־זײַן. מ'זעט שוין שטערן. ווײַבער, ווײַבער!...

יונה:
(דערנענטערט זיך צו אים.) מ'דאַרף שוין נישט, הירש־בער. מ'דאַרף שוין נישט

קלאַפּן אין שול אַריַין. ס'איז פון זיי קיינער נישט געבליבן. דאָרט ליגן זיי אַלע, אַלע, הינטערן בית־עולם... נאָר מיר ביידע זיַינען געבליבן. קום מיט מיר! (נעמט אים פאַרן אָרעם) מיר טאָרן דאָ נישט בליַיבן. די דיַיטשן וועלן אויך אונדז דערהרגענען. און מיר מוזן לעבן, לעבן, כדי נקמה צו נעמען פאַר זייע־רע מערדעריַיען.

1טער פּאַרטיזאַן:

נקמה — דאָס איז עפּעס, וואָס טרייסט!

2טער פּאַרטיזאַן:

נקמה — דאָס גיט מוט און חשק וויַיטער צו לעבן!

הירש־בער:

(ווערט זיך) גיי דו! איך וועל בליַיבן. איך, דער אַלטער שמש, וועל דאָך נישט איבערלאָזן די קהלה אויף הפקר! איך וועל עס נישט טון. וואָס טוט זיך מיט דיר?! יידן וועלן נאָך איבער מיר מחלל־שבת־זיַין. יידן, אין שול אַריַין! אין שול אַריַין!!

יונה:

ווי גוט אים איז, ווי מקנא איך בין אים. ס'איז אַ גאָב פון גאָט, נישט צו זיַין היַינט ביַי די קלאָרע געדאַנקען...

1טער פּאַרטיזאַן:

ער איז דאָס געשטאַלט פון געראודפטן און געפּיַיניקטן יידן.

2טער פּאַרטיזאַן:

ער וועט אַרויסקומען פון אַלע חורבות, פון אַלע קאַלאַוואוונס, אַ געליַיטער־טער.

הירש־בער:

יידן, יידן, יידן. אין שול אַריַין!

פאָרהאַנג

דריט בילד

דער זעלבער מאַרק פון שטעטל. אין הינטערגרונט — די װײַסל. דער טורעם פון דער קירך — אָראַנזשגעשאַסן. ס'איז שפּעטער האַרבסט. בײַ דעם פּלומפּ אויף די פּעק און װאַליזעס זיצט אַ דײַטשע משפּחה, װאָס איז נאָך לאַנגע שלעפּעניש אָנגעקומען פון בראַזיל, צו באַזעצן זיך אין אײנעם פון די ייִדישע הײַזער. זײ זײַנען טויט מיד פון דעם װײַטן װעג. די קינדער ליגן אָנגעשפּאַרט בײַ דער מוטער אויפן שויס און שלאָפן.

עלסאַ:

װען װעט ער שוין קומען, דער קאָמיסאַר?

האַנס:

נאָך אַ װײַלע.

עלסאַ:

האַנס, װײסטו, אַז מאָרגן װערט שוין פיר מאָנאַטן זינט מיר זײַנען אַרויסגעפאָרן פון פּאָרטאָ אַלעגרע?

האַנס:

געװיס װײס איך.

עלסאַ:

װעלן מיר שוין דאָ מאַכע בלײַבן? אַזאַ טרויער, אַזאַ שמוץ...

האַנס:

שװײַגט פאַרביסן.

עלסאַ:

װי אַזוי, האַנס, װעלן מיר דאָ לעבן אין אַזאַ פאַרװאָרפענעם און אָפּגעשטאַנענעם עק, אָן עלעקטרי, אָן װאַסערלײטונג, אָן אַ ביר־שענק. דאָרט, אין פּאָרטאָ אַלעגרע, איז דאָך אונדז גוט געװען. האָסט גוט פאַרדינט אַלס בוי־מײַסטער. צו װאָס, האַנס ליבער?...

האַנס:

(אויפגערעגט) שװײַג שוין אַ מאָל, עלסאַ! אָט באַלד װעט קומען דער קאָמי־

סאַר און אונדז אָנווייזן, וועלכע עס וועט זיין אונדזער שטוב. מיר וועלן דאָ האָבן אן אייגענע און פרידלעכע היים.

עלסאַ:

אָבער ווען וועט דאָס שוין זיין? איך בין טויט־מיד. אזא ווייטן וועג האָבן מיר דורכגעמאַכט.

האַנס:

און דו פאַרגעסט, עלסאַ, אַז מיר קומען אַהער אויפן רוף פון אונדזער פי־רער! מיר מוזן באַזעצן די דעראָבערטע געביטן פאַר דייטשלאַנד. דאָס איז, עלסאַ, אַ גרויסע פּאַטריאָטישע לייסטונג פאַרן דריטן רייך, פאַר אַ גרויסן דייטשלאַנד.

עלסאַ:

דאָס, ווייזט מיר אויס, וועט אונדז שווער אָנקומען...

האַנס:

אונדזערע העלדישע סאָלדאַטן קומט דאָס אויך נישט אָן גרינג. אויך מיר מוזן זיין סאָלדאַטן צו פאַרווירקלעכן אונדזער אידעאַל פון וועלט־באַהער־שונג. הייל היטלער!

די קינדער וועקן זיך איבער.

גרעטכען און אַדאָלף:

וואָס, דער פירער איז געקומען?

עלסאַ:

טומלט נישט...

די קינדער פאַרנעמען זיך מיט דעם פּלומפּ. זיי פּאָמפּעווען אַרויס וואַסער און טרינקען.

אַדאָלף:

געשמאַק וואַסער. נאַ, גרעטכען, פּאַרזוך!

גרעטכען:

(גיט אַ טרונק און שפּײַט אויס מיט אַ זויערער מינע) טפו! מיר געפעלט נישט דאָס וואַסער, וואָס די ייִדן האָבן געטרונקען. מיר געפעלט בעסער ביר. אַ דייטשע טאָכטער, זאָגט דער פאָטער, מוז נאָר ביר טרינקען. ביר מאַכט שטאַרק, יאָ, פאָטער?

פויזע. זיי שווייגן.

עלסאַ:

(פּלוצים) זאָג נאָר, האַנס, וואָס איז דען געוואָרן מיט די ייִדן, די פריערדי־קע איינוווינער פון שטעטל? וווּ זיינען זיי אַהינגעקומען?

האַנס:

די געשטאַפּאָ האָט שוין געזאָרגט דערפאַר... מ׳האָט זיי גאַנץ פיין איינגע־אָרדנט... זיי רויִק!

עלסאַ:

וואָס, מיינסטו, האָט מיט זיי פּאַסירט?

האַנס:

דאָס, וואָס עס פּאַסירט מיט אַלע פֿײַנד פֿון דריטן רײַך. מ'האָט זיי אויס...

עלסאַ:

אַזוי? זײַנען זיי טאַקע אונדזערע פֿײַנד, די ייִדן?

האַנס:

וואָס פֿאַר אַ פֿראַגע! עס װוּנדערט מיך... דו צווייפֿלסט נאָך דערין, עלסאַ? האָסטו נישט געהערט דעם פֿירער, ווי ער קריצט מיט די ציין, ווען ער רעדט וועגן די ייִדן? שווײַג שוין בעסער מיט דײַנע פֿראַגן!

אַדאָלף:

האָט זיך צוגעהערט צו די רייד.

פֿאָטער, וועלן זיי נאָך אַ מאָל צוריקקומען, די ייִדן?

האַנס:

קיינמאָל נישט!

עלסאַ:

און מיך שרעקט עפּעס...

האַנס:

שוין ווידער מיט דײַנע דומהייטן!

גרעטכען:

און ווי זעען זיי אויס די ייִדן? כ'האָב זיי נאָך קיינמאָל נישט געזען. האָבן די ייִדן צוויי אויגן, ווי מיר?

האַנס:

גענוג שוין מיט די דרעקישע ייִדן!

עס קומט אַן דער געשטאַפּאָ־קאָמיסאַר פֿון שטעטל. זיי שטייען אויף.

קאָמיסאַר:

הײַל היטלער!

זיי ענטפֿערן און בלײַבן שטיין אויסגעצויגן ווי סאָלדאַטן.

קאָמיסאַר:

(לייענט אַרויס פֿון אַ פּאַפּיר) פֿאַמיליע שטיינבאַך, אויס פּאַרטאַ אַלעגרע, בראַ־זיל?

האַנס:

יאַוואָל, הער קאָמיסאַר!

קאָמיסאַר:

אײַער קומען איז אַ גרויסע לײַסטונג פֿאַרן דריטן רײַך, פֿאַרן פֿירער. מיר

מוזן באזעצן די דעראַבערטע געביטן פאַרן רײַך. פאַרשטאַנען?

האַנס:

יאַוואָל, הער קאָמיסאַר!

קאָמיסאַר:

די דרעקישע ייִדן האָבן מיר פאַרטריבן און געטון, וואָס ס'איז נייטיק, זיי זאָלן שוין קיינמאָל נישט צוריקטרעפן אהער. פאַרשטאַנען?

האַנס:

פאַרשטאַנען, הער קאָמיסאַר!

קאָמיסאַר:

זײַט וויסן, אַז איר זײַנט דאָ אין דינסט פון אונדזער פירער. פאַרשטאַנען?

האַנס:

פאַרשטאַנען, הער קאָמיסאַר! אין דינסט פון אונדזער פירער.

קאָמיסאַר:

און איצט וועל איך אײַך אָנווײַזן, וועלכע עס וועט זײַן אײַער הויז, אַ מתנה פון אונדזער ליבן פירער.

זיי נעמען די פעק און וואַליזעס און שטעלן זיך הינטערן קאָמיסאַר.

קאָמיסאַר:

מאַרשירן! איר זײַנט אין דינסט פון דריטן רײַך, אין דינסט פון פירער!

אַלע:

אין דינסט פון דריטן רײַך, אין דינסט פון פירער.

פאָרהאַנג

ז ל מ ן ו ו א ס ע ר צ ו ג

פערטע בילד

א באַלעבאַטיש־אײַנגעפונדעװעטע אַלטע ייִדישע הײם. אַן עס־צימער. פון די װענט אויבנאָן, קוקט אַראָפּ אַ גרויס בילד פון װילנער גאון און אַנדערע פּאַטריאַרכאַלישע ייִדן. די בילדער טײלן זיך אויס און שאַפן די אַטמאָספערע פון דער הײם. אַן אַנגעזעען אָרט פאַרנעמט דער ספרים־אַלמער, אַן אַלטע ירושה־שאַנק מיט אײן טירל אויסגעבראָכן, אָנגעפּראַפּט מיט ספרים און אַ װילנער ש״ס, אײן לעדער געבונדן. אַ קרעדענץ מיט גלאָזװאַרג, מיט אַ פּאָר זילבערנע לײַכטערס און אַ חנוכה־מנורה. איבערן טיש — אַן אַלט־פּרענקישער נאַפט־לאָמפּ. אין אַ װינקל פון צימער הײבט זיך אַרויס דער קאַכלענער אויװן. אײן טיר פירט אין קלײט אַרײַן, אַ צװײטע — צו דער קיך און אַנדערע טײלן פון שטוב.

דער קאָמיסאַר קומט אַרײַן און נאָך אים האַנס און זײַן משפּחה. נאָך מיט די פּעק אין די הענט, קוקן זײ זיך אַרום מיט נײַגעריקײַט.

קאָמיסאַר:

דאָס איז אַ געשאַנק פון פירער! דאָ האָט אַ רײַכער ייִד געװוינט, דער פאַר־שטײער פון דער געמײנדע, מיט אַ גרויס געשעפט פון שטאָף. מיר האָבן אים צוזאַמען מיט זײַן פאַמיליע און אַלע ייִדן פון שטעטל — אָפּגעשיקט אויף יענער װעלט. איצט בלײַבט דאָס אַלץ פאַר אײַך. פאַרשטאַנען?

אַלע:

יאָװאָל, הער קאָמיסאַר!

זײ קוקן זיך אַרום מיט באַװוּנדערונג און שטוינונג. אַן אומהײמלעכקײַט און פרעמדקײַט קוקט אַרויס צו זײ פון דער געװעזענער ייִדישער הײם. זײ שטעלן פאַרזיכטיקע טריט און מיט אומצוטרוי, גלײַך װי זײ װאָלטן זיך פאַר עפּעס געשראָקן.

קאָמיסאַר:

באַװײַזט זײ די נײַע באַלעבאַטישקײַט

די טיר פירט צו דער קלײט.

אַלע קוקן זײ נײַגעריק אַרײַן!

האנם:

אין גאנצן אויסגעליידיקט. בלויזע פּאַליצעס...

קאָמיסאַר:

(שטאַמלט) דאָס... דאָס האָבן די פּאָלנישע שווינען, די פּויערים, אויסגע־רוימט... צעשלעפּט... מיט זעק זיינען זיי געקומען פון די דערפער... מיר וועלן דאָס צוריק אָפּנעמען... נישט געזאָרגט... און די טיר פירט צו דער קיך און שלאָפצימער. דאָס געשיר, דאָס בעט מיטן בעטגעוואַנט — אַלץ איז געבליבן. מיר האָבן די יידן גאַרנישט געלאָזט נעמען. דאָס אַלץ איז אייערס!

אַלע:

(הכנעהדיק) יאַוואָל, הער קאָמיסאַר.

קאָמיסאַר:

(קומט צו צום קרעדענץ און באַטראַכט די שבת־לייכטערס, נעמט זיין אין האַנט אריין.) ריין זילבער... יאָ. ווי שווער! (ווייזט אויפן חנוכה־לייכטער) אויך זילבער... (קערט זיך אום צו די לייכטערס) יאָ, איינס נעם איך מיט מיר... דאָס וועל איך שיקן מיין פרוי אַן אָנדענק פון די פאַרפלוכטע יידן...

אַלע:

(דערשראָקענע, צעפּלעטשטע פון קאָמיסאַרס אנוועזנהייט) אַן אָנדענק פון די פאַר־פלוכטע יידן...

קאָמיסאַר:

(שטעלט זיך אַפּ פאַר דער ספרים־שאַפע. נעמט ארויס אַ ספר און קוקט אריין אין דעם מיט איראנישע העוויות) וואָס ווענסטו דערמיט מאַכן? אויף פּאַפּיר בלויז באַ־טרעפט עס אַ סך. און ווייסט איר וואָס? (פאַרטרויליך) דער יודע, וואָס האָט פריער געלעבט, האָט זיכער דאָ ערגעץ פאַרבאַהאַלטן זיין פאַרמעגן...

האנם:

(צו עלסאַן) אַ פאַרמעגן...

קאָמיסאַר:

ער איז געווען דער רייכסטער ייד פון שטעטל. פאַרשטייער פון דער יידן־געמיינדע. ער האָט זיכער ערגעץ דאָ פאַרשטעקט גאָלד, דאָלאַרן.

האנם:

(צו עלסאַן) גאָלד, דאָלאַרן...

קאָמיסאַר:

מ'דאַרף גאָר גוט אַ זוך־טון... אומעטום. און... ווען איר געפינט עפּעס — דאָס גלייך ברענגען צו מיר. פאַרשטאַנען?

אַלע:

פאַרשטאַנען, הער קאָמיסאַר.

קאָמיסאַר:

אָבער, פאַרוואָס זײַט איר אַזוי מוטלאָז? איר דאַרפט דאָך זײַן צופרידן, גליקלעך! נו, גענוג. צו דער אַרבעט! געדענקט... דאָס געפונענע גאָלד און דאָלאַרן — ברענגען גלײַך צו מיר! פאַרשטאַנען?

אלע:

יאַוואָל, הער קאָמיסאַר.

קאָמיסאַר:

הײַל! (אָפּ).

אלע:

הײַל!

מאַן און ווײַב קוקן זיך פּילדײַטיק איבער און שווײַגן. זיי זעצן זיך אויף די פּעק.

עלסאַ:

האַנס, דאָס איז דאָס גליק, צו וועלכן דו האָסט אונדז געבראַכט אַהער פון אַזוי ווײַט?...

האַנס:

(האַלט דעם קאָפּ צווישן ביידע הענט און ענטפערט בייז, אַ צערודערטער) שווײַג דאָך, עלסאַ! שווײַג!

האַנס בייגט אויס דעם קאָפּ צו דער וואַנט און ער טרעפט זיך צונויף מיטן בליק פון ווילנער גאון, וואָסקוקט אַראָפּ מיט אַ שטאָלצן בליק. ער ציטערט אויף פון דער באַגעגעניש און ער מאַכט אַנשטרענגונגען צו באַהערשן זיך.

האַנס:

(צו עלסאַן) פאַרוואָס זעצסטו זיך נישט דאָ, בײַם טיש? אַזוי... (מיט אַ געמאַכטן קוראַזש זעצט ער זיך אויף אַ פאַטערשטול. אויך עלסאַ זעצט זיך אויף אַ בענקל בײַם טיש.) דאָס אַלץ, עלסאַ, איז אונדזער! דאָס איז אונדזער הויז, אונדזער היים. דאָ וועלן מיר לעבן. דאָ!

עלסאַ:

יאָ, האַנס... מיר דאַרפן זיך נאָר אײַנלעבן. מיר זײַנען נאָך מיד פון וועג...

גרעטכען:

(קומט צו צו עלסאַן) מוטער, דאָ האָבן זיי אַמאָל געלעבט, די ייִדן? פאַרוואָס זײַנען זיי אַוועק?

עלסאַ:

לאָז מיך...

אדאָלף:

(קומט צו צו האַנסן מיט אַ ספר, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון דער ספרים־שאַפע) זע נאָר, פאָטער, ווי אויסטערליש, ווי קאָמיש עס קוקט אויס די שריפט פון די ייִדן. דאָ קען מען דאָך גאָרנישט לייענען... זע!

האַנס:

גענוג שוין מיט די פאַרפלוכטע ייִדן! (כאַפּט דאָס ספר און גיט עס אַ שלײַדער אויף דער פּאָדלאָגע) צום טײַוול מיט זיי! אויס ייִדן. אויס. דאָס אַלץ איז אונדזערס! דײַטש פאַרמעגן! דאָס אַלץ איז דײַטשער באָדן! הערסט, אַדאָלף! (נעמט אים אַן מיט אַזאַ כּוח פאַר דער האַנט, אַז דאָס ייִנגל בייגט זיך אין דרײַען). דאָ וועלן מיר אײַנפלאַנצן דעם דײַטשן, גערמאַנישן גײַסט... גענוג מיט די ייִדן!

פון קלייט הערט זיך דאָס טרויעריקע מיאַוקען פון אַ קאַץ. דאָס מיאַוקען ווערט וואָס אַ מאָל העכער, פאַרצווייפלענדיקער, ווי אַ מענטשלעכער געוויין. זיי הערן זיך אײַן מיט שרעק.

גרעטכען:

(טוליעט זיך צו עלסאַן) מוטער, מיך שרעקט די קאַץ.

עלסאַ:

האַנס, פאַרטרײַב די יודן־קאַץ!

האַנס:

קוקט זיך אַרום אין צימער און כאַפּט אַ לײַסט פון דער פּאָדלאָגע און לאָזט זיך מיט אַ „דאָנער וועטער" צו דער טיר. ער טרעפט זיך צונויף מיטן בליק פון ווילנער גאונס אַ בילד. ער בלײַבט שטיין אַ ווײַלע אַ דערשראָקענער, אַן אַנמעכטיקער.

עס פּראַלט זיך אויף די טיר און עס קומט אַרײַן הירש־בער מיט אַ תהילימל אין האַנט. אַלע בלײַבן געפּלעפט פון דעם אומדערוואַרטן וויזיט.

הירש־בער:

...גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע, כי אתה עמדי, שבטך ומשענתך המה ינחמני...

עלסאַ מיט די קינדער ציִען זיך צוריק דערשראָקענע.

האַנס:

(ציט אַרויס אַ רעוואָלווער און כאַפּט אַן הירש־בערן פאַרן נאַקן) וואָס טוסטו דאָ, פאַרפלוכטער יודע?

הירש־בער:

(זעט נישט וואָס עס טוט זיך אַרום אים. ער באַטאַנט די ווערטער) כי אתה עמדי...

האַנס:

אַ צעדולטער ייִד. דער טײַוול ווייסט אים פון וואַנען ער קומט אַהער. ווער ביסטו, זאָג, פאַרשאָלטענער!

הירש־בער:

אברהם אבינוס אַן אייניקל... אם כי אלך בגיא צלמות לא אירא...

עלסאַ:

זעסט דאָך — אַ צעדרייטער. וואָס וועסטו מיט אים מאַכן?

האנס:

(טראכט א ווײַלע) דערלאַנגט מיר א שטריק, וועל איך אים אוועקפירן צום קאָמיסאר. פאר יעדן לעבעדיקן ייִד, וואָס מ׳ברענגט אים, באַקומט מען צוויי קילאָ צוקער.

די קינדער טראָגן אים אונטער א שטריק און ער טוט אים אָן ווי א פעטליע הירש־בערן איבערן האַלדז און בינדט אים צו צו דער טיר.

הירש־בער:

(מאַכט זיך נישט קײַן ווערן פון דעם אַלעם און זאָגט ווײַטער פּסוקים פון תהלים) אליך ה׳ נפשי אשא... ראה עניי ועמלי ושא לכל חטאותי. ראה אובי .כי רבו ושנאת חמס שנאוני... (מיט דער האַנט מאַכט ער זיך א ביסל לויזער דעם שטריק, וואָס דריקט זײַן האַלדז).

עלסאַ און האַנס שמועסן שטילערהייט צווישן זיך בשעת די קינדער באַטראַכטן אים מיט נײַגעריקײַט.

גרעטכען:

צום ערשטן מאָל, אַז איך זע א לעבעדיקן ייִד. אָט אַזוי זעט ער טאַקע אויס? אין גאַנצן אַנדערש ווי אויף די בילדער...

אַדאָלף:

ער האָט צוויי אויגן און א נאָז. א מענטשלעך פּנים.

גרעטכען:

און די טײַוולשע הערנער, וווּ האָט ער?

אַדאָלף:

(צו האַנסן) וועסט .אים שיסן, פּאַטער?

גרעטכען:

יאָ, דערשיס אים, דערשיס אים!

האַנס:

מיט פאַרגעניגן וואָלט איך אײַך געוויזן דעם ספּעקטאַקל. נאָר ס׳איז א שאָד די קוילן .און אויך די צוקער, די צוויי קילאָ צוקער, וואָס דער קאָמיסאר וועט מיר פאַר אים געבן...

עלסאַ:

איז ער נישט איינער פון די אַמאָליקע אײַנוווינער פון דער .שטוב?

האַנס:

דער טײַוול ווייסט אים! אָט וועל איך אים אוועקפירן (נעמט אים אָן פאַר דער שטריק ברוטאַל) קום, גיכער!

הירש־בער:

שמרה נפשי והצילני... פדה אלהים את ישראל מכל צרותיו...

פאָרהאַנג

פינפטע בילד

אזוי ווי אין בילד פיר. עלסאַ איז באַשעפטיקט בײַם אויספּאַקן די זאַכן פון די וואַליזקעס. אייניקע ליגן נאָך אומבאַרירט. פאַרנאַכט.

עלסאַ:

אַלץ איז צעקנייטשט, רויִנירט פון אַזאַ ווײַטן וועג. טויזנטער קילאָמעטערס האָבן מיר זיך געשלעפּט צו דעם גליק... עפּעס זאַמט ער זיך אַזוי לאַנג, האַנס. ס'איז שוין באַלד טונקל און ער ווײַזט זיך נאָך אַלץ נישט... ס'איז אַ גאַ פאַר צו גיין אַליין אויף די פרעמדע וועגן אין דער פינצטער, אין אַזאַ בלאָ טע און שמוץ... איך קען זיך דאָס גאָרנישט פאָרשטעלן, ווי די לײַט האָבן דאָ געלעבט אין דער אָרעמקײַט און אָפּגעשטאַנענקײַט...

עס הערן זיך טריט. מ'קלאַפּט אָפּ די שיר. עס קומט אַרײַן האַנס. ער לייגט אַוועק דעם רוקזאַק אַ ליידיקן.

עלסאַ:

האַנס, אַזוי לאַנג האָסטו זיך געזאַמט. איך האָב שוין איבערגעטראַכט...

האַנס:

(ווײַזט איר אויפן ליידיקן רוקזאַק) כ'האָב גאָרנישט באַקומען. (טוט זיך אויס דאָס היטל און ס'לעדערנע רעקל). די פּוילישע שווײַגן, די פּויערים, זײַנען צו אונדז פײַנדלעך. שווער צונויפריידן זיך מיט זיי. ס'איז בײַ זיי גאָרנישט צו באַקומען. נישט אייער, נישט פּוטער, נישט קײַן מעל און נישט צומאָל אַ פּאָר קאַרטאָפל. די דײַטשע סאָלדאַטן, זאָגן זיי, האָבן אַלץ צוגענומען.

עלסאַ:

טאָ וואָס האָסטו בײַ זיי געטון אַזוי לאַנג?

האַנס:

דער קאָמיסאַר האָט מיך געטראָפן, האָט ער מיך צו זיך אַרײַנגערופן. מיט אַ גלעזל ראָם האָט ער מיך אויפגענומען. ער האָט זיך שטאַרק נאָכגעפרעגט אויף דיר. שוין אַ ביסל צו פיל... ווײַזט אויס, אַז דו ביסט אים געפעלן געוואָרן... און אויך דאָס האָט ער מיר געגעבן (ווײַקלט אויף דעם קאַרטאָן — היט־לערס אַ בילד).

עלסאַ:

אַך, דער פירער! ווי וווּנדערבאַר ער איז...

האַנס:

מיר וועלן עס אויפהענגען. ווּ זײַנען די קינדער?

עלסאַ:

(ווײַזט אויף אַ טיר) זיי שלאָפן. כ'האָב זיי געגעבן עפּעס עסן און געלייגט זיי שלאָפן. זיי זײַנען געווען אַזוי מיד. מ'דאַרף שוין עפּעס אָנצינדן, האַנס. מיר האָבן דאָך געהאַט ערגעץ ליכט.

האַנס:

יאָ...

גייט צו צו אַ וואַליזע, נעמט אַרויס פון דאָרט אַ פּעקל ליכט, צינדט אָן איינס און שטעלט עס אַרײַן אין אַ שבת-לײַכטער.

עלסאַ:

(קוקט זיך אַרום) ס'איז נאָך פינצטערער געוואָרן... בלויז שאָטנס אויף די ווענט... שרעקנדיקע שאָטנס. (דערנענטערט זיך צו האַנסן) ס'איז מיר אַזוי טרויעריק, האַנס... עפּעס ווילט זיך דאָ גאָר נישט דאָס אַלץ אויספּאַקן... וועלן מיר טאַקע דאָ... (דערזאָגט נישט דעם זאַץ).

האַנס:

איצט, עלסאַ, וועלן מיר זיך מוזן נעמען צו דער אַרבעט. מיר זײַנען דאָ אין דינסט פון דריטן רײַך... געדענק דאָס! פאַר אַלעם מוזן מיר זיך נעמען אויס-רייניקן די שפּורן פון די פאַרשאָלטענע ייִדן און פאַרוואַנדלען דאָס הויז אין אַן עכטע גערמאַנישע היים. יאָ, עלסאַ, מיר פאַנגען אָן...

ער נעמט אַ בענקל און רוקט עס צו צו דער וואַנט, ווּ עס הענגט דעם ווילנער גאונס בילד. שטעלט זיך אויפן בענקל אַראָפּצונעמען ס'בילד. אַ פוס פון בענקל דרייט זיך אויס און האַנס פאַלט מיט אַ קנאַק און ציט זיך אויס אויף דער פּאָדלאָגע.

עלסאַ:

(צאַפּלט אויף) האַנס! האַנס! (העלפט אים זיך אויפשטעלן) האָסטו זיך צע-קלאַפּט? זאָג...

האַנס:

גאָרנישט... נאָר דאָ, אין קני, האָב איך געכאַפּט אַ קלאַפּ.

עלסאַ:

רוקט אים אַרויף די הויז ביז איבער די קני און רײַבט, מאַסאַזשירט אים דאָס אָרט פון קלאַפּ.

אָט וועל איך דיר מאַכן אַ קאַלטן קאָמפּרעס.

זי ברענגט אַ נאַס האַנטוך, וויקלט עס אים אַרום אויף דער קני און פאַרבינדט.

אינאיינעם

האנס:

שטייט אויף און הינקט א ביסל אונטער.

פארפוילטע, דרעקישע בענקלעך האבן אונדז די יידן געלאזט א ירושה.

ער שטופט צו א צווייט בענקל צו דער וואנט און שטעלט ארויף א פוס, אבער עלסא לאזט אים נישט.

עלסא:

ניין, האנס, זאלסט נישט! איך שרעק זיך... עפעס א כישוף... פארשאלטן האבן זיי אונדז, די יידן...

האנס:

(ווערט זיך) נארישקייטן! מיר זיינען שטארקער פון זיי. ער, דער טייוול-שער יודע (ווייזט אויפן גאנס בילד) ווערסום דער פירער — ווער פון זיי ביי־דע וועט דען זיגן, מיינסטו?... כא-כא! (נעמט אראפ דאס בילד פון דער וואנט)

דא, אויף דעם ארט, וועט הענגען דעם פירערס בילד. נא, נעם! (דערלאנגט איר דאס אראפגענומענע בילד).

עלסא:

זי האלט די גאנצע צייט צו דאס בענקל. נעמט פון האנסן דעם גאנס בילד און שטעלט עס אוועק ביי דער וואנט. זי פילט זיך באלעסטיקט פון זיין בליק — קערט זי עס דערנאך אויס מיטן פנים צו דער וואנט.

אך, וואס פאר א שפין! (צעטרעט זי).

האנס:

נעמט אראפ די אנדערע בילדער און גיט זיי איבער עלסאן. גייט דערנאך אראפ פון בענקל און קלאפט זיך אפ די הענט ווי א זיגער.

עלסא:

(ווייזט אויף די בילדער) וואס וועלן מיר דערמיט מאכן?

האנס:

פארברענען! מיר וועלן דאך נישט מאכן קיין יידן־מוזיי. אין פייער ארייַן!

עלסא:

לאז, האנס... די געזיכטער פון די פרומע יידן שרעקן מיך... זיי זיינען דאך הייליקע לייט... האסטו געזען דאס שטרענגע געזיכט פון דעם אלטן ראַ־בינער? ער זאל נאר נישט ברענגען עפעס שלעכטס אויף אונדז...

האנס:

גענוג שוין מיט די נארישקייטן און אבערגלויבנס. (נעמט דאס בילד פון גאוז, באטראכט עס) די ראם און די שויב זיינען נאך גוט. דא וועל איך דעם פי־רערס בילד אריינפאסן.

מיט קוראַזש נעמט ער זיך אַרויסצודרייען דאָס בילד פון דער ראַם. פון אַ צו־שטאַרקן דרוק ווערט צעבראָכן די שויב. אַ גלאָז־שפּליטער טרעפט האַנסן אין האַנט און צעבלוטיקט זי.

עלסאַ:

שפּרינגט אויף אַ דערשראָקענע.

וואָס האָט פּאַסירט, האַנס?! פאַרשאָלטענע יודן! עפּעס אַ כּישוף...

האַנס:

שוין ווידער אַ כּישוף?... אַ ביסל בלוט נאָר... וואָס מאַכט עס?

עלסאַ:

אָבער אויך אויפן שטערן ביסטו דאָך צעקאַליעטשעט. גאָט מיינער! זע...

זי זוכט אויס צוויי סערוועטקעס און פאַרבינדט אים דעם שטערן און די האַנט.

האַנס:

נעמט אַרײַנפּאַסן אין דער ראַם דעם פּירערס בילד. פּאַרעט זיך אַזוי לאַנג ביז עס פּאַסט.

וווּנדערבאַר!

קריכט אַרויף אויפן בענקל און הענגט אויף דעם פּירערס בילד אויף דעם אָרט, וווּ עס איז געהאָנגען דעם גאָונס בילד.

נו, עלסאַ, ווער האָט געזיגט, דער דרעקישער יודע, צי אונדזער פּירער?...

עלסאַ:

נו, זיכער, אַז דער פּירער.

האַנס:

און איצט וועל איך נאָך עפּעס אויפהענגען, וואָס וועט אין גאַנצן פאַרטרײַבן די אַלע ראַבינערס און דעם יודן־גײַסט פון דאַנען. אָט וועסטו באַלד זען.

ער נעמט זוכן אין די וואַליזעס, ציט אַרויס אַ פּאַק מיט פּאַפּירן און בלעטערט צווישן די בילדער־אויכשניטן.

האַנס:

אָט איז עס! די בילדער!

איין בילד ווײַזט אַ יעגער, וואָס טראָגט פון יאַגד, פאַר די העלדזער, אַ שטוים געשאָסענע האָזן און פייגל. די יאַגד־הינט באַלעקן זיך מיט דעם בלוט, וואָס רינט פון זיי. דאָס צווייטע בילד, אַ רעפּראָדוקציע פון אַן אַלטן דײַטשן האָלצשניט, ווײַזט אַ בײַכיקן קוכער, וואָס שאַרפט אַ מעסער, מיט וועלכן ער גרייט זיך צו קוילען אַ ריזיקן חזיר, וואָס שטייט נעבן אים. האַנס קלאַפּט צו די בילדער פוןביידע זײַטן פון היטלערס פּאָרטרעט. מיט אַ טאָן און שטעל פון אַ זיגער.

און וואָס זאָגסטו איצט, עלסאַ? כאַ־כאַ־כאַ! (אויפגעהײַטערט) איצט זײַנען די ראַבינערס קאַפּוט! די בילדער וועלן פאַרטרײַבן דעם יודן־גײַסט, וואָס האָט זיך דאָ אײַנגעוואָרצלט אין דער שטוב זינט דורות. דאָס איז אַ זיג, עלסאַ,

און מיר זײַנען די זיגער! דאָס מעסער האָט געזיגט, פאַרשטייסט? דאָס איז זיג פון גערמאַנערטום איבער דעם ייִדנטום. הײַל היטלער!

איז דעם מאָמענט, ווי זיי שטייען מיט אויסגעשטרעקטע הענט פאַר דעם אָפּגע־האַלטענעם זיג, גליטשט זיך אַראָפּ היטלערס בילד פון דער פּרוכנעוואַטער וואַנט און פאַלט אַראָפּ מיט אַ קלאַפּ. אַלע ווערן דערשטוינט און גוואַלדיק דערשראָקן, ווי זיי וואָלטן דערפילט אַז אומזעבאַרע קראַפט, וואָס הויערט אין דעם הויז און שטעלט זיך זיי אַנטקעגן. האַנס און עלסאַ קוקן זיך איבער מיט שרעק. עס געדויערט אַ היפּשע ווײַלע ביז זיי קומען צו זיך פון דער איבערלעבונג.

עלסאַ:

דער ייִדישער גײַסט איז נאָך נישט באַזיגט... פון דער ערשטער מינוט אָן, זינט מיר האָבן אַריבערגעטראָטן די שוועל פון דעם הויז, זאָגט מיר דאָס האַרץ פאַר עפּעס שלעכטס. זיי (זי ווײַזט אויף די אַראָפּגענומענע ייִדישע בילדער) וועלן נאָך ברענגען אויף אונדז אַן אומגליק.

האַנס:

אָבער, עלסאַ, זײַ דאָך נישט אַזוי דערשראָקן. דאָס זײַנען אַלץ נאַרישקײַטן, אַבערגלויבענישן... (הייבט אויף דעם פּירערס בילד) זעסט, מיטן טשוואָק איז עס אַרויסגעפאַלן. די וואַנט איז אַלט, צעפוילט, פּרוכנע. מיט מײַן פינגער קען איך זי דורכלעכערן. און ד ו זעסט אין דעם גלײַך אַ צייכן פון דעם ייִדישן גאָט... דומהײַטן!

עלסאַ:

די פריערדיקע אײַנוווינער פון דעם הויז וועלן אונדז פאַרשילטן... אַ קללה, פיל איך, ליגט אויף דעם אַלעם...

האַנס:

די פריערדיקע אײַנוווינער פון דעם הויז — זײַנען נישטאָ מער. די געשטאַ־פּאָ האָט זיי מאַסנווײַז צעשאָסן. מיר קענען דאָ זײַן רויִק.

עלסאַ:

און מיר איז דאָ ענג... איך פיל אויף זיך די בייזע בליקן פון די פאַרטריבענע אײַנוווינער. פון אַלע ווענט, פון יעדן ווינקל קוקן זיי אַרוים מיט שרעק, מיט דראָונגען... איך שרעק זיך דאָ אַ טראָט צו שטעלן.

האַנס:

גענוג שוין, גענוג שוין! דאָס זײַנען נאָר אײַנבילדונגען פון דײַן שוואַכן גײַסט. מיר וועלן דאָס אַלץ בײַקומען. אונדזערע זיגרײַכע אַרמייען מאַרשירן פאָרויס. נאָך אַ מאָנאַט, און מיר בלײַבן די הערשער פון דער וועלט. מיר, דײַטשן, דאַרפן איצט זײַן שטאַרק און נישט לאָזן זיך באַהערשן פון אײַנ־רעדענישן.

עלסאַ:

נישט פאַר אונדזערע כוחות, האַנס, צו קעמפן קעגן די ייִדן. עפּעס אַ כישוף ליגט אין זיי. קוק... טויזנטער יאָרן, אַז זיי עקזיסטירן. מ'יאָגט זיי, מ'טרײַבט זיי, מ'הרגעט זיי און מ'האָט זיי נישט באַוויזן צו פאַרניכטן. ווען עס זאָל געלינגען זיי אויסצוראָטן אין אייראָפּע, בלײַבן זיי אין אַמעריקע. דערמאָנסטו זיך, האַנס, וויפל ייִדן עס זײַנען געווען אין פּאַרטאַ אַלעגרע און ווי גרויס עס איז זייער אײַנפלוס?

האַנס:

דער פירער וועט זיי אומעטום אויסראָטן און דער דײַטשער גײַסט וועט באַהערשן די וועלט.

העננט צוריק אויף דעם פירערס בילד.

עלסאַ:

אָבער, זע נאַר, האַנס, ווי קאָמיש דו זעסט אויס! מײַן וועלט־הערשער... ביסט דאָך באַנדאַזשירט פון קאָפּ ביז צו די פיס, גלײַך ווי דו וואָלסט נאַר־וואָס געקומען פון אָסט־פראָנט... דו, גרויסער העלד מײַנער... וועלט־באַזיגער...

האַנס:

(פילט זיך שטאַרק געטראָפן פון דער איראָניע) שווײַג, ייִדישקע! שווײַג בעסער!...

עלסאַ:

פון ווען אָן בין איך דיר אַ ייִדישקע?! וואָס רעדסטו, האַנס? ביסטו אַראָפּ פון זינען?!

האַנס:

דו שימפּסט און בײַסט ווי אַ פאַרפלוכטע ייִדישקע... הײַל היטלער!

עלסאַ:

ברעכט אויס אין אַ געוויין. ספּאַזמירט.

פון דרויסן הערט זיך דאָס געזאַנג:

הינטער יאַנקעלעס וויגעלע
שטייט אַ גאָלדן ציגעלע,
דאָס ציגעלע וועט פאָרן האַנדלען,
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען...

פאָרהאַנג

זעקסטע בילד

א שלאפצימער אין אן אלטער יידישער היים. צוויי בעטן מיט א סך קישנס און בעט־געוואנט, הימל־בעטן. אין א זייט — א געלעגער פאר די קינדער. אויף דער צווייטער זייט — אן אלטער קופערט. אן אלטפרענקישער וואנט־זייגער מיט א לאנגן אומרו. שפעט ביינאכט. עס הערט זיך א געבילעריי פון הינט און דאס שרעקלעכע מיאוקען פון א קאץ. די בינע איז אין גאנצן פינצטער. עס הערט זיך א שטיל־שטיל כאראל געזאנג, ווי א שעפטשען.

שטים:

קומען וועט נאך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
ס'וועט א פויק טאן אונדזער טראט: מיר זיינען דא!

די קאץ מיאוקעט אן אויפהער.

עלסא:

האנס, שלאפסט?

האנס:

ניין.

עלסא:

די קאץ לאזט נישט קיין אויג צומאכן. הער נאר, ווי שרעקלעך זי מיאוקעט דארטן הינטערן פענצטער.

האנס:

איך האב זי שוין עטלעכע מאל פארטריבן, אבער זי קומט אלץ צוריק.

עס הערט זיך כסדר דאס מיאוקען, אזוי ווי דאס געוויין פון א מענטש.

עלסא:

האנס, איך בעט דיך. גיי און טרייב אוועק דאס פארשאלטענע באשעפעניש...

האנס:

ציינדט אן ליכט, נעמט עפעס אויף זיך און גייט ארויס. זאמט זיך א ווײלע און קומט צוריק.

נו, זי וועט שוין מער נישט מיאוקען... (לייגט זיך צוריק).

פויזע. עס הערן זיך טריט דרויסן, הינטערן פענצטער און דאס שטילע געזאנג.

שטים:

קומען װעט נאָך אונדזער אױסגעבענקטע שעה,
עס װעט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט: מיר זײַנען דאָ!

האַנס:

כאַפּט זיך אויף אַ דערשראָקענער.

עלסאַ:

װאָס איז, האַנס?

האַנס:

הערסט? טריט... דער קאָמיסאַר האָט מיר אױפמערקזאַם געמאַכט, אַז עס װאַנדערן אַרום פּאַרטיזאַנער אין דער געגנט.

עלסאַ:

פּאַרטיזאַנער?... אַך, װי שרעקלעך!...

האַנס:

ציט אַרויס אַ רעװאָלװער פון אונטערן קישן און לאָזט זיך אַראָפּ פון בעט.

עלסאַ:

(פּאַרלױפט אים דעם װעג) אָבער, האַנס, באַזין זיך, װאָס דו גײט טון... בלײַב! גײ נישט!!

האַנס:

באַפרײַט זיך פון איר. גײט צו צו דער טיר, עפנט זי אויף און שיסט אַרײַן עטלעכע מאָל אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט. ער פאַרמאַכט גלײַך די טיר, אַ דערשראָקענער און צעטראָגענער.

עלסאַ:

(מיט בײדע הענט אויפן קאָפּ, פאַרצװייפלט) צו װאָס האָבן מיר דאָס געדאַרפט?...

פון די שאָטן װעקן זיך איבער די קינדער, דערשראָקענע.

קינדער:

װאָס פּאַסירט, מוטער? עס קומען די רוסן, די ייִדן?

עלסאַ:

ס'איז גאָרנישט. שלאָפט! (דעקט זײ אײַן).

זײ לעשן אויס דאָס ליכט און לײגן זיך צוריק. פון דרויסן הערט זיך װידער דאָס געזאַנג, װי אַ שעפּטשען.

שטים:

קומען װעט נאָך אונדזער אױסגעבענקטע שעה,
עס װעט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט: מיר זײַנען דאָ!

װידער הערט זיך דאָס מיאַוקען פון אַ קאַץ.

האַנס:

װאָס געשעט דאָך? װיפל קעץ זײַנען דאָ פאַראַן? איך האָב ערשט דערהרגעט אײנע, און אָט — װידער אַ מיאַוקערײַ...

עלסאַ:

דאָס מיאוּקען, האַנס, באַאומרויִקט מיך מערער פון די פּאַרטיזאַנער. מיר ווײַזט זיך אויס, אַז איך הער אין דעם מיאוּקען דאָס געוויין פון די פאַר־טריבענע און אומגעבראַכטע ייִדן...

נאָך אַ פּויזע. עלסאַ דרייט זיך אויפן געלעגער און קרעכצט.

האַנס:

עלסאַ, פאַרוואָס שלאָפסטו נישט?

עלסאַ:

דו שלאָפסט דאָך אויך נישט.

האַנס:

איך פיל אַ בײַסעניש איבערן קערפּער. (צינדט אַן ליכט) אהא, דאָס זײַנען די וואַנצן, וואָס די ייִדן האָבן אונדז איבערגעלאָזט. מ׳וועט זיי דאַרפן גוט אויסברענען.

עלסאַ:

מיך לאָזן די וואַנצן יאָ צו רו, נאָר איך פיל, ווי דאָס גאַנצע לײַב ברענט מיר פון יעדן באַריר מיטן בעטגעוואַנט... פרעמדע פּערינעס, פרעמדע קישנס — זיי בריִען מײַן לײַב. איך שוידער אויף...

האַנס:

דו מוזסט זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל צוגעוווינען, אַז דאָס איז ניט פרעמדס, נאָר אייגנס... אונדזער אייגנס! דו דאַרפסט נאָר זיך צוגעוווינען צום גע־דאַנק, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן נאָר פאַר אונדז, פאַר דעם דײַטשן פאָלק, דאַן וועלן שוין די אַלע אײַנבילדונגען דײַנע פאַרשווינדן.

עלסאַ:

אָבער, האַנס, און וואָס וועט זײַן מיט אַלע אַנדערע פעלקער? האָבן זיי דען נישט קיין רעכט צו עקזיסטירן, פּונקט ווי מיר?

האַנס:

(נאָך אַ פּויזע) ווייסט, עלסאַ, עפּעס געפעלט מיר נישט דײַן צופיל רחמנות... עפּעס צופיל גערעכטיקייט מאָנסטו... דאָס וועקט בײַ מיר אַ פאַרדאַכט...

עלסאַ:

אַז וואָס? זאָג!

האַנס:

אויף דײַן דײַטשן אָפּשטאַם... מ׳וואָלט געדאַרפט אַ בלעטער-טון אין די אַר־כיוון פון דײַנע זיידעס און באָבעס...

עלסאַ:

און ווען דו וואָלסט, אַ שטייגער, געוווּיר־געוואָרן, אַז מײַנע אַ באָבע איז טאַ־קע געווען אַ ייִדישקע?...

האַנס:

(פּויזע) דעמאָלט... וואָלט די זאַך געוואָרן גאַנץ ערנסט... ווי אַ געטרײַער היט־לעריסט, ווייסטו גוט, ווי איך וואָלט געדאַרפֿט האַנדלען...

עלסאַ:

ווי וואָלסטו געהאַנדלט?

האַנס:

צי מיך בעסער נישט פֿאַר דער צונג... (לעשט האַסטיק אויס דאָס ליכט).

די שטילקייט ווערט נאָר איבערגעריסן פֿון דעם ריטמישן טיק־טאַק פֿון זייגער. עלסאַ פּלאָנטערט זיך אַרויס פֿון דער פֿעריגע און גייט אַראָפּ פֿון בעט.

האַנס:

עלסאַ? עלסאַ? וווּהין גייסטו? (צינדט אָן ליכט).

עלסאַ:

אָט קום איך שוין.

זי נעמט אַ בענקל און קריכט אַרויף צום זייגער. זי וויל עפֿענען דאָס טירל, אָבער דער גאַנצער זייגער קראַכט אַראָפּ. עלסאַ כאַפּט זיך פֿאַרן קאָפּ.

האַנס:

ביסט פֿאַררוקט, עלסאַ...

עלסאַ:

כ׳האָב אים געוואָלט אָפּשטעלן. ס׳איז געווען פֿאַר מיר אומדערטרעגלעך דער פֿרעמדער טיק־טאַק פֿון דעם זייגער, וואָס דערציילט פֿון אַ פֿרעמדער און בייזער וועלט... דאָס האָט מיך געשראָקן און געפּײַניקט. ווי אַ קללה האָט געקלונגען אין מײַנע אויערן זײַן מאָנאָטאָנער און טרויעריקער ריטם... כ׳האָב עס מער נישט געקאָנט...

עלסאַ וואַרפֿט זיך אויפֿן בעט און וויינט. ספּאַזמירט. די קינדער וועקן זיך איבער. האַנס פֿילט זיך אומבאַהאָלפֿן, פֿאַרלוירן.

קינדער:

(לויפֿן צו צו עלסאַס בעט) וואָס פּאַסירט, מוטער? וואָס?...

האַנס:

(שטייט איבער עלסאַן און באַרויִקט זי) אָבער, עלסאַ... עלסאַ... עלסאַ...

עלסאַ:

(מיט ספּאַזמעס) צו וואָס, נאָך וואָס, האַנס, האָבן מיר דאָס געדאַרפֿט? וואָס

פאַר אַ צוקונפט דערוואַרט אונדז דאָ?... לאָמיר, האַנס, אַוועק פון דאַנען, ווײַל ס'איז נאָך צײַט...

האַנס:

וואָס רעדסטו, עלסאַ?! עלסאַ...

די קינדער שטייען דערשראָקענע און ציטערן פון קעלט.

עלסאַ:

יאָ, האַנס, אַוועק פון דעם פאַרשאָלטענעם אָרט! וואָס גיכער אַוועק! מײַן האַרץ זאָגט מיר פאַר עפּעס אַן אומגליק. ס'איז מיר דאָ ענג. איך ווער דער־שטיקט אין דער פאַרשאָלטענער יודן־היים. כ'וויל נישט און קאָן נישט לעבן אין אַ סינאַגאָגע!... (צעוויינט זיך).

האַנס:

אָבער, עלסאַ... עלסאַ... באַרויִק דיך!

עלסאַ:

עס שוידערט און שרעקט מיך דאָ יעדער טראָט. זע, זע... פון אַלע ווענט קוקן אַראָפּ בייזע, שטעכיקע בליקן, בלוטיקע אויגן פון ייִדישע דראָענדיקע גע־זיכטער. קיינמאָל אין מײַן לעבן האָב איך נישט ווען עס איז געזען די פּנימער, אָבער איך פיל, אַז זיי זײַנען דאָ... זיי פּענטען מײַנע טריט און באַשווערן מײַן נעמים. (שטייט אויף און נעמט אויף זיך אַ קאָלדרע) קום, האַנס, קומט...

קינדער:

וווּהין גייען מיר?

האַנס:

עלסאַ, עלסאַ! (נעמט זי אַרום) אָט וועסטו זען... די ייִדן האָבן דאָ באַהאַלטן אַ גרויס פאַרמעגן אין גאָלד, אויסלענדישע וואַליוטע... מיר וועלן דאָס אויס־זוכן. דער קאָמיסאַר זעלבסט האָט אונדז דאָס באַפוילן. לאָמיר זוכן. אָט טאַקע שוין...

קינדער:

אויך מיר, פאָטער, וועלן העלפן זוכן דאָס באַהאַלטענע ייִדישע גאָלד?

האַנס:

יאָ. אַלע וועלן מיר זוכן!

האַנס נעמט אַרויס אַ פּעקל ליכט, צינדט זיי אָן און טיילט אַלעמען אײַן. אין די נאַכט־העמדער לאָזן זיי זיך אין אַ פּראָצעסיע איבער דער שטוב, אין גייען נאָך די פאַרבאַהאַלטענע ייִדישע אוצרות. זיי זוכן אין יעדן שפּאַלט, אין יעדן מויזן־לאָך. זיי הייבן אויף אונטער די צעפוילטע ברעטער פון דער פּאָדלאָגע. זיי בלײַבן אַנטוישט פון גאָרנישט געפינען.

האַנס:

נאָר נישט אָפּשטיין! זוכן, שטרענג זוכן!

די קינדער שטויסן זיך אָן אויף אַ פאַרשטויבטן אַפּיקומן־מצהלע, וואָס איז נעבן האַנגעז איבערן בעט.

קינדער:

זע, פאָטער! אַ שטיק גאָלד!

האַנס־עלסאַ:

(כאַפּן עס פון זייערע הענט און עס צעפאַלט זיך). דרעק, נישט גאָלד. (זיי שלײַדערן עס אויף דרערד).

האַנס:

שטויסט זיך אָן אויף דער מזוזה, וואָס איז אײַנגעפּעסטיקט אין אַ בלעכענעם פּושקעלע און ער דערפרייט זיך.

אָט איז עס! אַלע אַהער!

אַלע לויפן צו. מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם רײַסט ער אַראָפּ דאָס מזוזה־פּושקעלע און ציט פון אינעווייניק אַרויס דעם פּאַרמעט. האַנס וויקלט עס אויף און קוקט אַרײַן. אַלע וואַרטן זיי מיט אָפענע מײַלער.

גיי און פאַרשטיי זיי די פאַרשאָלטענע יידן! ווידער עפּעס אַ יידישע מיס־טעריע! לויטער געהיימענישן. אָבער, דאָס באַהאַלטענע גאָלד, ווו איז?

(שלײַדערט די מזוזה מיט רציחה אַוועק).

אין די ווײַטערדיקע זוכענישן שלעפּן זיי אַרויס פון קופערט אַ זעקל מיט אַלט זיל־בערוואַרג. זיי שיטן עס אויס אויף דער פּאָדלאָגע. אַלע שטייען אַרום, אינטריגירט פון דעם געפונענעם אוצר. האַנס הייבט אויף אַ כוס. אליהו הנביאס כוס. אַן אַלטער, צעקנייטשטער זילבערנער בעכער מיט אַ פּוס און אַ טעצל. אויך אַן אַלטע בשמים־ביקס. זיי באַטראַכטן דאָס מיט גיריקײַט, וועגן און שאַצן די חפצים.

האַנס:

(וועגט עס אין דער האַנט) אפשר אַ קילאָ.

די קינדער באַוווּנדערן דעם געפונענעם אוצר.

קינדער:

זילבער! ריינער זילבער... זע, פייגעלעך! הירשן...

עלסאַ:

וויפל קען עס ווערט זײַן?

האַנס:

די זאַכן זײַנען זייער אַלט. זעלטענע אַנטיקן... אפשר נאָך פון ערשטן יידישן טעמפּל שטאַמען זיי. אַ פאַרמעגן!

עלסאַ:

איז דאָס דער גאַנצער אוצר, נאָך וועלכן מיר יאָגן זיך?

האַנס:

ער ליגט נאָך ערגעץ פאַרשטעקט, עלסאַ. די כיטרע יידן ווייסן גוט, ווו אויס־צובאַהאַלטן זייערע פאַרמעגנס...

א י נ א י י נ ע ם

עס הערן זיך טריט דרויסן. די טריט דערנענטערן זיך. אלע בלײַבן פארגליווערט און הערן זיך צו מיט אן אײַנגעהאלטענעם אטעם.

עלסא:

ווידער די פארטיזאנער?

די קינדער צעווייגען זיך און טוליען זיך צו די גרויסע.

האנס:

כאפט דעם רעוואלווער און לאזט זיך צו דער טיר. עלסא, א פארצווייפלטע, פארשטעלט אים דעם וועג און ראנגלט זיך מיט אים.

עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אריין הירש־בער.

אלע:

אט איז ער ווידער דא, דער צעדולטער ייִד!

האנס:

נישט צו גלייבן... איך האב דאך אליין געזען, ווי דער קאמיסאר האט אים מיט די אייגענע הענט דערשאסן. ווי איז דאס מעגלעך?!

הירש־בער:

מ'האט מיך שוין אסך מאל דערשאסן און געהאנגען און פארפײַניקט, און איך לעב... לא אירא רע... איך בין דער אייביקער ייִד, דער אייביק גערודפטער און צעבלוטיקטער ייִד, וואס קומט דערמאנען אײַך אין אײַער שלעכטס און פארדארבנקײַט. איר, פארשווועכער פון אונדזער ירושה... מיט א צעבלוטיקט הארץ און מיט א דורכגעשאסענעם מוח קום איך צו אײַך, פון קבר ארויס, אנזאגן די שעה פון נקמה. זי קומט...

זיי בלײַבן שטיין פארגליווערט.

פארהאנג

זיבעטע בילד

אין דער ביורא פון געשטאפא־קאמיסאר. היטלערס א גרויס בילד אויף דער וואנט און א מאפע פון דער געגנט. אויפן טיש — א טעלעפאן, פאפירן, שרייבגעצייג און א פלאש ראם מיט גלעזלעך. דער קאמיסאר פירט א טעלעפאנישן געשפרעך און אלע ווײַלע לײדיקט ער אויס א גלעזל.

קאמיסאר:

יאוואל, יאוואל! שטרענג זײַן מיט די פוילישע שווײַנען! צונעמען בײַ די פויערים וואס נאר עס לאזט זיך. יא, יא... ריכטיק געהאנדלט! אויסגעצייכנט! האלטן אויג אויף די נײַ־באזעצטע דויטשן... צי זיי האבן נישט געפונען באַ־האלטענע ייִדישע פארמעגנס. איבערהויפט — גאלד, ווערטשטיינער און אויסלענדישע וואליוטעס. פארשטאנען? אך זא... יא? ברענג דאס גלײַך צו מיר. הײַנט נאכמיטיק. אומבאדינגט! הײַל! (מאכט עטלעכע כוסות).

עס קומט א סאלדאט.

סאלדאט:

הײַל! א פאלקס-דויטש.

קאמיסאר:

זאל ער ארײַן! (סאלדאט אפ) דאס ברענגט ער זיכער א פארציע גאלד. גוט... (רײַבט זיך די הענט, פון צופרידנקײַט. פײַפט זיך אונטער).

עס קומט ארײַן האנס.

האנס:

הײַל!

קאמיסאר:

הײַל! וואס ברענגט דיך דא אהער אזוי פרי? (מישט צווישן די פאפירן אויפן טיש) יא, וואס מאכט דײַן ווײַבל? א בילד־שיינע פרוי... האסטו עפעס געפונען דארטן פון דעם באהאלטענעם ייִדישן פארמעגן? נו, לייג עס ארויס! וואס װארטסטו?

האַנס:

איך האָב גאָרנישט געפונען, הער קאָמיסאַר...

קאָמיסאַר:

ווי קען דאָס זײַן?! דער ייִד איז געווען דער רײַכסטער געשעפטסמאַן פון דער געגנט. דער פאָרזיצער פון דער ייִדן-געמײַנדע. ער האָט אין זײַן שטוב זי־כער אַ גרויס פאַרמעגן באַהאַלטן. האָסטו נישט געזוכט?

האַנס:

יאָ. שטאַרק געזוכט. אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר געזוכט. אפילו די ברעטער פון דיל אויפגעהויבן. אָבער אויסער וואַנצן און אַן אַלטן צעקנייטשטן רי־טועלן בעכער האָבן מיר גאָרנישט געפונען.

קאָמיסאַר:

זאָ... הייסט עס, ווילסטו דאָס געפונענע פאַרמעגן אויסבאַהאַלטן פון דריטן רײַך...

האַנס:

הער קאָמיסאַר... קיין שום פאַרמעגן...

קאָמיסאַר:

ליגנערסטו! דאָס וועלן מיר נאָך זען... וואָס פאַרלאַנגסטו איצט?

האַנס:

מיר האָבן קיין שפּײַז. די פּויערים ווילן אונדז גאָרנישט פאַרקויפן.

קאָמיסאַר:

איך וועל אַרויסשיקן געשטאַפּאָ־פּאַטרולן אין די אַרומיקע דערפער, צו די פּוילישע שווײַנען. דאָס איז אַלץ? (מאַכט אַ כוסה).

האַנס:

(אומדרײַסט) מיר קענען דאָ מער נישט זײַן...

קאָמיסאַר:

ציט זיך אויס אויף זײַן שטול, פאַררויכערט אַ ציגאַר און הערט אים אויס מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל.

האַנס:

עפּעס אַ כישוף... אַ קללה רוט אויף דעם הויז, וואָס איז מער ענלעך צו אַ סינאַגאָגע... מיר זײַנען אומבאַהאָלפן אויסצורוימען די ייִדישע שפּורן פון דעם הויז... מיר האָבן דאָ קיין רו נישט... מיר שטיקן זיך... גאַנצע נעכט שלאָפן מיר נישט... יעדער שאָרך שרעקט און דערמאָנט אין עפּעס אומפאַר־מײַדלעכס... מײַן עלסאַ איז קראַנק... די קינדער האָבן מורא צו באַוועגן זיך... אַ טרויער, אַ קללה האָט זיך געלייגט אויף אונדז, זינט מיר האָבן אַריבערגע־טראָטן די שוועל פון דעם פאַרשאָלטענעם יודן־הויז...

קאָמיסאַר:

(נישט בײַטנדיק זײַן פּאָזיציע) קאָנקרעט, װאָס װילסטו?

האַנס:

אַװעק פון דאַנען...

קאָמיסאַר:

(שטייט אויף און שטעלט זיך אַװעק פאַר האַנסן, אַ שטײַפער) אַװעק... פון דאַנען, זײַ װיסן, איז דאָ נאָר איין װעג פאַר דיר: אין קאָנצענטראַציע־לאַגער!

האַנס:

(מיט אַ צעבראָכענעם געמיט) אָבער, הער קאָמיסאַר...

קאָמיסאַר:

קאָנצענטראַציע־לאַגער! דו ביסט דאָ אין דינסט פון דריטן רײַך, אין דינסט פון אונדזער פירער! פאַרשטאַנען? די פאַרייִדישטע אַמעריקע האָט פאַרסמט דײַן דײַטשן גײַסט... װױסקי װילט זיך דיר... פרײַהײַט...

האַנס:

אָבער...

קאָמיסאַר:

האַק זיך אַרויס פון קאָפּ די דומהײַטן! די ייִדן האָבן דאָ געלעבט הונדערטער יאָרן אין די רײַכע געגנטן פון װײַץ און צוקער־בוראַקעס, און זײַנען רײַך געװאָרן. מיר האָבן זיי, די פיל טױזנטער ייִדן פון די אַלע שטעטלעך פאַרטריבן און צעשאָסן, אויף פרײַ צו מאַכן דאָס אָרט פאַר אײַך, פאַר אונדז — פאַרן דריטן רײַך. דו ביסט דאָ אין דינסט פון פירער. גענוג מיט די דומהײַטן! אָפּ! מאַרש! הײַל!

האַנס:

אַ צעבראָכענער גייט ער אַרויס.

קאָמיסאַר:

(שרײַט אים נאָך) מיר װעלן נאָך זען, װי דו האָסט פאַרשטעקט דאָס ייִדישע גאָלד־פאַרמעגן... דו, אַמעריקאַנער פויגל, װעסט נאָך ביי מיר פאַרפוילט װערן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער!

פאָרהאַנג

אכטע בילד

אזוי ווי אין פינפטן בילד. אוונט. די קינדער שפּילן זיך און זײַנען פּארטון מיט אַ שטיק פון אַ מצבה, אויף וועלכן מ'זעט די הענט פון אַ כהן בשעתן דוכנען. עלסאַ זיצט בײַם טיש און נייט.

האַנס:

(זיצט בײַם טיש, אנגעשכורט, אַ באַזארגטער) וואָס וועט זײַן, עלסאַ, מיט די פּעק? מ'דאַרף דאָס אַלץ אויספּאַקן.

עלסאַ:

די הענט לייגן זיך נישט, האַנס.

האַנס:

פארפאַלן. מיר מוזן דאָ בלײַבן, עלסאַ. נישטאָ קיין אַנדערער אויסוועג.

עלסאַ:

האָסט גערעדט מיטן קאָמיסאַר?

האַנס:

גערעדט.

עלסאַ:

וואָס זאָגט ער?

האַנס:

ער זאָגט... אַז פון דאַנען האָבן מיר נאָר איין וועג: צום קאָנצענטראַציע־לאַגער...

עלסאַ:

און זײַנען מיר דען איצט נישט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער?... אונדזער לעבן איז דאָ אַזוי פּײַנלעך און אַזוי האָפענונגלאָז, ווי אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער...

האַנס:

שווײַגט. האַלט דעם קאָפּ צווישןביידע הענט.

קינדער:

מוטער, וואָס באַדײַטן די הענט, אַזוי, בײַ די ייִדן?

זיי מאַכן נאָך די פיגור פון די הענט אויף דער מצבה.

עלסאַ:

װוּ האָט איר דאָס געזען?

קינדער:

דאָ, אויף דעם שטײן.

עלסאַ:

(באַטראַכט דעם שטײן, אַ פאַרװוּנדערטע) װידער אַ ייִדישער אַנטיק! נאָך אַ מיס־טעריע! האָבן מיר דאָ נאָך װינציק ייִדישע סימבאָלן און קאַבאַליסטיק?... װוּ האָט איר דעם שטײן גענומען?

אַדאָלף:

דאָרט, דרױסן. אַ שטיק גאַס איז אױסגעפּלאַסטערט מיט די שטײנער. אַלע האָבן אַזעלכע קוריאָזע ייִדישע בוכשטאַבן און פיגורן. אַנדערע שטײנער האָבן פיגורן פון אונטערגעהאַקטע בײמער.

גרעטכען:

װאָס באַדײט דאָס, מוטער?

עלסאַ:

בין איך דען אַ ייִדישקע? װאָס װײס איך, װאָס פאַרשטײ איך פון דעם מיס־טעריעזן און פאַרשאָלטענעם פאָלק? האַנס, זע נאָר דו!

האַנס:

(גײט צו און חשק. באַטראַכט דעם שטײן) דאָס זײַנען שטײנער, מאָנומענטן פון ייִדישן בית־עולם. דער קאָמיסאַר האָט פאַראָרדנט מיט זײ אױסצופּלאַסטערן דעם מאַרק און אױסגלײַכן די קברים מיט דער ערד, עס זאָל דאָ נישט בלײַבן קײַן שפּור פון די פאַרשאָלטענע ייִדן.

עלסאַ:

װוּ מען גײט און װוּ מען שטײט — ייִדן און ייִדן! ס'איז גאָר אוממעגלעך צו באַפרײַען זיך פון זײ. מיט יעדן טאָג דערפילט מען אַלץ שטאַרקער די פון דאַנען פאַרטריבענע ייִדן... אַלץ רעדט דאָ מיט אַ פרעמדער, מיסטעריע־זער שפּראַך, װאָס באַאומרויִקט. כ'האָב דעם אײַנדרוק, האַנס, אַז עפּעס שלעכטס װעט דאָ מיט אונדז פּאַסירן... געדענק, האַנס...

האַנס:

זיצט בײַם טיש דערשלאָגן, גלאָצט אין שטוב אַרײַן.

עלסאַ:

איז שױן טאַקע נישטאָ קײַן האָפענונג, האַנס, אַז מיר זאָלן זיך קענען אַרױס־רײַסן פון דעם פאַרשאָלטענעם העק?

האַנס:

דאָס איז אָפּהענגיק פון קאָמיסאַר. אונדזער שיקזאַל ליגט איצט אין זײַנע הענט.

עלסאַ:

זע, האַנס, האַנס... וויפל מאָל איך האָב זיך בײַ דיר געבעטן, אַז מיר זאָלן נישט פאָרן... וואָס האָט אונדז געפעלט אין פּאָרטאָ אַלעגרע? דו האָסט גוט פאַרדינט, געהאַט אַ צוקונפט, אַ שיינע היים און מיר זײַנען פון אַלעמען געשעצט און געאַכטעט געוואָרן. און דאָ (פאַרצווייפלט) — וואָס דערוואַרט אונדז אין דעם פאַרשאָלטענעם מויזן־לאָך, אָן שפּייז, אָן אַרבעט, אָן פרײַנט און אָן אַטמאָספערע פון האָס און קללה?...

האַנס:

פון פּאָרטאָ אַלעגרע, ווייסטו גוט, האָב איך געמוזט אַוועק.

עלסאַ:

פאַרוואָס? ווער האָט דיך געצווּונגען?

האַנס:

צופיל ייִדן זײַנען דאָרט. כ׳קען זיי נישט פאַרטראָגן.

עלסאַ:

האָסט גאָרנישט דערלייגט צו זיי. די בעסטע אַרבעט האָבן דיר געגעבן די ייִדישע אונטערנעמער.

האַנס:

איך ווייס עס. אָבער, כ׳האָב זיי פײַנט. איך מוז זיי פײַנט האָבן. אַלס גוטער דײַטש און נאַצי מוז איך האַסן די ייִדן! ייִדנטום און גערמאַנערטום — דאָס שטאַרקײַט קעגן שוואַכן הומאַניזם. מעסער קעגן רחמנות... כ׳האָב געוואָלט לעבן אין אַ לאַנד, וואָס איז ייִדנריין, כאָטש אין אַ ייִדנריינער שטאָט...

עלסאַ:

און וואָס האָסטו דערמיט דערגרייכט? אָט לעבן מיר דאָך אין אַ ייִדנריינער געגנט — פלאָנטערן מיר זיך דאָ נישט אין אַ נעץ פון ייִדישקײַט? ייִדן זײַנען טאַקע דאָ נישטאָ, אָבער זייערע שפּורן פילט מען דאָ אויף שריט און טריט. עס פאַרפאָלגט אונדז דער פאַרשאָלטענער ייִדישער גײַסט. די וועלט איז, דאַכט זיך, פול מיט אים. עס האָלט שוין דערבײַ, אַז דו פאַרדעכטיקסט אויך מיך, אַז כ׳בין פון ייִדישן אָפּשטאַם...

האַנס:

האָסט זיך שוין ווידער צערעדט ווי אַ... מיט יעדן וואָרט דײַנעם מאַכסטו מיר אַ וווּנד. וואָס ווילסטו פון מיר, עלסאַ? וואָס פײַניקסטו מיך? זאָל איך אין ווײַסל אַרײַנשפּרינגען? ווילסט?

עלסאַ:

צעוויינט זיך.

די קינדער לויפן צו דערשראָקענע צו עלסאַן.

גרעטכען:

וואָס איז דיר, מוטער? וויין נישט...

אַדאָלף:

שרעק זיך נישט, מוטער. די רוסן וועלן נישט אַהערקומען.

עלסאַ:

(וואַכט מיט אַ מאָל אויף) איך האָב אַ געדאַנק.

האַנס:

פרעגט מיט אַ בויג פון קאָפּ, אַז ווערטער.

עלסאַ:

איך... איך וועל גיין צום קאָמיסאַר... מעגלעך, אַז איך וועל דאָס ביי אים דערגרייכן...

האַנס:

נישט קיין שלעכטע אידייע... דער קאָמיסאַר איז אַ גרויסער ליבהאָבער פון ראָם און פון פרויען...

עלסאַ:

(דעצידירט) איך גיי, איך גיי...

עלסאַ גרייט זיך נערוועז צום גיין. זי ציט אויף זיך אַרויף אַן אַנדער קלייד און פוצט זיך קאָקעטיש פאַרן שפּיגל. באַגיסט זיך מיט קעלניש וואַסער. האַנס קוקט זיך צו אַ שווייגנדיקער.

עלסאַ:

אַט בין איך שוין פאַרטיק. ווי געפעל איך דיר, האַנס?

האַנס:

איך בין דאָך נישט דער קאָמיסאַר.

עלסאַ:

אָבער אַ מאַן ביסטו דאָך... גיב אַ קוק (דרייט זיך קאָקעטיש) קען איך נאָך געפעלן ווערן? זאָג!

האַנס:

ווייַזט אויס, אַז דו ביסט אים אַריין אין נאָז... עפּעס האָט ער זיך זייער נאָכגעפרעגט אויף דיר.

עלסאַ:

אויב אַזוי, איז גוט. וועל איך שוין מייַן זאַך דערגרייכן.

האַנס:

מיין אָבער נישט, אַז דער קאָמיסאַר איז אַזוי אויסגעהונגערט... עס פעלן אים דאָ נישט קיין קליידלעך...

עלסאַ:

איך קען זיך נאָך פאַרמעסטן מיט צען פוילישע שוויינען־מוידן, מיט די אויס־געדרייטע שפיציקע אָדלער־נעז!...

האַנס:

אויב אַזוי — גיי! מיט שטורעם לאָזט זיך פעסטונג איינעמען... נאָר האָרך מיר און טו אויס דאָס רויטע קלייד. דאָס וועט אים אָפּשרעקן. ער וועט מיי־נען, אַז ס'איז געקומען צו גאַסט צו אים די סאָוועטישע פאָן... טו דיר בעסער אָן ס'בלויע קליידל. יענע מאַכט דיך פולער, רונדיקער, ווייבלעכער...

עלסאַ:

וועל איך דיר פאָלגן. כ'ווייס, דו ביסט אַ מבין...

גייט אַרויס. אין אַ ווײַלע אַרום קומט זי צוריק אַן איבערגעטוענע שוין.

נו, וואָס זאָגסטו איצט צו מיר?...

האַנס:

יאָ... אַזוי זעסטו אויס ראָמאַנטישער, די אומשולד אַליין...

עלסאַ:

קעמט זיך די האָר פאַרן שפיגל.

עס קומט צו גרעטכען.

גרעטכען:

אָ, ווי שיין דו זעסט אויס, מוטער! ווי אַן אויסגעפּוצטע כלה זעסטו אויס... מוטער, וווּ גייסטו? וועסט מיך מיטנעמען? (וויקלט זיך אין דער מוטערס קלייד).

עלסאַ:

(נערוועז) לאָז מיך דאָך צו רו! איינגעגעסענע דו...

גרעטכען:

(צעוויינט זיך) נעם מיך מיט, מוטער! נעם מיך...

עלסאַ:

אַט גיי איך שוין!

האַנס:

איין מינוט נאָר. עפּעס פילט זיך פון דיר מיט שיף און מיט באַן־ריחות... (נעמט פון טיש אַ פלעשל מיט קעלניש וואַסער און באַשפּריצט זי). אַט אַזוי... נאָך אַ ביסל... דריי זיך אויס...

גרעטכען:

מיך אויך, מיך אויך, פאָטער! אַך, ווי עס שמעקט...

עלסאַ:

זײַ נישט אַזױ אַן אײַנגעגעסענע זאַך... (גײט צו דער טיר).

האַנס:

(באַגלײט זי) געדענק, עלסאַ, פֿון דײַן האַלטונג הענגט אָפּ אונדזער צוקונפֿט...

גרעטכען:

(לױפֿט נאָך מיט אַ געװײן) איך װיל מיטגײן... נעם מיך...

האַנס:

(רײסט זי אָפּ מיט כּוח פֿון דער טיר) זײַ רויִק! רויִק, זאָג איך דיר!

גרעטכען לײגט זיך אַ װײנענדיקע אױף די פּעק.

אַדאָלף:

(האָט די גאַנצע צײַט מיט נײַגעריקײַט זיך צוגעקוקט צו דער סצענע) װוּ איז זי אַװעק, די מוטער, אַזױ שפּעט?...

האַנס:

ענטפֿערט נישט.

אַדאָלף:

איז זי אַװעק עפּעס קױפֿן אָדער פֿאַרקױפֿן? ס'איז דאָך שױן פֿינצטער אין דרױסן...

האַנס:

(אױפֿגערעגט) נישט אַלץ דאַרפֿסטו װיסן! קינדער זאָלן זיך אין אַלעם מישן... הײַל היטלער!

פֿאָרהאַנג

ניינטע בילד

די סצענע ווי אין בילד אכט. גרעטכעו איינגעשלאפן אויף די פעק. האנס רייניקט
ביים טיש זיין פייקע.

אדאלף:

ס'איז קאלט. פאטער.

האנס:

יא. מיר וועלן דעם אויוון איינהייצן און א ביסל דערווארעמען די שטוב.

אדאלף:

ס'איז דאך גאר קיין האלץ נישטא. מיט וואס וועסטו איינהייצן?

האנס:

מיט זיי וועלן מיר איינהייצן (ווייזט אויף דער ספרים־שאנק). קום טאקע, העלף מיר זיי צוטראגן צום אויוון. וועק־אויף גרעטכען, וועט זי אויך העלפן.

אדאלף:

גרעטכען, גרעטכען, שטיי אויף!

גרעטכען:

די מוטער איז שוין געקומען?

אדאלף:

ניין. שא... (ווייזט מיט דער האנט אויפן פאטער) מ'וועט איינהייצן דעם אויוון מיט די יידישע געבעט־ביכער. ס'וועט ווערן פריילעך און ווארעם... קום, וועסטו העלפן זיי צוטראגן צום אויוון. א פולע שאנק מיט ביכער!

זיי נעמען זיך מיט ענטוזיאזם צו דער ארבעט. זיי שלעפן ארויס גאנצע שטויסן ספרים צום אויוון צו. א כך ספרים, באזונדער די פון ווילנער ש"ס, זיינען איינגע־בונדן אין לעדער. האנס מאכט פייער און הייבט אן ארייַנצווארפן די ספרים אין אויוון אריין. ער רייסט פון זיי פריער אראפ די טאוולען מיט די לעדערנע רוקנס.

האנס:

(בשעת מעשה זוכט ער אין די כפרים, בלעטערט אין זיי און געפינט צווישן די בלעטער בינטלעך האר) אנשטאט אויסלענדישע וואליוטעס געפין איך גאר לייזיקע האר פון יידישע פארלייזטע בערד...

אדאלף און גרעטכען:

(קוקן אריין אין איינעם פון די ספרים) ווי קאמיש עס איז די שריפט! ווי מיס־טעריעז! די בלעטער זיינען געל און אלט, און דערצו זיינען זיי נאך פאר־פלעקט, ווי פון טרערן... פאטער, זיינען דאס אלע יידישע געבעט־ביכער?

האנס:

דער טייוול ווייסט זיי, די פארשאלטענע אומה!

זיי זיינען אריינגעטון אין דער ארבעט פון פארברענען די ספרים און קוויקן זיך מיט דער ווארעמקייט. אדאלף און גרעטכען ברענגען כסדר צו נאך און נאך. דער שטוים ווערט גארנישט קלענער. עס הערן זיך פון דרויסן טריט ביי דער טיר.

האנס:

אט קומט שוין די מוטער. עפעס צו א גיכער וויזיט...

עס עפנט זיך אויף די טיר און עס קומט אריין יונה, באגלייט פון נאך צוויי פארטיזאנער, מיט רעוואלווערן אין די הענט.

האנס:

בלייבט שטארק איבערגעראשט פון די אומגעריכטע געסט. ער פארלירט דאס לשון. די קינדער טוליען זיך צו אים, דערשראקענע.

ווער זייט איר, וואס קומט באאומרויקן א פרידלעכע דייטשע פאמיליע?

יונה:

(מיט איראניע) יא, א פרידלעכע דייטשע פאמיליע... און מיר? ווער זיינען מיר? מיר זייען מיליאנען... און אין זייער נאמען קומען מיר...

ביידע פארטיזאנער פארנעמען זיך מיט האנסן און לאזן אים נישט מאכן די קלענסטע באוועגונג. יונה קוקט זיך דערווייל ארום. ער דערזעט די ספרים ביים אויוון און דאס פייער.

יונה:

אוי וויי! אונדזערע ספרים!... אונדזער ירושה... אין פייער... (כאפט זיך פארן קאפ) גוואלד וואס טוט מען?... (בייגט זיך איין צום טירל פון אויוון און כאפט ארויס מיט די הענט ברענענדיקע טיילן פון די ספרים. ער בריט זיך אפ די פינגער און בלאזט אויף זיי, קילט זיי, און כאפט זיך באלד ווידער צו די ברענענדיקע ספרים) די תורה ברענט... די תורה אין פייער... יידישע אותיות הייליקע יידישע אותיות! אלץ אין פלאמען, אין פלאמען... (ציט ארויס א מעסער פון שטיוול און צעשארט, און לעשט דורך דעם איין דאס פייער אין אויוון) די תורה ווערט פאר־ברענט, און די אותיות שוועבן אין דער לופטן אן א תיקון... אותיות פורחות באויר... אויך איך בין אן ארויסגעריסן אות פון געשענדעטן, פארברענטן יידישן ספר... (קוקט זיך איין אין די אפגעלאשענע, האלב־פארברענטע בלעטער)

אוי, די תחינה! מײַן באָבעס תחינה, וואָס זי האָט געזאָגט פאַר ליכט־בענטשן... (לייענט) „...ווי די ליכט לײַכטן, אַזוי זאָל איך זוכה זײַ צו לײַכטן — אין דײַנע אויגן און אין לײַטישע אויגן. שלום עליכם, מלכה, שלום עליכם, כלה! העלף־זשע מיר, ליבער גאָט, אָננעמען דעם ליבן שבת־קודש, ווי אַ מלך — די מלכה, ווי אַ חתן — די כלה: אין שיינע קליידער און זיסע שפּײַז מיט שלום און פרייד. ווי די ליכט לײַכטן, אַזוי זאָלן לײַכטן מײַנע קינדערס אויגן אין דער תורה. אמן כן יהי רצון"... און די קינדערס אויגן ליגן איצט אויס־געלאָשענע, אויסגערונענע... און אָט זײַנען בלעטלעך פון מײַן מאַמעס טײַטש־חומש! (לייענט) „...און דײַן מוטער רחל האָב איך באַגראָבן אויף דעם פעלד, אויף דעם וועג ווו זי איז געשטאָרבן, און איך האָב זי נישט געטראָגן אין דער הייל בײַ די אַנדערע אבות; דו האָסט געווים אויף מיר פאַראיבל, אָבער זײַ וויסן, דאָס הקב"ה האָט מיר געהייסן, איך זאָל זי באַגראָבן אויף דעם וועג, דען ווען די ישראל וועלן לויפן אויס ירושלים אין גלות נבוזראדן, דאַן וועלן די ישראל קומען אויף דעם זעלביקן וועג, דאָ וועט רחל אויס איר קבר תפילה טון אויף די ישראל און הקב"ה וועט אָננעמען איר תפילה"... (פאַרטראַכט זיך אַ רגע) ווי זאָל איך דאָס אַריבערטראָגן? פון טאַטנס גמרות? ווילנער ש"ס... (קושט די פאַרסמאַליעטע בלעטלעך, שאַרט צונויף דאָס אַש פון די פאַרברענטע ספרים, צוזאַמען מיט די פאַרסמאַליעטע בלעטלעך און ווענדט זיך צו די פאַרטיזאַנער) צו קבר ישראל וועלן מיר עס ברענגען! ייִדישע הייליקײַטן... אייביקײַטן, וואָס מיר האָבן געגעבן דער וועלט, דער טריפהנער וועלט... אַ בראַנד, אַ בראַנד אויף אַזאַ וועלט! (צו האַנס) ווייסטו כאַטש, ווי שווער עס איז דײַן שענדונג?! מערדער! מערדער וואָס ווילן זײַן די יורשים... אַ מגפה אויף אײַך! (קלייבט אויף די ספרים פון דער פאַדלאָגע און לייגט זיי אַנידער אויפן טיש. קושט די ספרים מיט פאַרהייליקונג) טײַערע און הייליקע, געשענדעטע ייִדישע ספרים... טרערן און פּײַן פון דורות ייִדן טראָגט איר אין זיך. צווישן אײַערע געלע בלעטער האָט מײַן טאַטע, זיידע און עלטער־זיידע געזוכט אַ טרייסט, אַ זין פאַר זייערע לײַדן... און וואָס פאַר אַ סוף!.. די מערדער הייצן מיט אײַך דעם אויוון! גרעצס געשיכטע, מוסר־און השכלה־ספרים, מענדעלע און משניותן, פּרץ, ר' סעדיה גאון און ווילנער ש"ס... אַלע דורות פון דער ייִדי־שער געשיכטע זײַנען דאָ פאַרטראַטן... פאַר אַלע דער זעלביקער גורל... (באַמערקט אַ ספר, וואָס ציִנדט אים ווידער אַן מיט באַוווּנדערונג) דער מורה נבוכים! דער רמב"ם, דער גײַסטיקער אַריסטאָקראַט, וואָס האָט געגלויבט אין דער העכסטער קראַפט פון שכל... „שלטון השכל"... ווי קען מען מיטן שכל באַנע־מען אַזאַ פאַרברעכן? דאָ, אויפן שערבלאַט, האָט דער זיידע, און שפּעטער דער טאַטע מײַנער, פאַרשריבן די וויכטיקסטע געשעענישן פון אונדזער

משפחה... דער הייליקער פנקס פון אונדזער משפחה ליגט ביים אויוון פאר־ברע:ט צו ווערן...

1טער פארטיזאן:

יונה, נישט קיין צייט איצט פאר רעפלעקסיעס.

2טער פארטיזאן:

מיר מוזן האנדלען גיך מיט די מערדער!

יונה:

גערעכט, ברידער, גערעכט. געדענקט אבער, אז דאס איז מיין היים געווען, די היים פון מיין משפחה, אין פארלויף פון דורות. דאס איז אונדזער פארשוועכטע ירושה... יעדעס שטויבעלע רעדט צו מיינע געפילן, רופט ארויס דערהאינערונגען. מיין הארץ קלאפט דא גיך. אונטער דעם דאך... (יונה ווערט אויפגעטרייסלט, ווען ער דערזעט היטלערס בילד אויף דער וואנט) צענדלינגער יארן האט פון דעם ארט אראפגעקוקט דעם ווילנער גאונס בילד... ווי אן אייגענער האט ער זיך באטייליקט אין אלע געשעענישן פון אונדזער היים... איצט קומט ד ע ר מערדער און פאראומרייניקט דאס הייליקע ארט! (ער ציט ארויס א מעסער פון שטיוול און צעשניידט מיט רציחה היטלערס בילד און אויך די ארומיקע בילדער אויף שטיקער. מיט רציחה טרעט ער אויף די צעשניטענע בילדער) פארשוועכער און צינדער! אט אזוי!... מיסט, מיסט... טמאדיקע חזיר־ווורשטלעך... (גיט מיט א פוס א שלײַדער די צעשניטענע בילדער און טרעפט מיט זיי האנסן אין פרצוף אריין) נא, נעם, דאס איז דיין! דיינע געטער...

1טער פארטיזאן:

יונה, צום עיקר!

2טער פארטיזאן:

אזוי לאנג, ווי מיר ווארטן שוין אויף דעם מאמענט...

יונה:

יא. איצט — צום חשבון! פירט אים צו נענטער, דעם פארשוין! אויסדערווילטע ראסע...

האנס שפאנט ביי דער באגלייטונג פון די פארטיזאנער, א רעזיגנירטער. עס קלאמערן זיך אין אים אדאלף און גרעטכען.

יונה:

מערדער! קוק מיר גלייך אין די אויגן אריין! וואס טוסטו דא, אין מיין היים? ווי האסטו געוואגט צו פארשוועכן אונדזער היים, אונדזער הייליקע ירושה? ירשענען ביסטו געקומען, הא? מארדן און ירשענען? (כאפט אים אן פאר די לאצן און טרייסלט אים) מארדן און ירשענען! ירשענען...

האנס:

(שטאמלט) כ'בין אומשולדיק... דער פירער האט עם מיר א געשאנק...

יונה:

אומשולדיק, נעבעך.. טריפהנער, אומשולדיקער רויב־פויגל... היינט איז דער טאג פון נקמה. נקמה! איך קום מאנען חשבון פאר דער פארשוועכטער ירו־שה.. דיין גאנצע משפחה וועט באצאלן...

האנס:

מיר זיינען...

יונה:

שווייג! זאג מיר בעסער, ווו ס'איז דיין ווייב.

האנס:

אוועק צום קאמיסאר בעטן א דערלויבעניש אוועקצופארן פון דאנען.

יונה:

אזוי?... די מתּה געפעלט דיר נישט... נאר ס'איז שוין צו שפעט. די אנגע־פלויגענע רויב-פייגל וועלן מוזן דא בלייבן...

1טער פארטיזאן:

מאך עס בקיצור, יונה! מיר דארפן נאך היינט אפשטאטן עטלעכע וויזיטן...

2טער פארטיזאן:

וואס ווינציקער טענות מיט די מערדער. דערלאנג פייער!

יונה:

דער טויט איז די קלענסטע שטראף פאר אזעלכע בלוטיקע מערדער. באלד אין דער ערשטער נאכט, ווען זיי זיינען געקומען אהער, האב איך זיי געקאנט אפרוימען. יעדע נאכט בין איך געקומען אהער, הינטער די פענצטער. כ'האב זיך אבער באהערשט און געוואַרט, אז זיי זאלן פריער צעפייניקט און צע־פרעסן ווערן פון חרטה און שרעק. כ'האב געוואַרט, אז די ירושה אליין זאל נעמען נקמה... זיי זאלן דערפילן אויף זיך די שטעכיקע בליקן פון די דורות יידן, וואס האבן דא געלעבט, ביז זיי האבן זיך דא אריינגעריסן און פאר־שוועכט די הייליקע היים, די שבת-לייכטערס, דעם ספרים-אלמער און די ספרים — מיט דעם גערמאנישן מעסער, מיט די טמאדיקע דייטשע חזיר־ווורשטלעך... א קללה אויף אייך!

1טער פארטיזאן:

יונה, פאר וועמען האלטסטו דא א מוסר־דרשה?

2טער פארטיזאן:

גענוג שוין זיך צערעמאניעוועט.

יונה:

נאָך געציילטע מינוטן. אפשר וועלן מיר זיך דערוואַרטן אויף זײַן ווייב. אויך זי האָט זיך פאַרדינט...

האַנס:

האָט כאַטש אויף זיי רחמנות... (ווײַזט אויף די קינדער).

יונה:

ווער עס רעדט וועגן רחמנות... צי מעג איך פאַרגעבן, מעג איך האָבן רחמנות? איך טאָר עס נישט. איך בין נישט איך... הינטער מיר שטייען מיליאָנען דער־מאָרדעטע ברידער... כ'ווייס, אז דײַנע קינדער זײַנען אומשולדיק. מיר וואָלטן אָבער געוועז אויסוואָרפן, פאַררעטער, ווען מיר וואָלטן איבערגעלאָזט אַ שפור, אַ שפּראָץ פון אײַער טײַוולשן שטאַם. אויך אונדזערע טאַטעס און מאַמעס, אונדזערע ברידער און שוועסטער, און אונדזערע שלמהלעך און חנהלעך זײַנען געוועזן אומשולדיק...

1טער פּאַרטיזאַן:

ס'ווערט שפּעט. לאָמיר מאַכן אַן עק!

2טער פּאַרטיזאַן:

לאָמיר שוין מאַכן אַן עק!

האַנס:

גלויבט מיר... מיר זײַנען...

יונה:

(אַ דעצידירטער, ציט ער ארויס פון בוזים אַ רעוואָלווער, קאָנטראָלירט די קוילן) נו, גענוג! מיר וועלן זיך הײַנט אויף זײַן ווײַב נישט דערוואַרטן. זי וועט אונדז נישט פאַרפאַלן ווערן... פירט זיי ארויס אויפן הויף! מיר'ן נישט פאַר־אומרייניקן נאָך מער די שוין פאַרשוועכטע הײם מיט זייער טריפהנעם בלוט... (הייבט אויף דעם רעוואָלווער און מאַניפּולירט מיט אים) צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן וועל איך אומברענגען מענטשלעכע באַשעפענישן. כ'האָב קיינמאָל נישט געחלומט, אַז איך וועל דאַרפן אַ מאָל מײַנע הענט פאַרפלעקן מיט מענטשלעך בלוט. עס עקלט מיך די אויפגאַבע, וואָס כ'וועל דאָ דורכפירן, אָבער איך וועל דאָס טון מיט פרייד. מײַן לעבן ווערט הײַנט דערהויבן, געהייליקט... איך בין דער איינציקער גואל הדם פאַר אונדזער פאַרשוועכטער ירושה...

די פּאַרטיזאַנער פירן האַנסן מיט די קינדער ביז צו דער טיר.

יונה:

(כאַפּט זיך אין לעצטן מאָמענט) וואַרט נאָר, וואַרט! לאָמיר אים געבן אַ לעצטן שאַנס, דעם מערדער.

אַלע בלײַבן שטיין.

1טער פּאַרטיזאַן:

יונה, דײַנע צער־בעלי־חיים־געפילן וועלן אונדז נאָך ברענגען אויף דער תליה.

2טער פּאַרטיזאַן:

אויב עס פעלט דיר מוט, וועלן מיר עס טון...

יונה:

ברידער, טײַטשט עס ניט אויס ווי שוואַכקײַט. ניין! מײַנע צער־בעלי־חיים־גע־פילן וועל איך בעסער באַהאַלטן פאַר אַלע בייזע קעץ און משוגענע הינט, און נישט פאַר די גערמאַנישע אויבער־מערדער. זאָגט, איז דאָס נישט אַ צו־מילדע שטראָף פאַר די אַלע שענדונגען און מערדערײַען? דער טויט דורך אַ רעוואָל־ווער־קויל, אַ בלײַ־טויט — איז צו מילד, צו פיל חסד פאַר די קאַניבאַלן. דאָס איז נישט די נקמה, וואָס וועט באַרויִקן אונדזערע בלוטן. לאָמיר אים געבן כאָטש צײַט צו דערפילן די באַגאַנגענע פאַרברעכנס. מאַכן זיי צאַפּלען! געבן זיי אַ געלעגנהײַט, די „אויבער־מענטשן", צו אַנטפּלעקן זיך אין זייער גאַנ־צער נידערטרעכטיקײַט און פּחדנות.

פּאַרטיזאַנער:

פאַרגעסט אָבער, יונה, אַז יעדע מינוט איז איצט טײַער. סכּנות לויערן אויף אונדזערע לעבנס...

יונה:

מיר האָבן גענוג שטאַרקע נערוון. לאָמיר זיך פאַרגינען אַ קליינעם שפּיל־טון מיט אים. (צו האַנסן) דו, העלד איינער! איך גיב דיר אַ לעצטן שאַנס.

האַנס:

איך הער.

יונה:

(עפנט אויף דעם רעוואָלווער און מאַניפּולירט מיט די קוילן) זע, דאָ האָב איך אַ רעוואָלווער מיט איין געלאָדענע קויל — פאַר דיר! ווײַז, צי דו האָסט מוט. איך גיב דיר דעם שאַנס, אַז דו זאָלסט נישט דאַרפן אומקומען פון ייִדישע הענט, דורך זין פון אַ מינדערווערטיקער ראַסע... הרגע דו זיך! עס עקלט מיך צו פאַראומרייניקן זיך די הענט מיט דיר. באַווײַז דײַן מוט, דײַן דײַטשע העלדישקײַט, וואָס איר האָט עס אַרויסגעוויזן אויף אונדזערע משהלעך און שלמהלעך!... נאַ, דאָ האָסטו אַ געלאָדענעם רעוואָלווער! נאַ, נעם...

פּאַרטיזאַן:

וואָס טוסטו, יונה? מ'טאָר זיי, די מערדער, נישט געטרויען...

יונה:

זײַט רויִק, ברידער! מיט קאַלטע, שטאָלענע נערוון...

האַנס:

וואַקלט זיך. האַלט מיט אָראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ.

יונה:

(האַלט אויסגעשטרעקט דעם רעוואָלווער) נו, איך וואַרט! קיין סך צייט צו פאַר־לירן האָבן מיר נישט. באַשלים גיבער, זון פון דער אויסדערוויילטער ראַסע... וואָס, עס פעלט דיר מוט, האַ? די דײַטשע ראַסע איז פּחדניש... פּחדניש?...

האַנס:

(הייבט האַסטיק אויף דעם קאָפּ און שטרעקט אויס אַ האַנט) גיב!

יונה:

אַזוי יאָ. אַזוי געפעלסטו מיר... וועסט מיר אײַנשפּאָרן די טרחה, צו מוזן זיך פאַראומרייניקן די הענט מיט דײַן טריפה בלוט. נאָר מאַך עס פלינק און גוט! און איצט, נעם! (גיט אים דעם רעוואָלווער).

האַנס:

שטייט אַ ווײַלע מיטן רעוואָלווער אין האַנט, ניט דעצידירט.

יונה:

נו, אָן אַפּשלעפּעניש! באַווײַז, אַז אַ דײַטש קען הרגענען נישט נאָר יידישע קינדער...

האַנס:

גיט אַ טראָט אויף צוריק, שטעלט זיך אין אַ פּאָזיציע צום שיסן און צילעוועט מיטן רעוואָלווער אויף — יונהן. ער דריקט איין מאָל און נאָך אַ מאָל אויפן צינגל, אָבער עס שיסט נישט. די האַנט זײַנע פאַלט אַראָפּ, ווי אָן אָפּגעהאַקטע. די פּאַר־טיזאַנער רעאַגירן בליצשנעל און זיי דערלאַנגען אים. יונה באַרויקט זיי.

יונה:

(בלײַבט רויק) אַ ליידיקן רעוואָלווער האָב איך אים געגעבן... איך קען זיי, די מערדער!

האַנס:

האָסט מיך אָפּגענאַרט, ייִד!

יונה:

נאָר אַ ביסל אַ שפּיל־טון זיך מיט דיר האָב איך געוואָלט. אַזוי ווי אַ קאַץ שפּילט זיך מיט אַ געפאַנגענעם מײַזל... אַזוי געפעלסטו מיר... אַזוי האָב איך פון דיר מער הנאה...

1טער פּאַרטיזאַן:

יונה, פאַרגעסט, אַז אונדזער זײַן דאָ איז אַ געפאַר.

2טער פּאַרטיזאַן:

אַ גרויסע געפאַר...

יונה:

פון דעסטוועגן בין איך גרייט נאָך אַ מאָל איבערצוחזרן די שפּיל. וואָס זאָגסטו (צו האַנסן) העלד מײַנער?

פּאַרטיזאַנער:

טריט... מ׳גייט אַהער!

יונה:

(בלײַבט שטיין און הערט זיך אײַן) יאָ... טריט... אַלע אַרײַן! (עפנט אויף די טיר, וואָס פירט צו דער קלייט) גיכער!

אַלע אָפּ

עס קומט אַרײַן עלסאַ. זי פּאַלט אַרײַן אַ בגילופנדיקע, אַ צעפּלאָמטע און האַלב־שיכורע.

עלסאַ:

האַנס, האַנס — איך האָב עס בײַ אים אויסגעווירקט... ווי גוט און ליבלעך דער קאָמיסאַר איז געווען צו מיר... וואָס פאַר אַ העלדישער קערל... ער האָט מיך אַזוי לײַדנשאַפטלעך געקושט... מיר קענען שוין אַוועקפאָרן... מיר זײַנען פרײַ... וווּ ביסטו, האַנס? האַנס, אַדאָלף, גרעטכען — וווּ זײַנט איר, וווּ?! גאָט מײַנער... (עלסאַ שטעלט זיך בײַ דער טיר און שרײַט אין דער נאַכט אַרײַן) האַנס! האַנס! האַנס!!

עס עפנט זיך די טיר פון קלייט און עס שלײַכט זיך אַרײַן יונה. קומט צו צו עלסאַן און פאַרשטאָפּט איר פון הינטן־אַרום דאָס מויל.

יונה:

קוויטשע נישט אַזוי! פּאַרטיזאַנער האָבן פײַנט געשרייען.

עלסאַ:

ניכטערט זיך מאָמענטאַן אויס און בלײַבט אַפּאַטיש, רעזיגנירט.

יונה:

חברה! קומט אַרײַן! (אַלע קומען ווי אַרײַן) אָט איז שוין די גאַנצע משפּחה. זי האָט געלאָזט לאַנג וואַרטן אויף זיך, אָבער מיר האָבן זיך דערוואַרט.

פּאַרטיזאַנער:

יונה, לאָמיר שוין פאַרענדיקן די שפּיל!

יונה:

נאָך איין קליינעם מאָמענט, ברידער, און די שפּיל וועט זײַן פאַרענדיקט. (צו האַנסן) אָט איז זי, דײַן ווײַב. ווייסטו, אַז זי האָט דיך פאַרראַטן מיטן קאָמיסאַר? זי האָט עס אַליין נאַר־וואָס דערציילט. איז עס געווען מיט דײַן צו־

שטימונג? זאָג! אויב נישט, דאַרפסטו זי דערשיסן און ראַטעווען די אומ־באַפלעקטע דײַטשע ערע... אויב דו טוסט עס נישט, וועלן מיר, ייִדישע בחו־רים, דאָס מוזן טון... מיר וועלן זיך אָננעמען פאַר דער ערע פון אַ פרידלעכער דײַטשער פאַמיליע...

פאַרטיזאַנער:

יונה...

יונה:

יאָ, איצט פאַרענדיקן מיר די שפּיל מיט אַ „צום ווידערזען". זי און די קינדער גייען מיט אונדז! (טײַלט זיי אָפּ).

האַנס:

לאָזט מיך גיין מיט זיי.

יונה:

מיט דיר וועלן מיר זײַן גרויסמוטיק. דיך שיקן מיר צום געשטאַפּאָ־קאָמיסאַר, און מעלד אים, אַז... ייִדישע פאַרטיזאַנער האָבן פאַרכאַפּט זײַן געליבטע...

פאַרטיזאַנער:

יונה, וואָס טוסטו?

יונה:

זײַט רויִק! מיר טרויען אים... מיר'ן זיך נאָך אין גיכן מיט אים באַגעגענען. זאָל ער דערווײַל זיך צאַפּלען... פירט זיי!

מ'פירט זיי אַרויס, נאָר האַנס בלײַבט, אַ צעמישטער און פאַרלוירענער.

יונה:

באַלד. וווּ איז אונדזער משפחה־פּנקס? דער מורה נבוכים? (געפינט דעם ספר און נעמט אים מיט זיך). דאָס איינציקע, וואָס איך נעם מיט זיך פון מײַן אומ־גליקלעכער היים... איך און דער פּנקס — די איינציק־פאַרבליבענע עדות פון מײַן משפחה... (צו האַנס) דיך מאַך איך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם אַלעם, געדענק! מיר וועלן זיך נאָך אומבאַדינגט באַגעגענען. דער קאַמף צווישן היט־לערן און דעם ווילנער גאון וועט באַקומען אַן אַנדערן פינאַל... מיר וועלן אײַך איבערלעבן!

עס קומט אַרויס פון אויוון דאָס געשטאַלט פון הירש־בערן. טרייסלט פון זיך אַראָפּ דאָס אַש.

יונה:

ווער ביסטו, געשטאַלט? פון וואַנען קומסטו? זאָג!

הירש־בער:

איך בין דער אייביקער ייִד און דער אייביקער ייִדישער גײַסט... איך בין די אייביקע פאַרשוועכטע ירושה... איך בין דער סנה, וואָס ברענט אין אַלע

אויוונגס און שײַטערהויפֿנס, און ווער נישט פֿאַרברענט... איך טרייסל פֿון זיך אָפּ דאָס אַש און לעב ווײַטער, להכעיס דער גאַנצער וועלט... איך, דער איי־ביקער ייִד — גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע, כי אתה עמדי, שבטך ומשענתך המה ינחמני.

בשעת עס פֿאַלט דער פֿאָרהאַנג הילכן אָפּ דרויסן עטלעכע שאָסן.

הירש־בער:

כן יאבדו...

פֿאָרהאַנג

ד

ישראל
אין
ליד

א. שלאָנסקי

יצחק למדן

יעקב פיכמאַן

שמשון מעלצער

ש. שלום

ד. שמעונאָוויטש

משה טאַבענקין

אלישבע

נתן אַלטערמאַן

פון העברעיִש:

שמואל צעסלער

א שלאָנסקי

אַ נדר

מיט רשות פון מײַנע אויגן, וואָס געזען האָבן דעם בראָך
און גרוילגעשריי אין מײַן צעקרימטן האַרץ געטון פאַרפּרעסן,
מיטן דעת פון רחמנות, צו פאַרגעבן אַלץ און גאָר,
ביז טעג זײַנען געקומען און דאָס מוחל־זײַן צעפרעסן,
האָב איך געטון אַ נדר: צו געדענקען אַלצדינג קלאָר,
געדענקען עס — און קיין זאַך ניט פאַרגעסן.

און קיין זאַך ניט פאַרגעסן — אַזש ביזן צענטן דור,
ביז ס'שטילט מײַן שאַנד, ביז אַלע וועלן זיי פאַרטיליקט ווערן,
ביז ענדיקן וועט זיך אויף זיי מײַן לעצטע רוט פון שטראָף —
פאַרוועד איך מיר אין צאָרן־נאַכט זיך לײדיק אומצוקערן,
פאַרוועד איך מיר ביז מאָרגנפרי צוריקגיין צו מײַן אָרט
און גאָרניט האָבן אויך דאָס מאָל געלערנט.

יצחק למדן

איצט

וויפל נעכט, מײַן פאָלק, אַ שלאָפלאָזער, מיט שווערן האַרץ,
האָב איך געפּײַניקט מײַן נשמה איבער חשבון־ביכער דײַנע!
אָנגערוגזט און פאַרוואונדעט, ווי אין אַ דערנער־פעלד, אין טריקעניש,
צווישן בלעטער „חוב", געשפּרייט אין טרויער,
און צווישן שורות לײַדיקע פון „זכות" האָט האַרץ געקניט און שטיל געשעפּטשעט
ליבשאַפט און שנאה אין איינעם — — — — —
איצט האָב איך פאַרמאַכט די ספרים. איך זוך נישט קיין חשבונות.
אין דער צײַט, ווען צו דײַן האַרצן שטרעקן מעסערס מדבר־פּראים,
און יעדער פּוסטער גוים־כלב בײַסט־אײַן די ציינער אין דײַן לײַב,
ווען ס׳גריזשעט דײַנע בליטן יעדער חזיר פונעם פעלקער־וואַלד,
און יעדער וואָלקן־מענטש, וואָס שוועבט דײַן קאָפּ אַריבער, האָגלט איבער דיר מיט פײַנטשאַפט —
אין אַ צײַט אַזאַ, מײַן פאָלק, האָב איך קיין אַנדער זאַך אין מײַן האַרץ צו דיר,
ווי נאָר — ליבשאַפט.

מײַן פאָלק, אַ, הירש פאַרפאָלגטער און געגרייכטער צווישן גרענעצן!
קוק, אָט שטייען אַרום דיר די מחנות יעגער —
ביסט בעסער פון זיי אַלע, אַלע, אַלע!

ביסט בעסער פון זיי אַלע, ווײַל די שרעק האָט זייער האַרץ נאָך ניט געפּקערט,
ווי טויטשרעק פינצטערע בײַ דיר אין האַרצן תמיד.
און אונטער הימלען פון דער וועלט האָט זייער קאָפּ נאָך ניט געבלאָנדזשעט,
ווי ס'האָט דײַן קאָפּ געבלאָנדזשעט אין דער פרעמד, פון האָריזאָנט צו האָריזאָנט!
ביסט בעסער פון זיי אַלע, ווײַל נאָך ניט געוויינט האָבן זייערע קינדער,
ווי געיאָמערט ס'האָבן דײַנע קינדער אין די אײַנגעטויבטע נעכט
און אין די מאָרגנס פינצטערע, מיט אויגן אויפגעגלאָצט אין שרעק,
ניט געקוקט נאָך האָבן זייערע מאַמעס,
ווי די מאַמעס פון ישראל!

גוט ביסטו, מײַן פאָלק, און מער דערהויבן פון זיי אַלע, אַלע,
ווײַל ניט געשטאַנען איז קײַן איינער נאָך פון זיי, ווי דו,
איינער קעגן אַזוי פיל, איינער קעגן אַלע!
אַט שטייען זיי דאָ אַלע אַרום דיר — אַ פעלקער־כמאַרע,
מיט אויגן בליציקע, מיט ציין און נעגל.
אַט קעגן די זאָל מען דיך צושטעלן צום חשבון פון זכות און חוב?
ניין, קײַן שום חשבונות ניט, מײַן פאָלק!
איצט איז אין מײַן האַרץ קײַן אַנדער זאַך נישטאָ צו דיר
חוץ ליבשאַפט, בלויז ליבשאַפט!

יעקב פיכמאַן

יצחק קאַצענעלסאָן

איך האָב דײַן קול ווי לעבעדיק געהערט,
דײַן יעדער אות האָט אויפגעגליט ווי פונקען,
פון יעדן אות געזונקען איז די ערד
און אויך מײַן זעל מיט יאָמער איז געזונקען.

אָ, לעצט געוויין! פון קבר־גרוב אַפיר
פאַרשטיקט, געשפּאָלטן האָט פון וועלט דעם שווארצן שאָטן,
און מײַן געבראָכן הארץ האָט מיטגעוויינט מיט דיר
און ס'האָט אַ יעדעס וואָרט געזאָטן.

דאָס ליבסטע האָסט געזען מיט דײַנע אויגן
פון שוואַרצער האַנט פאַרשניטן און צעפליקט,
דו האָסט געזען אַ פאָלק דערמאָרדעט און דערשטיקט.

און איידער נאַכט האָט דיך פאַרשלונגען, איז געפלויגן
דײַן קללה אויף די שלאַנגען־קעפּ געשיקט
און אויף דער וועלט וואָס האָט זיי אויפגעצויגן.

שמשון מעלצער

ווייל געווינט זיינען מיר שוין צו זען

ווײַל געווינט זײַנען מיר שוין זען אין די צײַטונגען אַ נעקראָלאָג,
אַ רעמל אַ שווארצן, אַן אָנזאָג פון טרויער און קלאָג,
לייענען מיר אַזוי רויִק פון ביימער פאַרשניטן, אַ פּרדס צעשטערט,
אַ ווײַנשטאָק פאַרוויסט, און מיר זאָגן: — געלויבט ביסטו גאָט, וואָס קײַן אומגליק געשען איז דעם טאָג!

איז ווי קענט איר זאָגן: קײַן אומגליק, אַז בוים צו דעם מענטשן געגליכן זײַן קאָן?
טאָ לאָמיר־זשע מאַכן צו פלאַנץ, ווי צו מענטשן, אַ רעמל אַ שווארצן אין צער:

פעלדער פאַרברענטע אין גוש עין חרוד און ביימער אַ סך אין משמר,
אַ פּרדס צעטראָטן אויף וויסט אין אשדוד און ביימער אָן ציל אין שומרון.

און לאָמיר אַ הספד פאַרפלעכטן, ווען ווײַנגערטנער מאַכט מען אַ תל:
אוי, וויי, צו דעם ווײַנטרויב פון קרית ענבים און וויי צו דעם ווײַן אין זכרון,
אוי, וויי, צו די פרוכטן פון גבעת עדר און צו ווײַנגערטנער אויפן כרמל,
אוי, וויי, צו דעם ווײַנשטאָק פאַרשניטן אין טאָל און אויף באַרג אין יהודה, שומרון.

און צו דער רשימה פון קדושים נאָך צוגעבן לאָמיר מיט טרערן אַ קוואַל:
יזכר! געדענק־זשע, אָ, גאָט, די געצונדענע תבואה אין טאָל יזרעאל!
יזכר! געדענק־זשע, אָ, גאָט, אַלע געוויקסן געפליקט פון די הענט פון וואַנדאַל!
יזכר! די פלאַנצן די תמימים און טהורים מיט קדושים פון פאָלק ישראל!

ש. שלום

קולות אין דער נאַכט

— ביסט גרייט?
עס פרעגט אַ קול
אין שטילער נאַכט.

— כ׳בין גרייט!
עס ענטפערט קול
אין שטילער נאַכט.

— צי קענסט פאַרלאָזן
שטוב און גאַס.
באַקאַנטע, פריינט?

— איך קען פאַרלאָזן
שטוב און גאַס,
באַקאַנטע, פריינט!

— צי קענסטו שפּאַנען
ווייט, גאָר ווייט,
אָן סימן שרעק?

— אָ, יאָ, כ׳קאָן שפּאַנען
ווייַט, גאָר ווייַט,
אָן סימן שרעק!

— טאָ נעם אין האַנט דאָס ליכט, פאַרדריק,
און גיי, אויף ניט צו גיין צוריק,
און וואַרף אַהינטער ניט דייַן בליק!

— איך נעם דאָס ליכט אין האַנט, כ׳פאַרדריק,
און כ׳גיי, אויף ניט צו גיין צוריק,
און וואַרף אַהינטער ניט מייַן בליק...

ד. שמעונאָוויטש

אויף באַרג אפרים, אין יקנעם

פון באַרג אפרים, פון יקנעם, חברים צוויי,
געגאַנגען צו העלפן דעם פאָלק זײַנעם זיי;
יואש און יצחק, בחורים גאָר וווּיל,
ווײַל — צײַט פאַרן רידל און צײַט פאַר דער קויל;
אַרויס אין דער פינצטערער נאַכט זײַנען הײַנט
צו היטן די פעלדער ישראלס פון פײַנד.

אין פינצטערער נאַכט איז סכנה נישט קליין:
עס לויערן מערדער בײַ יעטוועדן שטיין.
זאָגט יואש צו יצחקן שטיל און ער לאַכט:
— זאָלסט דײַן זון רופן יואש, ווען כ׳פאַל אין דער שלאַכט!
זאָגט יצחק צום חבר און שמייכלט דערפון:
— אויב כ׳פאַל, זאָלסטו אָנרופן יצחק דײַן זון!

אויף באַרג פון אפרים, אין יקנעם, אַרום,
אַ שאָס נאָך אַ שאָס, און אַ קנאַל, און אַ ברום,
און יואש און יצחק, פון קוילן און שרויט,
אויף פעלדער ישראלס זיי ליגן שוין טויט;
אויף פעלדער ישראלס, אין שאָסן און קנאַלן,
די יונגע צוויי שומרים זיי זײַנען געפאַלן.

האָט יקנעם געשוווירן בײַ בלוט פון די צוויי:
— געבוירענע זין זאָלן הייסן נאָך זיי!
נאָך דעם ערשטן נאָך וועמען א נאָמען צו געבן?
אוןביידע באַליבט זײַנען זיי ווי דאָס לעבן!
דאָס האַרץ קאָן ניט געבן אויף דעם קײַן באַשייד,
אַפילו דער טויט האָט די צוויי ניט צעשיידט.

אויף באַרג פון אפרים, אין יקנעם, פּאָר פרייד
עס קלאַפּן די הערצער בײַ קינד און בײַ קייט:
אַ פרוי האָט אַ צווילינג געבוירן, צוויי יונגען,
אַ נס האָט פון הימל אַרונטערגעוווּנקען;
ווײַל אויב ס'האָט דער טויט ניט געקענט זיי צעשיידן,
וועט ס'לעבן מיט נעמען פאַראייניקן ביידן.

אויף באַרג פון אפרים, אין יקנעם, ברידער צוויי,
געבוירן צו העלפן דעם פאָלק זײַנען זיי,
יואש און יצחק — בחורים ווי לייבן,
זיי זויגן און וואַקסן אַזוי ווי אויף הייוון.
— יואשים, יצחקים, וואַקסט שנעלער און גיכער,
מיט אײַך זײַנען פעלדער ישראלס שוין זיכער!

משה טאַבענקין

אַ הייסע נאַכט

דער גאַרדין פונעם פענצטער הענגט טויט אויפן ראַנד,
עס אָטעמט די נאַכט פון בעטאָנענער וואַנט,
די לופט גליט אין חלל, ווי קוילן, ווי בראַנד.
די נאַכט יאָגט אַרוים סטאַיעס פוקסן אין וועג,
מיט געוואָיען פון דאַרשט, אין אַ ווילדן געיעג,
צו דעם טײַכיקן ברעג.

די נאַכט האָט דײַן וועג ביז צו מײַנעם געשפרייט,
דײַן שמחה געצונדן האָט קעגן מײַן פרייד,
מיט אַ שמייכל הייסט שטרעקן דײַן האַנט מיר די נאַכט
און מיר זאָגן: — „מיך שרעקט ניט מײַן שאָטן, מײַן בלוט!"
די נאַכט אַזוי בלײַיִק איז שווער און ווי גלוט;
טיף שטורעמט אין עכאָ דײַן לאַך.

די נאַכט רײַפט די זאַנגען אין פעלד, וואָס איז מײַן,
די נאַכט אין מײַן קריגל מאַכט יוירן דעם ווײַן,
איר זילבער-ליד פיקט אויף פאַרבאָרגענער האַרץ.
די נאַכט אַליין טראָגן איז שווער אָן אַ שיעור,
צו דורכזיכטיק נאָך — צו פאַרהוילן פון מיר
סודות פונעם באַשאַף.

אלישבע

ביים ברעג פון ים כנרת

שטילער, שטילער שושקעט זיך דאָס וואַסער,
דער ים כנרת ליגט אין צאַרטער רו,
עס יאָגט פאַרביַי אַ פליגל־רויש אַ בלאַסער,
אַ רגע שוועבט זיַין שאָטן אויפן וואַסער
און קלאַנג פון ליד וויברירט אין הארצן ווו.

ווי אין אַ ראַם אַ זילבער־שפיגל, לויטער,
די בערג, דערהויבן, רינגלען אַרום אים;
צום הימל קוקט כנרת אַ צעבלויטער,
מיט וואַסער־קול דערציילט ער און פאַרטרויט ער
אַ וועלטן־סוד — נאָר קיינער הערט זיַין שטים.

ניין, ניין! כ׳וועל דאָ ניט זינגען! פונעם דרימל
ניט וועקן כ׳וויל זיַין שיינקיַיט שטיל און העל.
כ׳וועל בלויז דאָ טרוימען צווישן ים און הימל,
אַז ס׳קומט די אויפלייזונג פון וועלט־געטומל,
אַז פאַטערלאַנד געפונען האָט מיַין זעל.

נתן אַלטערמאַן

דער שייטער

פלאַקער, שלאַג אַרויף מיט גבורה
פון דעם אַש וואָס רויכערט סתם —
ס'שטייט די מחנה גרייט צום שטורעם,
ס'שטייט די מחנה גרייט צום פלאַם!

פלאַקער, שייַטער, און צעשפּיל
הענט און קני און ביינער,
איינער בלויז איז אונדזער ציל
און דער וועג איז איינער!

פלאַקער, שייטער, און צעשפּיל
אמת-בראַנד, אין הייכן,
איינער בלויז איז אונדזער ציל —
וועלן מיר אים גרייכן!

שוצגעווער זייַנען מיר אַלע,
גרייטע שטייען מיר צום גיין —
פאַטערלאַנד, אין דיר געקלאַמערט
זייַנען מיר מיט נעגל, ציין!

פלאַקער, שייַטער...

שייַטער, דו וועסט, אומגעריכט נאָך,
פון שפּיץ דאַך און באַרגן-קייט,
אונדז אָנזאָגן מיט דייַן ליכט נאָך
טאָג פון פרייַהייַט, יום-טוב, פרייד!

פלאַקער, שייַטער...

ח

פּראָבלעמען

י. האָרן
אליהו ליפּינער
יצחק איסאַקסאָן

י. האָרן

בוענאָס־איירעס

אין אונדזער סביבה

שטריכן, אָפּקלאַנגען און פּראָבלעמען

שלוחים פון אַלע יידישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס האָבן שוין פון לאַנג געעפנט אין זייערע ביכעלעך אַ ספּעציעל בלעטל פאַר לאַטיין־אַמעריקע, ווו עס איז גאַנץ באַזונדער אונטערגעשטראָכן אַרגענטינע. פון דעסטוועגן באַווייזן זיך פון צייט צו צייט אַרטיקלען אין ערנסטע יידישע זשורנאַלן אין נאָרד־אַמעריקע מיט שאַרפע און זייער ביטערע פראַגעס:

— איז דאָס יידישע לעבן אין לאַטיין־אַמעריקע געזיכערט? וויפל קאָנען די יידן אין דרום־אַמעריקע צו שטייער געבן פאַר יידישע צוועקן? וואָס שטעלט פאָר דער יידישער ישוב אין אַרגענטינע?

פּראָפּאַגאַנדיסטן, שרייבער, אַרטיסטן, זשורנאַליסטן, רבנים, אַלע ציען לעצטנס קיין דרום־אַמעריקע און קודם־כל קיין אַרגענטינע, אין איינעם פון די אַמאָל אַזוי־גערופענע „ווייטע לענדער".

●

ווי אַזוי האָבן יידישע שרייבער־געסט געזען אונדזער סביבה?

כתריאל האַזאַנאָוויטש האָט אין יאָר 1909 געזען דאָס יידישע לעבן אין אַר־גענטינע אין ליכט פון „ברויט און עהרע" (זיין צוגעגרייטער זשורנאַל).

אין 1914, ווען פּרץ הירשביין האָט דאָס ערשטע מאָל באַזוכט אַרגענטינע, האָט ער דער ערשטער אַ זאָג־געטון און אַזוי אויך שפּעטער געשריבן: „און דאָך איז אַרגענטינע אַ יידישער ישוב".

אין 1922, ווען ה. ד. נאָמבערג איז געקומען אין אַרגענטינע, האָט ער קודם דערזען די נויט פון די ייִדישע קאָלאָניסטן און אַ געשריי־געטון: „און די ייִק"אַ שווייַגט". ווענן די ייִדן אין בוענאָס־אײַרעס האָט ה. ד. נאָמבערג געשריבן — „זיי בענקען", און אַז — „דער גאַנצער ישוב איז נאָך יונג, פריש, גרין, עס זעט אויס, ווי מען גראָבט ערד און אָנשטאָט — איין־איינציקע מאַסע זעט מען אַ שיכט אָנ־געלייגט אויף אַ שיכט, נאָר נישט פאַרמישט".

און ש. ניגער, נאָך זײַן באַזוך אין אַרגענטינע אין 1935, האָט געשריבן: „אַז אין בוענאָס־אײַרעס איז פאָרגעקומען אַ צונויפמישונג און אפשר טאַקע אַן אינע־ווייניקסטע דערנענטערונג צווישן דער פאַרצײַטיקער און דער הײַנטיקער ייִדיש־קייט", און „אַז די ייִדישע ליטעראַטור האָט זיך אַ ביסל צוגעאײַלט צו ווערן אַרגענ־טיניש".

ב. שעפנער, וואָס האָט באַזוכט אַרגענטינע אין 1936, האָט געשריבן, אַז אונ־דזער סביבה איז צופיל פאַריום־טובט, און אַז „עס פעלט פשוט פּאַטאָס פאַר וואָכע־דיקער אַרבעט".

ה. לייוויק, דעלעגאַט אויפן 14טן „פּ.ע.נ."־קאָנגרעס, וואָס איז אין 1936 פאָר־געקומען אין בוענאָס־אײַרעס, האָט געזוכט דעם אינהאַלט פון ייִדישן לעבן און גע־וואָלט דערזען די פאַרמעסטן פון די ייִדישע שרײַבער פון אונדזער סביבה.

און יעקב פאַט, וואָס האָט באַזוכט בוענאָס־אײַרעס אין 1948, האָט געשטעלט די פראַגע: „ווער האָט בעסער געמאַכט — דער ייִד וואָס האָט פאַרקירעוועט צווישן ביידע וועלט־מלחמות קיין אַרגענטינע אָדער דער וואָס האָט פאַרקירעוועט קיין ניו־יאָרק?" און זײַן אויספיר איז געווען: „עס זעט מיר אויס, אַז עס האָט געמאַכט בעסער דער ערשטער — דער וואָס איז אוועק קיין אַרגענטינע; ער האָט בעסער גע־מאַכט, סײַ מאַטעריעל, סײַ גײַסטיק".

עד כאן אויסצוגן פון געסט.

●

און איצט אַ פּאָר שורות פון ייִדישע דיכטער אין אַרגענטינע.
יעקב אײַזנשטיין דערציילט:

„מיר זײַנען געפאָרן צוויי הונדערט פּופּציק
דורך תפיסות, פּאַגראָמען געטריבן,
געשענדעטע טעכטער מיט יונג־פרישע קברים
אויף שטערנס פון מאַמעס פאַרשריבן.

מיר גייען אויף פעלדער מיט האַרט־דרויער ערד,
מיר גייען צום פלוג און צום אײַזן,
מיר ווערן דערהויבן דורך אַרבעט און מי,
מיר ווילן די גרויסקייט באַווײַזן".

א צווייטער פּאָעט, אברהם מאָשקאָוויטש, זאָגט אַזוי:

„שטעטעלע, דו, קליינס, יונגס, דו, אַרגענטינישס,
פון לאַנג בין איך שוין מיט דיר פאַרקניפּט, פאַרבונדן:
— איך ווינטש דיר ניט, ווי כאָריק ווינטשט
דאָרטן זײַן שטעטל, זאָלסט פאַרשווינדן...״

●

די ווונטשן, אַרויסגעבראַכט אין לידער, ווי אין אַרטיקלען, האָבן קנאַפּ-וואָס געהאָלפן. די ייִדישע קאָלאָניזאַציע, דער קערנדיקער אָנהייב פון ייִדישן מאַסן-לעבן אין אַרגענטינע, ווערט פאַרטריקנט — די ייִדישע קאָלאָניזאַציע צאַנקט ווי אַ ליכט.

גאָר אַ סך חלומות און פאָלקס-האָפענונג האָט די ייִדישע קאָלאָניזאַציע בײַ אונדז דערוועקט. איז דאָך, חוץ אַלעם, די ייִדישע קאָלאָניע געווען פול מיט ייִדיש און ייִדישער קולטור, מיט יוגנט, וואָס האָט געהאַט אונטער די פיס גרויסע און פעסטע שטחים ערד און איבערן קאָפּ — אַ בלויען הימל!

די קאָלאָניזאַציע דאַרט לײַדער אײַן. די יוגנט אַנטלויפט, ווײַל זי האָט ניט דערפילט דעם נייטיקן נאַציאָנאַלן פּאַטאָס.

פון צײַט צו צײַט הערט זיך אַ געשריי פון אַן אונטערגייענדיקער ייִדישער קאָלאָניע; זי בעט הילף, ניט אַזוי מאַטעריעלע הילף, ווי גײַסטיקע. די ייִדן, וואָס זיצן נאָך אין קאָלאָניע און אין די קליינע שטעטלעך אַרום, גייען אויס פון איינזאַמקײַט און גײַסטיקער פּוסטקײַט — קיינער הערט אָבער ניט זייער געשריי. די ייִדן אין די שטעט זײַנען ווי פאַרטויבט פון אייגענעם לעבן און די ברייטע ייִדישע וועלט, האָט שוין פון לאַנג אַרויסגעגעבן אַ טויט-אורטייל דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע, הגם עס לאָזט זיך נאָך אַפילו איצט אַ סך אָפּראַטעווען.

הינטער די אויגן — זאָגט אַ ווערטל — איז ווײַט פון האַרץ.

מלך ראַוויטש, אין זײַן באַלאַדע „סימע לאה די טאָכטער פון באַראָן״, אָנגעשריבן אין יאָר 1938, שילדערט ייִדישע דערפער:

„געשטעלט פאַר דונדערט מיליאָנען אין גאָלד,
און וואָס ס'איז געוואָרן פון אַ גרויסן חלום,
ווײַל גאָט האָט אַנדערש געוואָלט״...

●

ייִדישע מי און אַרבעט.

ס'דערמאָנט זיך מרדכי אַלפּערסאָנס זכרונות. די רירנדיקע שילדערונגען פונעם באַגינען פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע: די פרייד בײַם באַקומען דאָס ערשטע ביסל וואַסער אין ווילדן פעלד, דער ערשטער שבת אין קאָלאָניע, דער ערשטער שניט און געבורט פון ערשטן קעלבל.

ברוך בענדערסקים שיינע שילדערונגען פון בעלי־חי אויף די יידישע פעלדער. די געשטאלטן פון מ. מײדאניקס סקיצעס און פנחס ביזבערגס קינסטלערישע שילדערונגען פון יידישן לעבן אויף ענטרע־ריאָסער ערד. און ווי זײַנען די זכרונות פון נח קאַצאָוויטש, דעם פּיאָנער פון מאָזעסוויל?

אוודאי קאָנען די עטלעכע פײַן־אָנגעשריבענע ביכער וועגן יידישע פעלדער אין אַרגענטינע ניט שטילן דעם צער פון דעם, ווי די יידישע פעלדער זעען הײַנט אויס. דאָך בלײַבן די בילדער פון צעגליטער האָפענונג, די שילדערונגען פון קאָלעקטיוון גאַנג צו ערד, די שיינע פּאַרמעסטן, וואָס ציִען זיך מער ווי אַ האַלב יאָרהונדערט — אין זכרון, פון כלל.

און אפשר דאַרפן מיר זיך גאָר ניט אַזוי רײַסן די הויט, וואָס די קאָלאָניזאַציע איז ניט געוואָרן דאָס, וואָס פיל וואָלטן געוואָלט? איז דאָך אויפגעגאַנגען יידיש לעבן אין די שטעט, הויפּטזאַכלעך אין בוענאָס־אײַרעס, אַ לעבן וואָס איז אויך גאָר ניט אַזוי לײַכט אָנגעקומען!

מיר מיינען ניט יענעם אָנהייב, בעת אין בוענאָס־אײַרעס האָבן געלעבט אַ פּאָר מנינים יידן, נאָר דווקא יענע צײַט פון פאַר און נאָך 1905, ווען קײַן אַרגענטינע איז געפלאָסן אַ גרויסער עמיגראַציע־שטראָם פון אַרבעטנדיקע און פאָלק־שיכטן, וואָס האָבן געבויט געזעלשאַפטלעך לעבן אויף יידיש, ס'רוב געשטיצט אויף אידייען מיט־געבראַכטע פון רוסלאַנד, פּוילן א"א. און ניט בלויז זיי אליין. מיט דער הילף פון פשוטע פאָלקס־מענטשן, דער עיקר שפּעטער, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, זײַנען צוגעקומען נײַע אַרבעט־ און פאָלקס־כוחות. אַזוי ביז ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה. עס האָבן געשטראָמט קײַן אַרגענטינע גרעסערע צאָלן יידן, וואָס אַלע צוזאַמען, יעדער אין זײַן צײַט און לויט זײַנע מעגלעכקײַטן, האָבן געהאָלפן אויסשמידן דאָס לעבן אונדזערס, אַזוי ווי עס איז.

●

איצט מוז דאָס יידישע לעבן אין אַרגענטינע ניט בלויז ברייטער, נאָר אויך טיפער ווערן. דער דאָזיקער פאַרלאַנג ברענט אין דער טיף פון דער יידישער אַרגענטינע, שרײַט ממש אַרויס פון אונדזער סביבה, ווי אויך פון די קברים, ווו עס ליגן די פאַר דער צײַט אומגעקומענע פון אַ דור, וואָס האָט זיך געוואָרעמט בײַ די פײַערן פון אידייען און געטרוימט פון אַ גערעכטער וועלט.

ביטער איז געווען דער גורל פון די אידייען־מענטשן בײַ אונדז.

פאַרוואָס? וואָס זײַנען געווען די סיבות, וואָס דווקא אידייען־מענטשן, אַ טייל פון די פּיאָנערן פון יידישן מאַסן־לעבן אין בוענאָס־אײַרעס, זײַנען דערגאַנגען צום ראַנד פון יאוש?

וואָלט דאָס יידישע אַרגענטינע שוין געהאַט אַן אַלזײַטיק־אָנגעשריבענע גע־

שיכטע, וואָלט אויך דאָס טרויעריקע קאַפּיטל באַלויכטן געוואָרן. וואָלטן אונדזערע דערציילער ניט פּאַרקוקט אונדזער לעבן, וואָלט אין דער ליטעראַטור געווען אַ געוויסע אָפּשפּיגלונג פון דעם לעבן, וואָס איז אַוועק. דאָס איינציקע בוך, ווו עס ווערט דערציילט וועגן אַ ריי טראַגיש־אַוועקגעגאַנגענע פּאַרגייער, איז פּ. וואַלדס „בלעטלעך“, וואָס איז אין יאָר 1929 דערשינען אין בוענאָס־איירעס.

מענדל מאַליער — דערציילט וואַלד — אַן אַרבעטער פון 25 יאָר האָט זיך דערשאָסן אין פּאַלערמאָ. די בונדיסטקע אַדעלאַ, אַ מיידל מיט טיפן פּאַרשטאַנד, וואָס האָט געפירט אַ ליבע מיטן אַנאַרכיסט נון, האָט זיך דערשאָסן. שלוימקע, פון דער „ביבליאָטעקאַ רוסאַ“, איז אַראָפּגעפאַלן פון דער רושטאַוואַניע און דערהרגעט געוואָרן. פלעסל, פון די „יאַטן“ אין ווישאַ־קרעספּאָ, איז געשטאָרבן פון שווינדזוכט. די, וואָס האָט רעפּעטירט פּאַר „רבקהלע“, אין אַשם „גאָט פון נקמה“, האָט זיך אויפגעהאָנגען. „שוואַרצבערג איז אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן אין שמאַטעס, אַרומגעגאַרטלט מיט שטריק, אויף דער גאַס געשפּילט זיינע „העלדן־ראָלן“, זשעסטיקולירט, דעקלאַמירט, און כאָפּטעס קינדער האָבן זיך אַרום אים פאַרזאַמלט, האָבן אים אָפּלאָדירט, און ער האָט צו זיי געלאַכט, געפּינעט און געלאַכט“. רויטשטיין, וואָס האָט געחלומט פון אַרויסגעבן זשורנאַלן, איז אויסגעגאַנגען. „און דער ייִד אַן אַ באָרד, וואָס האָט געדאַרפט מיט זיין ווערק „איבעררואַשן די וועלט, איז אויסגעגאַנגען אין אַ היגן משוגעים־הויז“.

לייענענדיק פּ. וואַלדס „בלעטלעך“, כאַפּט אַרום אַ וויסטע שרעק, וואָס עס איז געוואָרן פון אַנהייבער, פון בעלי־חלומות, אידעאַליסטן — אין אונדזער סביבה.

דער מחבר דערציילט וועגן נאָענטע צייט־חברים — זייער טראַגישער סוף פירט אָבער צו מחשבות, וואָס גרענעצן זיך מיטן היינט.

●

פאַראַן אין בוענאָס־איירעס אַ סך טויזנטער ייִדישע לוין־אַרבעטער, אָבער זיי האָבן ניט, ווי אַ געזעלשאַפטלעכער כוח, דעם מינדסטן איינפלוס אין אונדזער לעבן. זיי ליגן צעשטויבט, צעשאָטן און דער רוב פון זיי וויל זיך אַרויסרייסן פון פאַבריק אָדער קלייט. דער ווילן זיך אַרויפצואַרבעטן און ניט מוזן אַרבעטן ביי יענעם ברענט אין אונדזער סביבה ווי אַ פייער.

ניט בלויז פאַבריק־אַרבעטער, אַנגעשטעלטע, נאָר אויך לערער, אַרטיסטן, שרייבער, פּראָפעסיאָנאַלן — אַלע רייסן זיך מיט אַלע כוחות צו ווערן זעלבסטשטענדיק.

מיטן פעלן אין אונדזער סביבה פון ייִדישן אַרבעטער ווי אַן אָרגאַניזירטער כוח פעלט אין דער ייִדישער אַרגענטינע אַ שטיק נשמה. פּאַר אַ ביישפּיל לאָמיר דערמאָנען די ווירקונג פון דער אַרבעטערשאַפט אינעם קאָלירפולן ייִדישן לעבן אין פּוילן פאַר סעפּטעמבער 1939, די פּאָזיציע פון די ייִדישע אַרבעטער אין פאַראייניקטע

שטאַט, די ראָלע פון די ייִדישע אַרבעטער אין ישראל, און דאָס בילד וועט זײַן קלאָר.

●

אין דער ייִדישער אַרגענטינע הערשט דער מיטלקלאַס־מענטש, וועמענס אידייען עס ענדיקן זיך מיטן טאָג. אָבער דער אָפּשײַן פונעם נעבטיקן לעבן, פון אַרבעטס־מענטש, און גאַנץ באַזונדער די פאַרבינדונג פון אַ גרויסן טייל מיט פּראָפעסיאָנעלע, פּאָליטישע און קולטור־אָרגאַניזאַציעס אין דער אַלטער היים האָט איבערגעלאָזט אינעם באַוווסטזײַן און הויפּטזאַכלעך אינעם געפיל אַזאַ בענקשאַפט, פון וועלכער מ׳וויל זיך ניט באַפרײַען, וואָס קאָן אויך לעת־עתה ניט אויסרינען. פון דער צווייטער זײַט: דער צושטראָם פון פּשוטע פאָלקס־מענטשן, וועלכע זײַנען אין אַרגענטינע געוואָרן אַקטיווע געניסער פון ייִדישער פּרעסע, ייִדיש טעאַטער, קויפער פון ייִדישע ביכער, בײַשטײַערער פאַר ייִדישע קולטור־צוועקן, מיטבויער פון אַלערליי ייִדישע אינסטיטוציעס; און ספּעציעל דאָס, וואָס אין אַרגענטינע האָבן זיך דערנענטערט אַזעלכע ייִדישע מענטשן, וועלכע זײַנען אין דער אַלטער היים געווען ווײַט און אָפּגעפרעמדט פון ייִדיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן און פון ייִדישער קולטור־אַרבעט. דאָס אַלץ צוזאַמען האָט באַאײַנפלוסט און מיטגעהאָלפן צו דער אויסגעשטאַלטיקונג פונעם ייִדישן לעבן אין אַרגענטינע.

●

פאַראַן בײַ אונדז ניט בלויז סימנים פון אַן אייגענעם לעבן, נאָר אַ ציל־באַוווסט ייִדיש קולטור־לעבן, מיט אײַנפלוס, פּאַרמעסט און פּערספּעקטיוו, וואָס ווײַזט, אַז נאָך ניט אַלץ האָט די ייִדישע סביבה אין אַרגענטינע פון זיך שוין אַרויסגעגעבן.

די ייִדיש־וועלטלעכע שולן, למשל, די דערציִונג־אַנשטאַלטן וואָס האָבן געעפנט טיר־און־טויער פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור, האָבן פיל מער מעגלעכקייטן צו וואַקסן, און קודם־כּל אין דער טיף, ווי עס איז אין דער ווירקלעכקייט. ייִדישע לערער אין אַרגענטינע האָבן אויפן פּעדאַגאָגישן געביט נאָך ווײַט ניט באַוויזן צו טון דאָס, וואָס די שולן פאַרלאַנגען.

און צי איז דען די סביבה פאַר ייִדיש טעאַטער אין בוענאָס־אײַרעס ניט גרעסער און שטאַרקער ווי די אויפטוען פון די שוישפּילער, דאָס טעאַטער קינסטלעריש צו פאַרטיפן? און אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט — איז דען אונדזער סביבה ניט אומפאַרגלײַכלעך ברייטער, טיפער און דערפאַרענער ווי עס קומט צום אויסדרוק דורך ס׳רוב עסקנים און „פירשפּרעכער“? און דער כּוח פון ייִדיש און פון ייִדישן וואָרט, פון דער ייִדישער פּרעסע און ייִדישע ליטעראַטור, איז דען ניט שטאַרקער ווי מיר מיינען?

●

וואָס שייך דעם פונאַנדערבלי פון ליטעראַרישן צווייג, האָט מען ביי אונדז זיך געיאָגט, ווי באַוווסט, שטאַרק נאָך דעם אויבנאויפיקן אַרגענטיניזם, וואָס האָט ניט געהייבן די ליטעראַרישע שפּע. דאָס אָנגעווען מאָס און וואָג, און דאָס וואָס אייניקע שרייבער, פּיאָנערן אין אַרגענטינע, פלעגן באַטיטלען פאַר אַן „אַרגענטינער נאָמבערג" אָדער „אַרגענטינער שלום־עליכם" האָט אויך קיין טובה נישט געטון. פּונקט ווי די גרויסע צאָל פאַרדעם צו כמעט ליטעראַריש־ווערטלאָזע ביכער האָט דעם יידישן ליטעראַרישן צווייג אין אַרגענטינע ניט פאַרשענערט.

ליידער שפּיגלען אויך נישט אָפּ די ליטעראַרישע שאַפונגען, אין אַלערליי פאָרמען, ניט אונדזער נעכטן און אוודאי ניט דעם היינט פון יידישן פאָלקס־לעבן אין אַרגענטינע.

אונדזער לעבן איז נישט קיין אידיליע.

די גאַס ברענט, רייסט שטיקער און ס'רוב הײמען זיינען, וואָס שייך יידישקייט, „פוסטע קרעטשמעס". יידיש איז אָבער נאָך אַלץ דער גרעסטער, שאַפנדיקער קולטור־כוח אין יידישן לעבן אין אַרגענטינע.

מ'דאַרף זען, למשל, ווי אַזוי ספרדישע יידן אין בוענאָס־איירעס זוכן אַ מאָל עפּעס צו דערגיין אין די יידישע טאָג־צייטונגען, אָדער גאָר זיין אויף אַ גרויסן מאַסן־מיטינג, וווּ מ'רעדט צום יידישן עולם שפּאַניש, כדי צו דערפילן, ווי גרויס עס איז דער כוח פון יידישן וואָרט.

אָבער ווי איז מיטן יונגן דור?

פאַרוואָס ווערט די אין אַרגענטינע געבוירענע יידישע יוגנט כאָטש אַ ביסל ניט מיטגעריסן מיטן יידישן וואָרט, ווערט ניט באַגייסטערט פון דער יידישער קולטור און פון די אַלע גרויסע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידייען? דער הויכער קינסטלערישער ווערט פון דער יידישער ליטעראַטור דערגייט גאָר ניט צו זיי. אַז די עלטערן, וואָס פאַרגלעכן זיך ממש אין יידיש, טראָגן אַ גרויסע שולד דערפאַר, דאַרף מען מיר דאָך שוין פון לאַנג.

און אפשר זיינען גאָר אונדזערע וועגן צו דער יוגנט ניט צוגעפּאַסט?

אָט איז די יידישע אַרגענטינער יוגנט, און ניט נאָר די אַרגענטינער, מיטגעריסן געוואָרן מיט מדינת ישראל, ביז עולה־זיין אַהין. פלוצים האָט די יוגנט אַרום זיך דערפילט פאַרעמדקייט... פאַרוואָס־זשע זאָל ניט קענען געשען אַז יידישע יוגנט זאָל אין אַ געוויסער מאָס אויך דערפילן גייסטיקן גלות, קולטור־פּיין, ווי עס איז דאָס זיין אָפּגעריסן פון דער שפּראַך, קולטור און ליטעראַטור, וואָס איז דאָס שאַפן פון איר אייגענעם פאָלק?

פאַרוואָס זאָל אונדזער יוגנט סוף־כל־סוף ניט מיד־ווערן צו לעבן פון מאָגערע ברעקלעך, פון שטיקלעך איבערזעצונגען?

●

פרעזידענט חיים ווייצמאַן האָט געזאָגט וועגן ישראל: „אונדזער דור האָט גע־האַט די זכיה צו פאַרווירקלעכן דאָס, וואָס אַלע דורות פאַר אונדז האָבן נאָך דעם געבענקט".

די מערכה פון יידיש און יידישער קולטור נאָך דעם ווי דער נאַצי־משחית האָט אומגעבראַכט זעקס מיליאָן יידן אין אייראָפּע, איז לײַדער געוואָרן אַ סך פּײַנפולער. ווי זאָגט דער דיכטער י. י. סיגאַל אין זײַן ליד צו יידישע פּאָעטן:

„מיר בלײַבן אַלץ ווייניקער, ווייניקער איבער —
אַ קליינע פאַראייניזאַמטע דיכטערשע עדה".

אָבער יידיש, יידישע ליטעראַטור — די קוואַלן פון אונדזער גײַסטיקער אייגנ־אַרטיקייט, אירע זאַפטן — שטאַרקן אונדזער קיום ווי אַ פאָלק און וועקן צו גאולה, מעג דער אָרום זײַן ווי שווער.

●

אויך דאָס יידישע לעבן אין אַרגענטינע האָט בײַצוקומען פיל שוועריקייטן, אויסערלעכע ווי אינערלעכע קאַמפן, ראַנגלענישן און אידעאָלאָגישע קאָנפליקטן. די וואַרעמע יידישע סביבה, די שפּרודלדיקע פאָלקסטימלעכקייט און די ליבשאַפט צום נאַציאָנאַל־ווערטפולן לעבן, וואָס האָט זיך אויסגעפורעמט, שטאַרקט דאָס יידישע לעבן אין אַרגענטינע.

מיטן אַנטשטיין פון מדינת ישראל זײַנען שאַרפער געוואָרן פאַרשיידענע פּראָ־בלעמען, וואָס ווערן אין אונדזער סביבה געשטעלט: ווי ווײַט באַדאַרף זיך דער ישוב אָווועקגעבן פאַר ישראל און וויפיל פאַרן לעבן אויפן אָרט און ווי שאַפט מען אַ־בערהויפּט אַ גלײַכגעוויכט?

●

אין ה. לייוויקס דראַמאַטישער פּאָעמע „די חתונה אין פערנוואַלד", פּאַרעפּנט־לעכט טײַלווײַז אין „די גאָלדענע קייט", ווערט אַרויסגעבראַכט אַ דיסקוסיע וועגן דעם, וואָס ס'איז אין איצטיקן מאָמענט מער נאַציאָנאַלער אויפטו: געבוירן אַ קינד אָדער פאָרן קיין ישראל... אייגנטלעך ווערט די דאָזיקע דיסקוסיע אין פאַרשיידענע וואַריאַנטן געשטעלט אין דער ברייטער יידישער וועלט.

אָבער, וואָס נוגע אונדזער סביבה, איז צו זען, אַז וואָס ברייטער עס וועלן זײַן אונדזערע האָריזאָנטן און וואָס שטאַרקער עס וועט ווערן דער ווילן צו לעבן אַן אייגן לעבן, אַלץ מער וועט דאָס נאַציאָנאַל־אויסגעשטאַלטיקט יידישע פאָלקס־לעבן אין אַרגענטינע קאָנען האָפן צו באַקומען אייגענעם קאָליר און אַרײַנברענגען אייגענעם טאָן אין דער סימפאָניע, וואָס אונדזער פאָלק, שוין מיט מדינת ישראל, וועט אויס־שפּילן אין דער וועלט.

אליהו ליפינער

ריא־דע־זשאנעיירא, בראזיל

מחשבות וועגן דעם גורל פון יידן און יידישקייט אין בראזיל

— א —

יידיש לעבן אין געשיכטלעכן פארנעם איז אן אייביקער פראצעס פון היסטארישע גלגולים, אויף וועלכע עס איז נישט חל די קשיא וועגן אימפעט, אינטענסיוויטעט אדער אנטוויקלונג-מעגלעכקייטן. אבער יידיש לעבן, אריינגעפאסט אין די ענגע ראמען פון צייט און ארט, איזאלירט ווי אן אקטועלע פראבלעם, פארדינט זיך באמת דעם דאזיקן נאמען נאר אונטער באשטימטע פאזיטיווע תנאים פון ריטם, אינטענסיוויטעט און, בעיקר, פאטענציעלע כוחות. און קוקנדיק אויף דעם יידישן לעבן אין בראזיל פון אזא ווינקל, קומט מען צו טרויעריקע סך־הכלען.

געסט, וואס קומען אהער אויף א ווייל און קאנצענטרירן זייערע באאבאכטונגען הויפטזאכלעך אויף דער פילאנטראפישער און געזעלשאפטלעכער טעטיקייט פונעם אימיגראנטן־דור, וועלכער לעבט נאך אין לאנד, אדער ווערן נתפעל פון א יידישער צי העברעישער דעקלאמאציע, וואס זיי האבן געהערט אויסן מויל פון א פעיקן שילער, קאנען אפשר קומען צו מער אפטימיסטישע שלוסן. שוין די מער אויפמערקזאמע צווישן זיי, וואס האבן לענגער געהאלטן אין האנט דעם דופק פון בראזיליאנער יידישן קיבוץ, דריקן אויס די סברה, אז דער מאנגל אין שווונג, וואס מערקט זיך אין היגן יידישן לעבן, דערקלערט זיך מיט דעם, וואס עס געפינט זיך ערשט אין דער פאזע פון אויפגאנג. עס איז באמת פאראן אין דער נאטור א טראגישע ענלעכקייט צווישן אויפגאנג און פארגאנג — דעריבער איז אזוי גרינג זיך טועה־צו־זיין.

ווער עס פאַראַנקערט אָבער טיפער זײַן בליק אין דער היגער ווירקלעכקייט, זעט אַז אין בראַזיל האָט אַמאָל אַנגעהויבן אויפגיין אַ ייִדיש לעבן און איצט פאַרגייט עס, פאַר דער צײַט.

— ב —

ייִדישע אַנוסים זײַנען געשטאַנען בײַם וויגעלע פון בראַזיל און האָבן באַגלייט צוזאַמען מיט די עכטע פּאָרטוגעזער אַלע היסטאָרישע מעטאַמאָרפאָזעס פון דעם ריזיקן לאַנד. און ניט אין אַ קלענער צאָל זײַנען זיי געווען. וואָס איז פון זיי גע־בליבן? שפּורן, וואָס נאָר אַ גענייטער היסטאָריקער קען אויפדעקן. די ייִדישע אימי־גראַציע פון די לעצטע פּאָר צענדליגנג יאָר פאַרנעמט זיך אויפן זעלביקן וועג און, אויב זי זאָל ניט דערפרישט ווערן מיט די כוחות פון אַ נײַעם איינוואַנדערונגס־שטראָם איז ניט ווײַט דער ייִדישער דור, וואָס וועט צאָלן די לעצטע ראַטע זײַן אייגענעם אומקום.

איך קום ניט, חלילה, צו דער דאָזיקער הנחה, ווײַל פון דער בראַזיליאַנער ייִדי־שער גאַס איז פאַרשוווּנדן דער ייִד מיטן שטרײַמל און זשופּעצע און די ייִדענע אין פּאַרוק. ייִדיש לעבן איז פּושט צורה און לובש צורה. איך מעסט אָבער מיט דער מזרח־אייראָפּעיִשער מאָס — ווײַל דער רוב פון היגן קיבוץ באַשטייט פון ייִדן וואָס האָבן אַהער אײַנגעוואַנדערט פון ליטע, רוסלאַנד, פּוילן און רומעניע — און לויט דער דאָזיקער מאָס איז ייִדיש לעבן ענג פאַרבונדן מיט ייִדיש לשון און מיט דער כסדרדיקער אַנטוויקלונג פון נאַציאָנאַלע קולטור־ווערטן.

אמת, ווען מען זאָל באַטראַכטן די קיום־פראַגע פון בראַזיליאַנער קיבוץ דורך דער פּריזמע פון אונדזער היסטאָרישער אייביקייט, קאָן מען דרינגען, אַז ייִדן ווי קוריאָזע עקזעמפּליאַרן וועלן אויך דאָ קיינמאָל ניט פאַרשווינדן. אי דאָס דאַרף מען, אין דעם פאַל, ערשט אָננעמען אַז צוויי טויזנט יאָר גלות־עקזיסטענץ הייסט היס־טאָרישע אייביקייט און מ׳דאַרף זיך וועלן ניט ווּסנדיק מאַכן, אַז אין די אויגן פון דער געשיכטע קאָן נאָך אַזאַ צײַט־אָפּשניט געגליכן זײַן „צו דעם נעכ־טיקן טאָג וואָס איז פאַרשוווּנדן". אָבער דער אַספּעקט איז שוין ניט ספּעציפיש פאַרן בראַזיליאַנער ייִדן־קיבוץ און אונדז אינטערעסירט סײַ ווי ניט — אין דער דאָזיקער אַרבעט — די עקזיסטענץ־מעגלעכקייט פון פאַרגליווערטע ייִדישע מומיעס פאַרן מוזיי פון דער וועלט־געשיכטע, נאָר דער קיום פון אַ צאַפּלדיקן און ריטמישן ייִדישן לעבן אין דער בראַזיליאַנער מדינה.

— ג —

און אויב די טויערן פון בראַזיל זאָלן טאַקע פאַרמאַכט בלײַבן פאַר אַ ייִדישער מאַסן-אײַנוואַנדערונג און דער אײַנגלידערונג־פּראָצעס פון ייִדישן קיבוץ אין אַלגע־מיינעם לעבן זאָל מחמת כלערליי סיבות פאַרשפּעטיקט ווערן, וואָס פאַר אַ גע־שטאַלט וועלן אָננעמען די ייִדישע דורות פון דער נאָענטער צוקונפט?

זיי וועלן זיכער גיין אין וועג פון קלענסטן ווידערשטאַנד און זוכן אַ פאָרמול פון עקזיסטענץ על פּי וועלכער די נאַציאָנאַלע התחייבותן זאָלן זײַן די מינימאַלסטע. דער נײַער דור, קינדער פון מזרח־אייראָפּעיִשע אימיגראַנטן, הייבט זיך טאַקע אָן אידענטיפיצירן מיט אונדזערע ספרדישע ברידער, וועלכע לעבן לויט אַזאַ פאָרמול און אַנטפּלעקן זייער ייִדישקייט הויפּטזאַכלעך אין געשטאַלט פון רעליגיעזע צע־רעמאָניעס.

און דאָ דאַרף מען קיין טעות ניט מאַכן בנוגע דער ראָלע, וואָס רעליגיע שפּילט בײַם אויפֿהאַלטן דעם נאַציאָנאַלן קיום, און געדענקען, אַז זי איז פאַרשיידן בײַ די צוויי פאַרשיידענע צווײַגן פון ייִדנטום — בײַ אשכנזים און ספרדים. אין דער עק־זיסטענץ פון מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן האָט רעליגיע געווירקט טאָג־טעגלעך ווי אַ פּאָזיטיווער פאַקטאָר. זי האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעטרייסלט פון איר ריטועלער גע־שטאַלט און זיך בהדרגהדיק אידענטיפיצירט מיטן סענטימענטאַלן און דראַמאַטישן מאָמענט פון דער ייִדישער געשיכטע. תפילות זײַנען אויסגעליידיקט געוואָרן פון זייער פּרימיטיוון תוכן — שוין אויך דערפאַר וואָס דער רוב האָט זייער שפּראַך ניט פאַרשטאַנען — און זײַנען געוואָרן ווי געהייליקטע לאָגלען אין וועלכע יעדער האָט אַרײַנגעגאָסן זײַן אייגענעם צער. אָבער בײַ ספרדים איז רעליגיע פאַרגליווערט גע־בליבן אין איר פּרימיטיווער ריטועלער פאַזע און דריקט זיך גיכער אויס אין עקזאָ־טישע צערעמאָניעס עטלעכע מאָל אַ יאָר.

די רעליגיעזע פאָרמול, צו וועלכער דער נײַער דור איז דאָ נוטה, איז אַ ספרדי־שע און ניט קיין אשכנזישע. דעריבער קאָן מען זיך ניט מאַכן קיין אילוזיעס וועגן דער געשטאַלט פון די קומענדיקע ייִדישע דורות אין בראַזיל. עס איז גיכער צו דרינגען, אַז פון דעם אַלגעמיין־ניוועלירטן שיכט וועלן דאָ און דאָרט אַרויסשפּראָצן עקזאָטישע ייִדן־עקזעמפּלאַרן, וואָס וועלן קאָנען דינען ווי אַ סוביעקט פאַר נײַע קוריאָזע מאַראַנען־געשיכטעס, אָבער וועלן ניט קאָנען אַרײַנגערעכנט ווערן אינעם אַקטיוו פון דער אוניווערסאַלער ייִדישער בוכהאַלטעריע.

— ד —

עס זײַנען ביז הײַנט ניט פֿאַראַן קײַן זיכערע סטאַטיסטישע ידיעות וועגן דער גרייס פֿון ייִדישן ישוב אין בראַזיל. ער ווערט געשאַצט אין איבער הונדערט טויזנט נפֿשות און באַשטייט פֿון ספֿרדישע, דײַטשע און מזרח־אייראָפּעיִשע קהילות וואָס פֿירן יעדע איינע אַ לעבן פֿאַר זיך.

צוריק מיט פֿופֿציק אָדער זעכציק יאָר, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן אין דרום די ערשטע איינצלנע מזרח־אייראָפּעיִשע אימיגראַנטן, זײַנען שוין אין צפֿון געווען אָרגאַניזירטע קהילות פֿון ספֿרדים. זיי האָבן אײַנגעוואַנדערט פֿריִער, אין אַן אומבאַקאַנטער צאָל, אָבער די וואָס זײַנען נאָך געבונדן מיט ייִדישע טראַדיציעס מאַכן הײַנט אויס אַ גאָר קליינעם חלק פֿון דער אַלגעמיינער צאָל.

ווי דער כּלל איז בנוגע טייל אַנדערע לאַטײַן־אַמעריקאַנער לענדער, האָבן די ערשטע מזרח־אייראָפּעיִשע אימיגראַנטן אין בראַזיל געמוזט פּ א ר ב ל אָ נ־ ד ז ש ע ט ווערן אויפֿן וועג צו „צוגעזאָגטע” לענדער, אין וועלכע עס האָבן זיך שוין דעמאָלט געפֿונען גרעסערע ייִדישע קיבוצים. בראַזיל האָט געזאָלט זײַן אַ צײַט־ווײַליקע סטאַנציע, פֿון וואַנען מען וועט זיך ערשט לאָזן אין וועג אַרײַן. אַנדערע זײַנען געקומען בכּוונה „אויף דערווײַל”, מאַכן אַ ביסל געלט און זיך באַלד אומקערן אַהיים צו ווײַב און קינדער. דערויף זאָגן עדות די מצבֿות פֿון די ערשטע ייִדישע נפֿטרים וואָס זײַנען צו קבֿורה געקומען אויף קריסטלעכע בית־עלמינס.

אָבער די ערשטע וועלט־מלחמה מיט אירע קאָנסעקווענצן און די אַלץ שטײַגנ־דיקע צאָל מלחמה־פּליטים האָבן געעפֿנט פֿאַר די ערשטע אימיגראַנטן אַ פֿענצטער צו דער ווירקלעכקײַט. זיי האָבן, בכּן, אָנגעהויבן אײַנזען, אַז מען דאַרף ערנסטער געמען טראַכטן וועגן זיך אײַנוואָרצלען אויף דער נײַער ערד און אַריבערברענגען די פֿאַמיליעס פֿון יענער זײַט ים.

אַזוי האָבן אָנגעהויבן שפּראָצן די ערשטע סימנים פֿון געזעלשאַפֿטלעכקײַט: אַ שילכל צום דאַוונען, אַ בית־עלמין, אַן אימיגראַנטן־הויז, אַ פֿילאַנטראָפּישע אינס־טיטוציע, אַ שול, אַ ביבליאָטעק, אַ וואָכנשריפֿט.

מיטן פֿאַרגרעסערן זיך פֿון אימיגראַציע־שטראָם בפֿרט צווישן 1920 און 1930, זײַנען אַרײַנגעקומען אין לאַנד ייִדן פֿון אַלע סאָציאַלע קאַטעגאָריעס און פּאַרטייִשע אָנגעהעריקײַטן, און דאָס ייִדישע לעבן האָט זיך אָנגעהויבן אַנטפּלעקן אַלץ בולטער אין די היימישע פֿאַרבן פֿון דער אַלטער היים.

דער פּרימיטיווער פּראָפֿעסיאָנעלער צוזאַמענשטעל פֿון די אימיגראַנטן, וואָס איז געווען זייער פֿאַרשיידנאַרטיק, איז דאָ תּיכּף פֿאַראייניקטלעכט געוואָרן: נאָר אַ גאָר קליינער טייל האָט זיך גענומען צו מלאָכה און אַ נאָך קלענערער צו לאַנד־ווירטשאַפֿט און קאָלאָניזאַציע, בײַ וועלכער עס זײַנען נאָך ביז הײַנט באַשעפֿטיקט

די לעצטע פּאָר צענדליגג משפחות. דער רוב איז געווען איבערצייגט, אַז אין האַנדל ליגט די מזל־ברכה, און האָט זיך געוואָרפן צו פּעדלעריי. מיט דער צייט האָבן פיל „ארויפגעארבעטע" אַוועקגעוואָרפן די האַזיקע פאָרמע פון קליינהאַנדל און אָנגעהויבן שפּילן אַ וויכטיקע ראָל אין דעם אינדוסטריעלן לעבן פון לאַנד.

די עקאָנאָמישע לאַגע איז, פאַרהעלטענישמעסיק, געווען אַ גלענצנדיקע, און אַלע האָבן געשטיצט מיט אַ ברייטער האַנט די געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען. עס זיינען געשאַפן געוואָרן די געלט־מיטלען, וואָס האָבן דערמעגלעכט דאָס בויען אייגענע פּרעכטיקע בנינים פאַר בתי־תפילה, דערציונג־אַנשטאַלטן און הילף־אינסטיטוציעס. צוויי פון די וואָכנשריפטן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טעגלעכע צייטונגען; די צאָל ביבליאָטעקן האָט זיך פאַרגרעסערט; עס זיינען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון אַרויסצוגעבן יידישע אויסגאַבעס אין דער שפּראַך פון לאַנד. עס איז נאָך געקומען צו הילף דער גינסטיקער געאָגראַפישער פאַקטאָר, וואָס יידישע אימיגראַנטן האָבן זיך ניט צעשפּרייט. דער רוב איז פאַרבליבן אין די צוויי פּרימיטיווע איינוואַנדרונג־פּונקטן — סאַן־פּאַולאָ און ריאָ־דע־זשאַנייראָ — די וויכטיקסטע שטעט פון לאַנד. הכלל, מען איז געגאַנגען באַרג־אַרויף.

— ה —

אָבער ביי די אַלע סימנים פון אויפבלי האָט דער יידישער קיבוץ נאָך ניט באַוויזן אָנצוזאַמלען גענוג רעזערוו־כוחות, וועלכע זאָלן אויף להבא דערמעגלעכן זיין נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ אויף אייגענע פיס. עס האָט זיך געפורעמט אין אַ סכעמאַטישער פאָרמע אַ בונטפאַרביק יידיש לעבן, וואָס זיין גורל איז נאָך, אָבער, געווען אָפּהענגיק פון אַ נייעם איינוואַנדערונג־שטראָם. באַזונדער האָט זיך געפילט אַ מאַנגל אין אַקטיווע אינטעלעקטועלע כוחות.

נאָר אין 1930 האָט די רעגירונג געמאַכט די ערשטע באַגרענעצונגען פאַר אימיגראַציע, וועלכע איז צייטנווייז אַפילו געווען אינגאַנצן אָפּגעשטעלט, ספּעציעל פאַר יידן, כאָטש מען האָט עס עפנטלעך ניט דערקלערט. אין בראַזיל שמעלצט זיך אַ נייע ראַסע, וואָס האָט נאָך ניט דערגרייכט איר עטנישן גלייכגעוויכט, און די רעגירונג וויל פאַרשנעלערן דעם פּראָצעס מיט קינסטלעכע מיטלען. דעריבער איז זי אַנטשלאָסן אָפּצושטעלן דעם צושטראָם פון עלעמענטן וואָס אַסימילירן זיך ניט גרינג, און אויף די פרעמדע וואָס געפינען זיך שוין אין לאַנד ווערט — דורך ספּעציעלע געזעצן — אויסגעאיבט אַ מעכטיקער ניוועלירנדיקער דרוק.

לערך מיט אַכט יאָר צוריק איז אַרויס אַ דעקרעט וואָס האָט פאַרבאָטן אַלע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד — די ציוניסטישע בתוכם — און אַלע צייטונגען און אויסגאַבעס אין פרעמדע שפּראַכן. דער

דערקרעט, וואָס איז דאָן חל־געווען אויף אַלע נאַציאָנאַלע מיעוטים, איז פאַר קיינעם ניט געווען אַזוי ווייטיקלעך ווי פאַר ייִדן. כאָטש ער איז שוין בטל עטלעכע יאָר, פילן מיר נאָך ביז הײַנט זײַנע קאָנסעקווענצן, ווײַל די צוויי טעגלעכע צײַטונגען אין ייִדיש, וואָס זײַנען דאָן פאַרמאַכט געוואָרן, זײַנען שוין מער ניט אויפגעשטאַנען, און מיר זײַנען געבליבן בײַ צוויי אָרעמע און בלייכע וואָכנשריפטן.

אמת, אַז די צײַטונגען און געצײילטע ביכער, וואָס זײַנען אין בראַזיל אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ייִדיש, שטייען ניט אויף אַ צופרידנשטעלנדיקער הייך און פאַרמאָגן ניט קיין אינטעלעקטועלע אויטאָנאָמיע. מחמת דעם מאַנגל אין אַן אָרגאַניזירטן געזעלשאַפטלעכן קאָנטראָל, האָבן עמי־הארצים און אַוואַנטוריסטן פיל מאָל גענומען אין האַנט דעם רודער פון ליטעראַרישער טעטיקײַט. עס האָבן ניט געפעלט תלמידי־חכמים; זיי האָבן אָבער געוווּסט, אַז ניט תמיד לאָזט זיך ערודיציע אידענטיפיצירן מיט ליטעראַרישן טאַלאַנט, און זײַנען געבליבן באַשיידענע אין אַ זײַט.

נאָר אויף אַלע פּרוּוון, וואָס זײַנען געמאַכט געוואָרן, קאָן מען מלמד־זכות־זײַן. אויב מען זאָל זיי באַטראַכטן ווי די ערשטע פּונקטן אין דער אַנטוויקלונג־ליניע פון לאָקאַלן קולטורעלן שאַפן. אָבער אַפילו די דאָזיקע פּרוּוון ווערן אַלץ זעלטענער און זעלטענער. דער ערשטער דור ייִדן געבוירענע אין בראַזיל הייבט־אָן אַ נײַ קאַפּיטל. ער איז ניט פאַרוואָרצלט אין דער ייִדישער טראַדיציע. ער רעדט ניט קיין ייִדיש און איז אָפּגעפרעמדט פון די ייִדישע קולטור־אוצרות בכלל. די ייִדישע קולטור־טעטיקײַט שטייט־אײַן, בכן, אין די הענט פון אימיגראַנטן־דור וואָס זײַנע רייען ווערן אַלץ שיטערער און שיטערער, אָן דעם צופלוס פון געגנוג נײַע עלעמענטן. אין די ייִדישע שולן, וואָס זײַנען צעשפּרייט איבערן לאַנד און וואָס זייער טעטיקײַט איז אַ באַשרענקטע, לערנט אַ קליינער פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל ייִדישע קינדער, פון וועלכע עס איז סײַ ווי דאָ ווייניק צו דערוואַרטן.

און צו דער דאָזיקער צעשטערונג, וואָס קומט פאַר אינעווייניק, איז נאָך צוגעקומען דער אויסערלעכער דרוק פון דער רעגירונגס נאַציאָנאַליזאַציע־פּאָליטיק.

וואָסערע זשע עתידות קאָן מען, בײַ אַזעלכע פּערספּעקטיוועס, פאָרויסזאָגן דעם ייִדישן קיבוץ אין בראַזיל?

— ו —

און אויב די רעגירונג ווײַזט אויס צו זײַן אַנטשלאָסן ניט צו דערלאָזן אַ צושטראָם פון נײַע ייִדישע אײַנוואַנדערער, וואָס איז מכוח אַנטיסעמיטיזם, וועלכער הינט אויך אָפטמאָל ווי אַ קאָנטשיק אין די הענט פון דער געשיכטע צו דערפרישן די נאַציאָנאַלע ייִדישע סענטימענטן? אין בראַזיל גופא זײַנען ניט פאַראַן די אָב־

יעקטיווע תנאים, וואס זאלן בכוח זיין ארויסצורופן אן ארגאניזירטע, אינטענסיווע שנאה צו יידן:

דער מאטיוו פון ראסן־ריינקייט איז אויסגעשלאסן, ווייל דער פארמירונג־פראצעס פון דער בראזיליאנער נאציע פון דריי פארשיידענע עלעמענטן — איינגעבוירענע אינדיער, אפריקאנער נעגערס און ווייסע אייראפעער — גייט נאך אן ביזן היינטיקן טאג פאר די אויגן פון דער גאנצער וועלט.

די יידישע אייגנארטיקייט ווארפט זיך דא אויך ניט אזוי אין די אויגן, ניט בלויז ווייל זי וועפט זיך אויס געשווינד אויף א נאטירלעכן אופן, נאר אויך צוליב דעם וואס צווישן א באפעלקערונג פון צוויי און פערציק מיליאן איינוווינער מאכט דער יידישער קיבוץ אויס א מינימאלן פראצענט און דער באריר־שטח פון בראזיליאנער און יידישן לעבן איז א ביז גאר באגרענעצטער.

אויב יידן שפילן א וויכטיקע ראלע אין עקאנאמישן לעבן פון לאנד, זיינען זיי אבער זעלטן פארטראטן אין אינטעלעקטועלן לעבן און נאך זעלטענער אין פאליטישן.

אמת אז אין די ביוראקראטישע קרייזן פלעגט מען ניט זעלטן דערהערן א שטים קעגן יידן, אז זיי פארכאפן די עקאנאמישע הערשאפט, און באזונדער איידער בראזיל איז אריין אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די דייטשע פראפאגאנדע האט נאך געהאט צו איר דינסט א בראזיליאנער פרעסע, וואס האט געארבעט מיט די מיטלען און לויט די באפעלן פון בערלינער הויפטשטאב. אבער נאך דעם ווי בראזיל האט זיך אפן געשטעלט אויף דער זייט פון די אליאירטע איז דער בראזיליאנער אפטייל פון אנטיסעמיטישן אינטערנאציאנאל געבליבן אפהענטיק. היינט הערט מען שוין זיין שטים זייער זעלטן און פארשטעלט, און כמעט נאר דעמאלט ווען אין דער פרעסע ווערט דיסקוטירט די פראגע וועגן דער לוינלעכקייט פארן לאנד פון געוויסע קאטעגאריעס אימיגראנטן.

די אינטעלעקטואלן, דאקעגן, זיינען בדרך־כלל שטענדיק געווען געשטימט פריינדלעך צו יידן. אין דעם פאטאלן יאר 1933 זיינען זיי ארויס מיט פראטעסט־ארטיקלען און האבן שארף פארדאמט די דייטשע אקטן פון וואנדאליזם קעגן יידישן פאלק. אבער זעלטן טרעפט מען צווישן זיי איינעם וואס זאל שטיצן די נאציאנאלע אספיראציעס פון יידן, ווי אן עטנישער מיעוט. אין ענגלאנד זיינען מיר חשובים אין זכות פון דער ביבל און אין בראזיל לויבט מען אונדז ביז אין טאג אריין ווייל מיר האבן געגעבן דער וועלט ישוע, איינשטיינען, פרוידן און שפינאזאן. האלטן טאקע אונדזערע גוטע פריינד, אז מיר וואלטן געווען א געשמאקער ביסן צום פארשלינגען און אסימילירט ווערן אין דעם בראזיליאנער נאציאנאלן ארגאניזם. איינער פון זיי האט אונדז אפילו צוגעזאגט, אז אויב מיר וועלן זיך טאקע אויף ווייטער אויפפירן גוט און וויל, וועט די בראזיליאנער רעגירונג מאכן אויף אונדז א „וויסן

פּאָגראָם"... גוט האָבן אונדזערע חכמים דעפֿינירט דעם דאָזיקן סאָרט אומזיכערע ליבע: „אהבה התלויה בדבר".

די כאַראַקטעריסטישע סימפּאַטיע פֿון בראַזיליאַנער אינטעלעקטואַלן וועט אַמ־בעסטן אילוסטרירט ווערן מיט פֿאָלגנדיקן אויסצוג פֿון אַן אָפֿיציעלן געריכטלעכן פּסק־דין, מיט עטלעכע יאָר צוריק:

„דער ריכטער וויל ניט פֿאַרענדיקן זײַן אורטייל איידער ער וועט נאָך באַמערקן, אַז אין דער ערשטער ביטע־שריפֿט איז, צוזאַמען מיט אַנדערע כאַראַקטעריסטיקעס פֿון דעם אָנגעקלאָגטן, דערמאָנט געוואָרן אויך זײַן נאַציאָנאַליטעט. די אָנקלאָגעריִן, קוואַליפֿיצירנ־דיק דעם אָנגעקלאָגטן, אין די ערשטע שורות פֿון זײַט 2, רופֿט אים אַן „ייִד". דאָס איז ניט קײַן טיטל פֿון אָפּשטאַם אָדער נאַציאָנאַליטעט און, לויט דעם אופֿן ווי די אָנקלאָגעריִן האָט עס באַנוצט, קאָן עס באַטראַכט ווערן ווי אַ זידלוואָרט קעגן דעם אָנגעקלאָגטן. און דאָס דאָזיקע זידלוואָרט איז אויף אַזויפֿיל מער ווילד, אויף וויפֿל דער אָנגעקלאָגטער, ווי אַ ייִד, קאָן זיך פֿון אים ניט אָפּטרייסלען, ווײַל ער קאָן זיך דאָך ניט שעמען דערמיט וואָס ער איז אַ ייִד, כאָטש אַזוי איז דער דאָזיקער עפּיטעט באַליידיקנדיק, על פּי דעם אופֿן ווי ער איז באַנוצט געוואָרן.

אין בראַזיל איז קיינמאָל ניט געווען דאָס מיאוסע אַנטיסעמיטישע געפֿיל, וואָס איז אַזוי פֿאַרשפּרייט אין דעם אייראָפּעיִשן באַרבאַריזם היינטיקע צײַט. עס איז צום באַדויערן, וואָס אין אַ געריכטלעכן דאָקומענט זאָל אָפּקלינגען די דאָזיקע געמיינקייט, וועלכע באַ־שטייט אין פּרוּוון זידלען אַ ראַסע, וואָס האָט צוריק מיט צענדליגער יאָרהונדערטער אַרויסגעריסן די מענטשהייט פֿון דעם גראָבן פּאָליטעיִזם צום מאָנאָטעיִזם, וואָס האָט אַרויס־געגעבן דאָס קריסטנטום, וואָס האָט געראַטעוועט די גריכיש־רוימישע קולטור פֿון דעם זעלביקן גערמאַנישן באַרבאַרנטום און וואָס האָט אַרויסגעגעבן די גלענצנדיקסטע עקזעמ־פּליאַרן פֿון דער מענטשלעכער אינטעליגענץ אין אַלע ספֿערעס פֿון קונסט און וויסנשאַפֿט. גענוג בלויז צו דערמאָנען דעם נאָמען פֿון שפּינאָזאַ, אַז עס זאָל באַדעקט ווערן מיט רום די איזראַעליטן־ראַסע אָדער די גרופּעס ייִדן.

דעריבער באַפֿעל איך אַז דער געריכט־שרײַבער זאָל אויסשטרײַכן דאָס אויבנדערמאָנטע בײַוואָרט אויף דער פֿינפֿטער שורה פֿון דער ערשטער ביטע־שריפֿט."

אַזוי איז דער ייִדישער כבוד אין בראַזיל געראַטעוועט געוואָרן אין זכות פֿון דעם אַסקעטישן פֿילאָזאָף וואָס איז מיט קנאַפּע דרײַ הונדערט יאָר צוריק אַרײַנ־געלייגט געוואָרן אין חרם צווישן די פֿיר ענגע ווענט פֿון דער פּאָרטוגעזישער סי־נאַגאָגע אין אַמסטערדאַם.

דער אַנטידעמאָקראַטישער אַרגומענט, גענוצט פֿון גויִים און ייִדישע אַסימי־לאַטאָרן, אַז אויפֿן זכות פֿון אונדזערע גדולים איז באַזירט אונדזער רעכט אויף קיום, ווערט וואָס אַ מאָל מער באַנאַל און אַפֿילו שעדלעך. ער דערמאָנט די אומ־סימפּאַטישע טעאָריע פֿון ר' יהודה הנשיא וועגן וועלכן עס ווערט דערציילט, אין בבא־בתרא, אַז אין אַ הונגער־יאָר האָט ער געהייסן עפֿענען זײַנע תבואה־שפּײַכ־לערס און באַפֿוילן, אַז פֿון זיי זאָל מען שפּײַזן נאָר תלמידי־חכמים. אָבער דער תנא ר' יונתן בן עמרם האָט זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַן עם־הארץ און געקומען פֿאָדערן זײַן חלק שפּײַז, ניט אין זכות פֿון דער תורה, נאָר ווײַל אַלע ברואים האָבן אַ רעכט

צו לעבן: „פ ר נ ס נ י כ כ ל ב ו כ ע ו ר ב" — האָט ער געפּאָדערט — שפּייִז מיך, ווי גאָט שפּייִזט דעם הונט און דעם ראָב!
און ר' יהודה האָט נאָכגעגעבן...

— ז —

צוויי כוחות — איז אויבן געזאָגט געוואָרן — ווירקן צעשטערנדיק, פון אי־נעווייניק און פון דרויסן, אויפן ייִדישן לעבן אין בראַזיל און צערייַבן עס ווי צווישן מילשטיינער. אויך דער אַלגעמיינער אומזיכערער מעמד, אין וועלכן עס געפינט זיך די גאַנצע וועלט, האָט זייַן חלק אין דער דאָזיקער צעשטערונג. אָבער אין דער ייִדישער געשיכטע זייַנען אַזעלכע צושטאַנדן נאָך וווייַט ניט קיין פאַטאַלער גזר־דין: אויב דער בראַזיליאַנער שארית־הפּליטה קאָן ווייניק טאָן לטובת זייַן אייגענער שטאַנדהאַפטיקייַט ווי אַ נאַציאָנאַלער מיעוט, איז ער אָבער מסוגל צו גרויסע מעשים לטובת דעם עתיד פון וועלט־ייִדנטום, וואָס ווערט איצט געשמידט אין דער „קו־זשניע וואָס שטייט בייַ די ברעגן פון ירדן". און דאָס איז קלאָר געוואָרן די לעצטע יאָרן, נאָך דעם ווי עס האָבן אויפגעהערט צו דונערן די האַרמאַטן פון צווייטן וועלט־קריג און עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די ייִדישע מדינה.

די לעצטע נסיונות פון אייראָפּעיִשן ייִדנטום האָבן אויפגעוועקט אַ גרויסן טייל פון דעם ערשטן האַלב־אַסימילירטן דור, און קינדער פון ספרדישע, דייַטשע און מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן, וואָס אין היימישע פּראָבלעמען פירן זיי יעדער איינער אַ לעבן פאַר זיך, האָבן אָנגעהויבן זיך דערנענטערן צוליב אַ געמיינזאַמען ציל. דער דאָזיקער ציל דריקט זיך ניט אויס אין דער כוונה צו שטאַרקן דאָס לאָקאַלע ייִדישע לעבן, נאָר אין דער שטרעבונג זיך אויפצובויען אַ היים אין דעם אַלט־נייַעם ייִדישן היימלאַנד.

די פאַקטן האָבן דערוויזן, אַז אַלע אידעאַליסטיש־אויפריכטיקע פּרוּוון אויפ־צולעבן ייִדיש לשון און ייִדישע קולטור צווישן די יונגע, אין בראַזיל געבוירענע, ייִדן זייַנען געווען און זייַנען נאָך אַ מיטאָלאָגישע סיזיפוס־אַרבעט. די ראָמאַנטיק פון גאולה, דאַקעגן, האָט זיי פאַרכאַפּט מיט איר היסטאָרישער בונטפאַרביקייַט און זיי שטראָמען אין אַ גרויסער צאָל קיין ישראל, אָפט מאָל אפילו קעגן דעם ווילן פון די ייִדיש־רעדנדיקע עלטערן, וועלכע שטוינען ממש, וואָס דער זעלביקער בחור, וועלכער פלעגט שטעלן אַן עקשנותדיקן ווידערשטאַנד בייַם לערנען אַ ביסל ייִדיש אין ביכל, רייַסט זיך היינט צו נעמען אַ ביקס אין צבא ההגנה.

און די שטעלונג פון בראַזיליאַנער ייִדישן קיבוץ לגבי דעם יונגן ייִדישן ישוב פון ישראל וועט מוזן דיקטירט ווערן פון דעם פּסיכאָלאָגישן געזעץ, על פּי וועלכן עלטערן קענען זיך ניט מתקנא־זייַן אין זייערע אייגענע קינדער...

* * *

די געשעענישן פון אונדזער דור האָבן צעטרייסלט די יסודות פון די זויבּ־טיקסטע ייִדישע קיבוצים אין דער וועלט און זייער טראַגישקייט האָט אויפגעוועקט פאַרדרימלטע ענערגיע צווישן דעם שארית־הפליטה אין די אַמעריקאַנער לענדער. און אויב עס איז טרויעריק דער פאַקט, וואָס די דאָזיקע אויפגעוואַכטע ענערגיע איז ניט מסוגל צו שטאַרקן די גלות־קיבוצים אויפן אָרט, איז עס אָבער, גלייכצייטיק, אַ היסטאָרישער זכות, וואָס זי ווערט קאַנאַליזירט לטובת דעם משיחישן פּראָצעס פון קיבוץ־גלויות.

דאָס איז דער גורל פון דער ייִדישער שארית־הפליטה אין אַלע לענדער פון דער וועלט. און דאָס איז דער גורל פון ייִדן און ייִדישקייט אין בראַזיל.

יצחק איסאַקסאָן

בוענאָס־אײַרעס

די השפּעה פון תנ״ך אויפן ענגלישן פאָלק

שטענדיק האָט דאָס פאָלק ישראל געוואַנדערט. מיטן אויסנאָם פון די עטלעכע יאָרהונדערטער, וואָס עס האָט געלעבט אין ארץ־ישראל, איז עס געשלײַדערט געוואָרן אין כּף־הקלע. ישראל האָט זיך געבריט אונטער אַלע זונען און איז געפּרוּווט געוואָרן פון אַלע קעלטן. קליין איז די וועלט געוואָרן פאַר דעם פאָלק ישראל.

דאָס ענגלישע פאָלק איז נישט פאַרטריבן געוואָרן פון זײַנע אינדזלען. זײַן היים האָט געבליט אין די לעצטע טויזנט יאָר. האָט איבערגענומען דעם באַרוף פון צור און איז אַרײַנגעדרונגען מיט זײַנע שיפן אין אַלע עקן וועלט: האָט קאָלאָניזירט, געבויט און עקספּלאָטירט. די הויפּטשטאָט פון ענגלאַנד איז ביז נישט לאַנג צוריק געווען די גרעסטע אין דער וועלט. די ענגלענדער זײַנען געוואָרן דאָס צווייטע וואַנדער־פאָלק: דאָס ערשטע איז ישראל. אָבער ישראל האָט געוואַנדערט מאונס און דער בריט האָט דאָס געטון מרצון. דער ענגלענדער איז געגאַנגען אַהין, וווּהין עס האָט אים געשטויסן זײַן אַמביציע און זײַנע אינטערעסן; ישראל איז געטריבן און געיאָגט געוואָרן, וווּהין עס האָט זיך געלאָזט. פאַרן ענגלענדער איז די וועלט געווען קליין און פאַרן ייִד איז זי געוואָרן קליין. אָבער צוליב גאַנץ פאַרשיידענע טעמים. דאָס געמיינזאַמע צווישן ביידע איז געווען איין ספר. ביידע האָבן זיך אינספּירירט אין איין ספר. מיטן אײנציקן אונטערשייד, וואָס דער ייִד האָט געצויגן יניקה, טרייסט און האָפענונג פון זײַן ספר, און דער בריט האָט זיך אינספּירירט אין דער איבערזעצונג פונעם ייִדנס העברעיִשן ספר...

איז אינטערעסאַנט צו זען, ווי ווײַט דער בריט האָט זיך אינספּירירט אין דער

ייִדישער תּורה, און ווי אזוי האָט זי געווירקט אויף די בעסטע גײַסטער פון ענגליש פאָלק.

***

מעטיו אַרנאָלד, דער ענגלישער פּאָעט און קריטיקער פונעם 19טן יאָרהונדערט, האָט געגרעדט פאַר זײַן פאָלק וועגן דעם „אייביק דויערנדיקן ווערט, וואָס עס האָט דאָס מענטשלעכע פונעם העברעיִזם". און „היות", האָט ער געזאָגט, „דרײַ פערטל פונעם מענטשלעכן לעבן איז אויפפירונג, איז זײַן השפּעה, יעדנפאַלס אויף דעם ענגליש־ריידנדיקן טייל פון אונדזער מערב-ציוויליזאַציע, דרײַ מאָל אַזוי וויכטיק ווי די השפּעה פון די גריכן".

טאָמאַס הענרי האַקסלי, דער גרויסער ביאָלאָג און דאַרוויניסט, האָט אַזוי געזאָגט וועגן תנ"ך: „די ביבל איז געווען די ,מאַגנאַ קאַרטאַ' פון די אָרעמע און אונטערדריקטע. העט ביז צו די מאָדערנע צײַטן האָט קיין שום שטאַט נישט געהאַט קיין קאָנסטיטוציע, אין וועלכער די אינטערעסן פונעם פאָלק ווערן אַזוי גענומען אין באַטראַכט, אין וועלכער עס ווערן אויף אַזוי פיל מער אונטערגעשטראָכן די פליכטן אײדער די פּריווילעגיעס פון די הערשער ווי דאָס ווערט אָנגעצייכנט פאַר ישראל אין „דברים" און „ויקרא". אין ערגעץ איז דער פונדאַמענטאַלער אמת, אַז דער וווילשטאַנד פונעם שטאַט איז אין דער אונטערשטער שורה אָפּהענגיק פון דער גערעכטיקײַט פונעם בירגער, נישט אַזוי שטאַרק פאָרמולירט ווי אין דער ביבל. די ביבל איז דאָס דעמאָקראַטישסטע בוך אין דער וועלט".

פאַרשטייט זיך, אַז ביז אַזעלכע געדאַנקען האָבן געקענט אַרויסגעזאָגט ווערן זײַנען אַוועק יאָרהונדערטער פון קאַמף מצד ענגלענדער־העלדן און מאַרטירער קעגן אינקוויזיציע און געצנדינסט, פאַר דער לײַטערונג פון „גאָטס וואָרט".

די געשיכטע פון דער ביבל אין ענגליש איז אַ לאַנגע און ביז גאָר־אינטערעסאַנטע. דער גרעסטער העלד און מאַרטירער איז געווען וויליאַם טינדייל (1536-1492), וועמען מען האָט אויפגעהאָנגען און נאָכדעם פאַרברענט, פאַר זײַן איבערזעצן דעם חומש און דעם ספר „יונה". ער האָט פאַרן טויט אויסגערופן: „גאָט, עפן די אויגן דעם קעניג פון ענגלאַנד!"

טינדייל האָט מפרש־געווען די תורה אויף זײַן אָריגינעלן אופן. אַזוי, למשל, צום פּסוק „מה אקוב, לא קבה אל ומה אזעם לא זעם אדוני" — צו וואָס זאָל איך שילטן, ווען גאָט האָט נישט געשאָלטן, און צו וואָס זאָל איך צאָרענען, ווען גאָט האָט נישט געצאָרנט — האָט ער צוגעגעבן: „דער פויפסט ווייסט שוין צו וואָס..." אָדער: „לא תביא אתנן זונה ומחיר כלב בית ה' אלהיך" — זאָלסט נישט אַרײַנברענגען דעם לוין פון אַ זונה און דאָס געצאָלט פון אַ הונט אין דעם הויז פון דײַן

גאָט — האָט טינדייל צוגעגעבן אַזאַ פּשט: „דער פּויפּסט וועט נעמען צינזן פון זיי, און בישאָפן און אַבאָטן ווינטשן זיך נישט קיין בעסערע קליענטן"...

פון די אַנדערע גרויסע איבערזעצערס דאַרף מען דערמאָנען מײַלס קאָווערדייל. נישט אַזאַ גרויסער ווי טינדייל, אָבער אַ מײַסטער פון אייגנאַרטיקע אינטערפּרעטאַציעס. אין 1560 איז דערשינען די „זשיניוואַ-בײַבל", איבערגעזעצט פון געהרודפטע פּראָטעסטאַנטן, באַקאַנט ווי די „בריטשעס בײַבל", ווײַל דער פּסוק „ויתפרו להם עלי תאנה ויעשו להם חגורות" איז איבערגעזעצט געוואָרן: „און זיי האָבן זיך געמאַכט קורצע הויזן, „בריטשעס"...

אָבער די גרעסטע דערגרייכונג אויף דעם געביט איז געווען די אויטאָריזירטע איבערזעצונג פון 1611, באַקאַנט ווי „דהי קינגס דזשעמס ווערשאָן אָוו דהי בײַבל" אָדער די „אָדהאָרײַזט ווערשאָן". נישט טינדייל, נישט קאָווערדייל, וויטינגטאָן, דזשאָן וויקליף און אַלע אַנדערע האָבן אינדיווידועל געקענט דערגרייכן אַרויסצוברענגען דעם מאָור פון ספר-הספרים, ווי ער האָט אויפגעלויכטן אין דער אויטאָריזירטער איבערזעצונג, וועלכע איז געוואָרן אַ „יִדיש-בריטיש קלאַסיש ווערק", ווי אַ מאָדערנער ענגלישער שרײַבער דריקט זיך אויס. „זי איז געוואָרן אַ טייל פון אונדזער נאָרמאַלן טעגלעכן לעבן; מיר עסן זי מיט אונדזער ברויט, מיר טרינקען איר מיט אונדזער ביר; מיר רויכערן זי, ווי דזשאָן מילטאָן פלעגט דאָס טון, מיט אונדזער טאַבאַק; בײַ דעם קלאַנג פון אירע ווערטער ווערן מיר געבוירן און שטאַרבן".

אין דער דאָזיקער וווּנדערלעכסטער פון אַלע איבערזעצונגען פון דער וועלט-ליטעראַטור האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן די נשמות פון צוויי פעלקער. „דאָס טיפסטע אין דער נאַטור פון דעם העברעער מישט זיך מיט דעם טיפסטן אין אונדזער ענגליש-קעלטישער נאַטור", זאָגט דער זעלביקער שרײַבער. „דאָס איז נישט אַ בוך פאַר איינעם, נײַערט אַ בוך פאַר אַלע; אַזאַ שמעלצטאָפּ פון אַלע הערלעכע, נאַטירלעכע, אומפאַרמײַדלעכע ווידערשפּרוכן, מיט וועלכע די מענטשהײַט האָט זיך ווידערשפּראָכן; אין דעם דאָזיקן איינאונאיינציקן בוך קען מען געפינען דעם ליטעראַרישן כלי-זין צו אַדאָפּטירן זיך צו אַזוי פיל פאַרשיידענע קלימאַטן, וואָס איז דער חותם פון וואַנדערנדיקן ייִד און דעם וואַנדערנדיקן ענגלענדער".

**
*

ביז דעם מאָרך פון די ביינער איז די שפּראַך פון תנ"ך, זײַנע בילדער און משלים אַרײַנגעדרונגען און באַרײַכערט די ליטעראַטור און זייער געדאַנקענגאַנג. שעקספּיר און מילטאָן, בײַראָן, טעניסאָן און דזשאָן ראַסקין, און אַנדערע, העט ביז הײַנט, געפינען זיך אונטער דער השפּעה פון תנ"ך.

אַ סך פּרעכטיקע מעטאַפאָרן, צו וועלכע עס האָט זיך דערטראַכט דער גרעס־טער גאון פון ענגלאַנד, וויליאַם שעקספּיר, אין זײַנע טראַגעדיעס „מאַקבעט", „האַמ־לעט", „אָטעלאָ", „קעניג ליר" און אַנדערע זײַנען באַהויכט מיט דעם אָטעם פון אונדזער תנ"ך. ווען שעקספּיר, למשל, זאָגט: "Lifes but a walking shadow", דערמאָנט דאָס אונדז אין „ויברח כצל ולא יעמוד" (איוב), „ער איז אַנטלאָפן ווי אַ שאָטן און זיך נישט אָפּגעשטעלט". אָדער: "For fear the very stones prate of my whereabout" (Macbeth), קומט גלײַך אויפן זינען: „כי אבן מקיר תזעק וכפים מעץ יעננה" (חבקוק). אין „האַמלעט" געפינט איר: "Conjures the wandering stars, and makes them stand", איז דאָס נישט אַ ווידערקול פון יהושועס „שמש בגבעון דום, וירח בעמק אילון"? און אין „יוליוס צעזאַר": "The sun of Rome is set" — דערמאָנט דאָס נישט אין „איוב", ווו עס זאָגט זיך: „באה שמשה בעוד יומם".

די השפּעה פון תנ"ך אויפן גײַסט און געדאַנקענגאַנג פונעם ענגלישן פאָלק, אויף די בויער און שעפער פון איר קולטור, איז אַ טעמע פאַר אַ גרויסן ווערק, פאַר יאָרן קאָנצענטרירטער אַרבעט. אין די ראַמען פון אַ קורצן עסיי איז גענוג צו ברענ־גען נאָר עטלעכע בײַשפּילן און אַנטוויקלען אייניקע געדאַנקען.

מילטאָן רעדט פון „אונדזערע העברעיִשע מזמורים און פידלען אין בבל". דער גרויסער דיכטער פון „דער פאַרלאָרענער גן־עדן", דער לעבעדיקער גײַסט פון דער פּוריטאַנער רעוואָלוציע, האָט זיך אידעטיפיצירט מיטן פאָלק פון תנ"ך.

ס'איז קוריאָז און אינטערעסאַנט, אַז נישט קיין אַנדערער ווי לאָרד טעניסאָן, האָט דערשפּ רט, אַז אַפילו אויף צו דערלערנען ענגליש, מוז מען קענען די ביבל אין ענגליש. „די ביבל — האָט געזאָגט דער דיכטער טעניסאָן — דאַרף געלייענט ווערן, ווען אַפילו שוין נאָר צוליב דעם מאַיעסטעטישן ענגליש, אין וועלכן זי איז געשריבן געוואָרן". ער אַליין איז געווען אַזוי שטאַרק דורכגעדרונגען מיט תנ"ך, אַז ער האָט נישט באַמערקט ווי ער ענדיקט זײַנע אַ פּאָעמע מיט אַ פּסוק פון ספר „איוב". זײַן פּאָעמע „מעי קווין" ענדיקט זיך אַזוי: "...And the Wicked cease from trouble, ande the weary are at rest". „שם רשעים חדלו רוגז, ושם ינוחו יגיעי כוח" (איוב), „דאָרט הערן אויף די רשעים צו רודערן, און דאָרט רוען די מידע אָן כוח" (אין יהואָשעס איבערזעצונג).

דזשאָן ראַסקין דערציילט:

— „וואָלטער סקאָט און האָמער אין פּאָפּס איבערזעצונג האָב איך אַליין אויס־געקליבן צום לייענען, אָבער מײַן מוטער האָט מיך יעדן טאָג געצוווּנגען צו לערנען אויסנווייניק לאַנגע קאַפּיטלען פון דער ביבל. דער דאָזיקער דיסציפּלין האָב איך צו פאַרדאַנקען נישט נאָר פאַר דער קענטעניש פון דעם ספר־הספרים, נײַערט פיל

פון מײַן ארבעטזאמקײט, און דעם בעסטן טייל פון מײַן ליטעראַרישן געשמאַק. מײַן מוטער האָט מיך געווידמעט צו גאָט איידער איך בין געבוירן געוואָרן, נאָכטוענדיק חנהן".

און אַזוי כסדר. מען וואָלט געקענט מישן און בלעטערן אין די ליטעראַרישע ווערק פון דער ענגליש־ריידנדיקער וועלט, און נישט אויפהערן פאַרנעמען די שטים פון אונדזערע נביאים, דעם גײַסט פון סיני. אַ דאַנקבאַרע טעמע וואָלט געווען צו שאַפן אַ פילאָלאָגיש ווערק, אין וועלכן עס זאָל אויסגעפאָרשט ווערן די השפעה פון תנ"ך אויף דעם ענגלישן לשון. דער פּראָמינענטער פאָרשער פון ענגליש, דער דענקער אָטאָ דזשעספּערסאָן, האָט דעם ענין באַרירט בלויז אין אַ פּאָר זײַטלעך, אין זײַן „וווקס און סטרוקטור פון דעם ענגלישן לשון". ער רופט די אויפמערקזאַמקײט אויף פאָלגנדע עטלעכע בײַשפּילן: „אל תגידו בגת"; „ירוץ כל הקורא בו"; דאָס וואָרט „ריב" אין סלענג אויף אַ פּרוי, זאָל לויט דער מיינונג פון דעם געלערנטן, שטאַמען פון דעם פּסוק „ויפּל ה' אלקים תרדמה על האדם... ויקח אחת מצלעותיו". אין תהילים איז פאַראַן די מעטאַפאָר „בניך כשתולי זיתים סביב שולחנך", און אין ענגליש רופט מען אָן קינדער, בדרך מליצה, „אָליוו בראַנטשעס"...

די השפעה פון תנ"ך אויף ענגלאַנד קומט גאָר באַזונדער צום אויסדרוק אין איינעם פון די רעפּרעזענטאַטיווסטע ענגלענדער פון אונדזער צײַט. ווינסטאָן טשוירטשיל שרײַבט אין זײַן עסיי „משה" אַזוי וועגן ישראל און דעם אדון הנביאים:

— „יעדער נביא מוז קומען פון ציוויליזאַציע, אָבער יעדער נביא מוז אַנטלויפן אין מדבר. ער מוז האָבן אַן אָפּדרוק פון אַ קאָמפּליצירטער געזעלשאַפט און פון אַלץ, וואָס זי האָט צו געבן, און דאַן מוז ער האָבן צײַטן פון התבודדות און באַטראַכטונג. אָט אַזאַ איז דער פּראָצעס, דורך וועלכן פּסיכישער דינאַמיט ווערט געמאַכט".

און ווײַטער אַ ביסל:

— „דער דאַזיקער וואַנדערנדער שבט האָט באַגריפן און פּראָקלאַמירט אַן אידייע, אויף וועלכער דער גאַנצער זשעני פון גריכנלאַנד און די גאַנצע מאַכט פון רוים איז געווען אומפעיִק. עס האָט געמוזט זײַן אַן איינאונאיינציקער גאָט, אַן אוניווערסאַלער גאָט, אַ גאָט פון די פעלקער, אַ גערעכטער גאָט, וועלכער וועט אויף י ע נ ע ר וועלט באַשטראָפן אַ רשע, וואָס שטאַרבט אַ רײַכער און אַ מוצלח".

ווינסטאָן טשוירטשיל ענדיקט זײַן עסיי וועגן משה רבינו:

— „ביכער ווערן געשריבן אין פיל שפּראַכן וועגן דער פראַגע, אויף וויפל פון דעם אַלעמען האָט מען צו פאַרדאַנקען משהן... מיר וואַרפן אָפּ מיט פאַראַכטונג די אַלע ראַפינירטע און אויסגעטראַכטע מעשיות, אַז משה איז בלויז געווען אַ לעגענדאַרע פיגור. מיר גלייבן, אַז דער וויסנשאַפטלעכסטער, דער מאָדערנסטער און ראַציאָנעלסטער קאָנצעפּט וועט געפינען זײַן פולסטע באַפרידיקונג, נישט אָנצונע־

מען די ביבל אות באות, נאר אידענטיפיצירן איינעם פון די גרעסטע מענטשן און דעם אנטשיידנסטן שפרונג פאָרויס, וואָס אַ מענטש האָט ווען עס איז געמאַכט, מיט דעם אַנטשיידנסטן שפרונג פאָרויס אין דער מענטשלעכער געשיכטע".

***

דאָס ענגלישע פאָלק האָט געוואונדערט ברצון, האָט קאָלאָניזירט, געבויט אַן אימפעריע און דאָמינירט. עס איז געוואָרן דער בעל־הבית איבער יענעמס מאַטע־ריעלער עשירות. האָט זיך אַנגעאייגנט פרעמדע קולטור, פרעמדע גייסטיקע ווערטן און זיי פאַרוואַנדלט אין אייגענע. דער קעניג אַלפרעד האָט איבערגעזעצט די מזמו־רים פון תהילים, און לאָנדאָן ווערט ביי די ענגלענדער, אין געהויבענע, פייערלעכע מאָמענטן באַצייכנט ווי ירושלים ...

דער ייִד האָט געוואַנדערט מאונס און האָט געחלומט צו „דעראָבערן" די וועלט פאַר זיין אידעאַל „לתקן עולם במלכות שדי", צוריק אויסצולייזן זיין לאַנד, וואָס האָט געזאָלט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ לאַבאָראַטאָריע פאַר גייסטיקע עקספּע־רימענטן, ווי אַזוי צו ראַטעווען די אומגליקלעכע און פאַרבלוטיקטע וועלט מיטן כוח פון תנ"ך און מיט דעם לשון, מיט וועלכן די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן.

ז

פון רעפּערטאַן

יונה גאָראָדיסקי

זלמן הירשפעלד

יונה גאָראָדיסקי

בוענאָס־איירעס

וועגן אונדזער ביבליאָטעק־וועזן*)

...מיר ווען נאָר פּרוּוון „אוועקשטעלן די פראַגע" און אָנוואַרפן אַ ביסל מאַטעריאַל פאַרן ביסל אַרבעט וואָס מיר קענען דאָ אויפטון.

מיר קענען פאַרשפּאָרן דאָ צו באַהאַנדלען יענעם מין ביבליאָטעק, וואָס איר ציל איז צו זיין אַ מוזיי פון ביכער מיט יידישן אינטערעס און צו פאַרגרייטן מאַטעריאַל פאַרן איצטיקן און קומענדיקן פאָרשער. אונדזער ייוואָ האָט שוין, צום גליק, געמאַכט אַ גאַנץ־שיינע התחלה פון אַזאַ ביבליאָטעק, און מיר קענען האָפן, אַז דער ייוואָ וועט זי שוין דערפירן צו שלימות.

מיר זיינען אַ סך מער פאַרדאַגהט וועגן די פאָלקס־ביבליאָטעקן אונדזערע. אונטער אונדזערע איצטיקע באַדינגונגען זיינען זיי אַ קאָמפּליצירט פּראָבלעם, וואָס פאָדערט אַ סך געדולד, עקשנות און אַפילו טעמפּעראַמענט. און ס'איז אַן ענין, וואָס איז געקניפּט און געבונדן און פאַרוואָרצלט מיטן סאַמע אינטימען פון פאָלקסלעבן. ווען מיר באַרירן דעם ענין, ציטערט אויף ביז צו די דינסטע סטרונעס אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער יידישער ליטעראַטור, מיטן יידישן טעאַטער און בכלל אַלץ וואָס פאַראייניקט זיין גורל מיט יידישן לשון.

אַ מאָל האָט די ליי־ביבליאָטעק פאַרנומען אין היגן יידישן לעבן אַ פּיל חשובער אָרט ווי איצט. שוין דער ערשטער פּילאַנטראָפּישער פאַראיין פון יידיש־ריידנדיקע יידן דאָ, דער „יידישער אַרבעטער־הילפס־פאַראיין ביקור־חולים", געגרינדעט אין די 90ער יאָרן, האָט פאַרמאָגט אַ היפּשע ביבליאָטעק. אַלע פּאַרטייען האָבן ביים סאַמע אָנהייב פון זייער טעטיקייט אוועקגעשטעלט ביבליאָטעקן. דאָס זעלביקע האָבן געטון די סינדיקאַטן, די לאַנדסמאַנשאַפטן, געגנטן, קלובן. אין איטלעכער יידישער

*) געלייענט אויף דער ערשטער אַרגענטינער קולטור־קאָנפערענץ.

קאַלאָניע, אין יעדער שטאָט און שטעטל מיט אַ פּאָר מנינים יידן איז געווען אַ בי־בליאָטעק. די צאָל לייענער אין די ביבליאָטעקן איז געווען פיל גרעסער ווי איצט און די לייענער פלעגן גאַנץ אָפט בייטן די ביכער. די ביבליאָטעקן האָבן זיך אַזוי געמערט אין צאָל און געוואַקסן אין ביכער און אין לייענער ביז דעם אָנהייב 20ער יאָרן, ווען די נייע נאָך־מלחמהדיקע אימיגראַציע האָט אַריינגעבראַכט געוויסע שי־נויים.

מען איז געגוויגט צו דערקלערן דאָס אינטענסיווע לעבן פון ביבליאָטעק־וועזן אין יענע יאָרן מיט אַ מכלומרשט־שוואַכערן אינטערעס פון דעם דעמאָלטיקן ישוב צו אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן. דער פאַקט אָבער איז, אַז כמעט אַלע וויכטיקערע אַנשטאַלטן, וואָס זיינען איצט פאַראַן אין יידישן אַרגענטינע, האָבן שוין עקזיסטירט אין יענער צייט: די אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוועס, די חברה־קדישא, די ביידע אַזילן, די קוואַנטעניקעס־קאָאָפּעראַטיווע, די בענק, די תלמוד־תורות און מאָדערנע יידישע שולן (וואָס האָבן אַ פּראָגרעסיר־געטון ערשט אין די לעצטע עטלעכע יאָר), די ביידע צייטונגען אַפילו, אַלע פּאַרטייען, די וויכטיקערע לאַנדסמאַנשאַפטן, יידי־שע סינדיקאַטן, אַרבעטער־פאַרבאַנד פאַר קעגנזייטיקער הילף, אאַז״וו. די צייטן זיינען אויך דעמאָלט געווען טומלדיקע: דערמאָנט זיך די באַלפור־דעקלאַראַ־ציע, די רוסישע רעוואָלוציע, די געשעענישן אין אוקראַינע! ניין, אַ טיפערער אינ־טערעס צו געזעלשאַפטלעכע פראַגן שוואַכט נישט אָפּ דעם אינטערעס צום בוך.

די ערשטע ווירקונג פון דער נייער אימיגראַציע אויף די ביבליאָטעקן איז, צום באַדויערן, געווען אַ נעגאַטיווע. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון אַ סדרה פאַרכאַפּע־נישן פון ביבליאָטעקן, וואָס די קאָמוניסטן און אין אַ געוויסן פאַל אויך די לינקע פּועלי־ציון (וואָס האָבן זייער פיינט ניט צו זיין אין דער מאַדרע), האָבן דורכגעפירט. די פאַרכאַפּענישן האָבן דערפירט צום חורבן פון אַ גרעסערער צאָל ביבליאָטעקן, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך געפונען די באַדייטנדיקסטע און לעבעדיקסטע פון יענער צייט. געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן, בכלל, און אַ פּשיטאַ שוין קולטור־אַנשטאַלטן, זיינען דעליקאַטע אָרגאַנישע געוויקסן, וואָס פאַרטראָגן שווער די געוואַלט־מעטאָדן. אַלנפאַלס איז אַ פאַקט, אַז אַלע „פאַרכאַפּטע" ביבליאָטעקן געפינען זיך איצט אויפן עולם־האמת.

אַ חורבן האָט אויך אָנגעמאַכט די דיקטאַטור פון 1930־1931, וואָס האָט דער־פירט עטלעכע פאָלקס־קלובן צום אונטערגאַנג און טאַרמאַזירט די אַרבעט פון די איבערגעבליבענע ביבליאָטעקן.

אָבער נישט די „פאַרכאַפּענישן" און נישט די אַנדערע דרויסנדיקע פאַקטאָרן זיינען בעיקר די סיבה פון דער ירידה אין ביבליאָטעק־וועזן. דער סאַמע עיקר איז די שפּראַך־מחיצה צווישן אימיגראַנט און דעם היר־געבוירענעם יידן. ביז איצט האָט די ביבליאָטעק געקענט שטיצן איר המשך כמעט אויסשליסלעך אויף דער יוגנט,

וואָס איז אריבערגעקומען אהער פון אייראָפּע. נישט אויף דער יידישער יוגנט, וואָס קומט אויף אין לאַנד גופא. באַזונדער שאַרף איז געוואָרן דאָס פּראָבלעם, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן פּילן די פּאַטאַלע קאָנסעקווענצן פון דער ייִקאָס ליקווידירן די שולן אין די קאָלאָניעס, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַ סך חורבנות אין דער קאָלאָניע, נישט נאָר קולטורעלע.

אָבער נאָך אַלעמען קען מען נישט זאָגן, חלילה, אַז דער מין פאָלקס־ביבליאָטעק איז ביי אונדז אונטערגעגאַנגען. עס זיינען פאַראַן ביבליאָטעקן אין אַ סך שטעט און אין כמעט אַלע קאָלאָניעס. אין בוענאָס־איירעס האָבן מיר, למשל, אין מיי 1948 אויפגעציילט 144 אַרויסגעגעבענע יידישע ביכער אין דער ליי־ביבליאָטעק ביים ייוואָ, 120 אַזעלכע ביכער אין דער „העבראַיקאַ", 92 אין דער יידישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט. עס זיינען נאָך פאַראַן ביבליאָטעקן אין לאַנדסמאַנשאַפטן, אין געגנטן.

נו, דער זעלביקער בריוו ווירקט אַ מאָל פאַרשיידן: עס ווענדט זיך מיט וואָס פאַר אַ טאָן מען לייענט אים. אויב איר ווילט קוקן אויף דער טרויעריקער זייט פון דער מטבע, מוזן מיר פעסטשטעלן, אַז לויט אונדזער „געניט אויג" האָבן מיר איצט נישט קיין דריט־חלק לייענער פון יידישע ביכער אין די ליי־ביבליאָטעקן, פאַרגליכן מיט דער צאָל וואָס מיר האָבן געהאַט אַרום 1920, הגם די צאָל יידן אין בוענאָס־איירעס איז דעמאָלט געווען דריי מאָל קלענער ווי איצט, און הגם די צאָל לייענער איז דעמאָלט אויך נישט געווען קיין צופרידנשטעלנדיקע — בוענאָס־איירעס איז נאָך ביז איצט קיינמאָל נישט געווען קיין ווילנע.

אויב אָבער מיר וועלן צוגיין מיט לוי יצחק באַרדיטשעווערס מאָס (און אַזאַ מאָס איז אַ קאָנסטרוקטיווע), דעמאָלט מוזן מיר פעסטשטעלן, אַז מיר האָבן איצט אַ גאַנץ פיינע באַזע, אויף וועלכער אָנצוהייבן אַן אַרבעט צו שטאַרקן אונדזער פאָלקס־ביבליאָטעק. מען זאָגט, אַז אין ניו־יאָרק האָט די ליי־ביבליאָטעק כמעט אין גאַנצן אָפּגעטראָטן איר אָרט צו דער פּריוואַט־ביבליאָטעק. ביי אונדז האָט די ליי־ביבליאָטעק איר ראָל נאָך זיכער נישט אָפּגעשפּילט.

— וואָס קענען מיר טאָן פאַר דער ביבליאָטעק?

מיר מיינען, אַז קודם וואָלטן מיר געדאַרפט דורכפירן אַ צענז פון די פאַראַנענע ביבליאָטעקן. דערוויסן זיך די צאָל לייענער און דעם ביכער־פאַרמעג, לויט די באַזונדערע שפּראַכן. לאָמיר האָבן אַ גענוי בילד דערפון, וואָס מיר האָבן.

צווייטנס, סטימולירן די גרינדונג פון נייע ביבליאָטעקן און די ווידער־דערפעפּונג פון די געשלאָסענע ביבליאָטעקן אין אַלע פּונקטן און געגנטן, נישט געקוקט אויף דער צאָל לייענער, וואָס מיר קענען דערוואַרטן. צו אַ ביבליאָטעק טאָר מען נישט צוגיין מיט קיין קאָמערציעלן חשבון.

דריטנס, העלפן די ביבליאָטעק דורך אינסטרוקציעס, דורך איינקויפן פאַר זיי

ביכער, דורך איינפירן א „קלירינג" פאר דובלעטן, דורך צושיקן צו זיי לעקטאָרן פון לאנד און אויסלאנד, אאז"וו.

פערטנס, דורך סטימולירן דאָס שאפן פון לייען־קרייזן, וואָס האָבן אין נאָרד־אמעריקע געגעבן אזעלכע גוטע רעזולטאטן. דאָרטן זיינען פאראן צוויי מינים: פרויען־לייען־קרייזן און יוגנטלעכע לייען־קרייזן.

פינפטנס, רופן א ספעציעלע בעראטונג פון ביבליאטעק־טוער, כדי צוזאמען באהאנדלען מיטלען און וועגן, ווי צו שטארקן דאָס ביבליאטעק־וועזן.

און דער עיקר העיקרים: די ביבליאָטעק איז אַן אָרגאנישער טייל פון פאָלקס גייסטיקן לעבן בכלל. די בעסטע און ווירקזאמסטע רפואה איז קרעפטיקן דאָס דאָזיקע גייסטיקע לעבן. דאָס איז, אָן ספק, א שווערע און ערנסטע עובדא. מען וועט דארפן מאטעריעלע און פינאנציעלע אָנשטרענגונגען. און נאָך אַן אָנשטרענגונג פאָדערט זיך פון אונדזער דור, א סך א שווערערע זאך צו פועלן ווי ארויסצוקריגן ביי זיך און ביי אנדערע מאטעריעלע נתינות: דאָס איז אַן אָנשטרענגונג קובע זמן צו זיין צו לייענען דאָס יידישע בוך, כדי צו שטארקן זיך אליין, כדי אריינצוטראָגן גייסטיקייט אין דער יידישער היים און כדי צו לערנען די קומענדיקע דורות מיטן ב יי ש פ י ל.

— צי איז דאָס א שווערע אויפגאבע?

— אוודאי איז דאָס בעו"ה פאר א סך אומגעהויער שווערער ווי צו ברענגען א מאטעריעלן קרבן.

אָבער עס איז עפּעס, פון וואָס מען קען זיך נישט אויסקויפן מיט קיין כפּרה־געלט. די וואָס מיינען ערנסט מיט יידישקייט, מיט דער יידישער ליטעראטור, מיט יידישן לשון, מיט דערהייבן און פארשענערן דאָס לעבן פונעם כלל, יענע מוזן פארשטיין, אז זיי קענען נישט אנטלויפן פון דעם חוב צו דערהייבן און פארשענערן זייער אייגן לעבן!

זלמן הירשפעלד

בוענאָס־אײַרעס

יידיש טעאַטער און זיין גורל*

אין זײַן עפּאָפּייע פון ייִדישן לעבן, געראַנגל און הייליקן אומקום, „קדוש השם“, דערציילט שלום אַש, ווי מענדל אַרענדאַר טאַנצט פאַרן פּריץ דעם בערן־טאַנץ און „מה־יפית“, בייגט זיך פאַר אים אין דרײַען, לאָזט זיך שמײַסן פון די פּאַראָבקעס און די אַלע זלזולים נעמט ער אָן פאַר ליב; מענדל אַרענדאַר פּועלט אויס דערפאַר בײַם פּריץ אַ באַוויליקונג, אַ ייִדישן ישוב צו בויען...

— „פאַר אַ שיל, פריץ־לעבן, פאַר אַ מקום־קדוש, גאָט צו דינען און פאַר אַ בית־החיים די טויטע צו באַגראָבן“...

אַ שיל און אַ בית־החיים — דאָס זײַנען די צוויי גרונטשטיינער, אויף וועלכע עס בויט זיך דער נײַער ייִדישער ישוב אויף די ברייטע אוקראַיִנער סטעפּעס; אַ שיל און אַ בית־החיים!

און אין די לעצטע 50 יאָר איז נאָך עפּעס צוגעקומען: אַ טעאַטער־זאַל מיט אַ בינע. נישט געווען אין דער אַלטער היים אין אייראָפּע פאַר די לעצטע 50 יאָר און אויך אין די נײַע מקומות אויף אַנדערע קאָנטינענטן קיין איין ייִדישער ישוב, וועלכער זאָל אַ חוץ אַ מקום־קדוש צום דאַווענען און אַ בית־החיים פאַר די טויטע אויך גלײַכצײַטיק נישט האָבן קיין לאָקאַל (אַמאָליקע ייִדן וואָלטן געזאָגט „להב־דיל“...) מיט אַ פּרימיטיווער בינע, יידיש טעאַטער צו שפּילן. צי איז עס דער אַלט־באַקאַנטער „פּאָזשאַרני סאַרײַ“ פון וואַנען מ׳האָט די פעסלעך און קישקעס אַרויס־

---

*) געלייענט אויף דער ערשטער אַרגענטינער קולטור־קאָנפערענץ.

געפירט און די „קאָמעדיאַנטן“ מיט דער „פּרימאַדאָנע“ אַריינגעפירט... צי איז עס דער אַרגענטינער „גאַלפּאַן“ (שנייער), אָנגעשטאָפּט מיט זעקלעך „מאַיִס“, אָדער גאָר אַ יידישער צענטער־סאַלאָן, וועלכער דינט סיי ווי אַ שיל, ווי אַ טאַנץ־ און חתונה־זאַל ווי אויך אַלס טעאַטער פאַר אַמאַטאָרסקע פאָרשטעלונגען, בעת וועלכע דער אָרון־קודש ווערט פאַרשטעלט מיט אַ פּראָוויזאָרישן װענטל אָדער לײַלעך, ע ר זאָל נישט דאַרפן, כביכול, צוזען די הפקרדיקע קאָמעדיאַנטסקע שטיק פון חברה „פאָרשטעלערס“. אָפּגעשפּילט טעאַטער — ווערט דאָס וואַנטל צוגענומען און ס'ווערט ווידער אַ מקום־קדוש... אַזוי צי אַזוי איז טעאַטער אינעם פאָלקסלעבן געוואָרן אַ גויטוועלנדיקײַט פון ערשטן געברויך.

אין מינדסטן שטעטל פון פּוילן האָבן זיך „אַמאַטערע“ אָדער „ליוביטיעלעס“ צונויפגענומען, איינער פון חברה האָט זיך קיין ווארשע אַראָפּגעכאַפּט זען אַ פאָר־שטעלונג אין „קאַמינסקי־טעאַטער“, צי ביי די „ווילנער“, איין מאָל און צוויי מאָל און צען מאָל, ביז ער האָט עס איבערגענומען מיט אַלע העוויות און „מ־מיקעס“, און צוריקגעקומען אין שטעטל אַ פּאַרטיקער „רעזשיסער“, און עס אַליין מיט חברה אויפגעפירט; אָפּגעזעסן אַ 20, 30 מאָל אויף גאַליאָרקע, איבערגעזומען אַלע מעלאָ־דיעס פון „שולמית“ צי „קאַלדוניע“, און חברה „דראַמאַטישע קונסט“, גאָלדפאַדען צי גאָרדין־געזעלשאַפטן האָבן עס תיכף „דערלאַנגט“ מיט גאַנצן קלאַפּערגעצייג, מיט „געזאַנגען, טענצע און מערשע“... און היימישע קינסטלער זיינען געוואַקסן בישראל אין יעדער „סאַריי“, שטאַל צי „גאַלפּאָן“, אין יעדן שטעטל פון דער יידישער וועלט־מאַפּע. אויף זעק מיט „מאַיִס“ האָט מען ברעטער צעלייגט און אַ בינע געבויט, און גערעפּן האָט מען זי „בימה“, אַזוי ווי אין שיל (און דווקא אָן אַ „להבדיל“)... אויף פּעסלעך און ליידיקע ביר־קעסטלעך האָט מען דאָס היימישע און גאַרנישט־הויכנגע־שעצטע פּובליקום צעזעצט און מען האָט געשפּילט. היינט, ווער שמועסט נאָך, אַז עס איז אָן אמתע טרופּע פון דער גרויסער שטאָט אַראָפּגעקומען, מיט אמתע אַר־טיסטן, מיט בלוי־אויסגעראַזירטע מאָרדעס, מיתה־משונהדיקע צילינדערס און אָפּ־געבאַרעטע קאַפּעליושלעך און געקעסטלטע וועסטן, און זיי האָבן אַ דערלאַנג־געטון אַ „הערצעלע מיוחס“, אַ „הערשעלע דובראָוונער“, צי גאָר אַ „דיבוק“ — איז שטעטל געגאַנגען כאָדאָראָם! מיט פּאָזשאַרנע קישקעס האָט מען דעם עולם געדאַרפט צע־טרייבן... אויף די ווענט איז מען געהאָנגען, פון אינעווייניק און פון דרויסן, „מציץ מן החרכים“, דורך די שפּאַרונעס אַריינגעקוקט, און אין סאַמע קולמינאַציע־פּונקט, ווען דער משולח רופט מיסטיש און מאַראַליש אויס „אין דער כלה איז אַריין אַ די־בוק“ — דערהערט זיך אָן אויסגעצויגענער „מוווו“ — די רעפּליק פון דער קו, וועל־כע מעלה־גרהט אין אַ ווינקל פון שטאַל, הינטער אַ מחיצה, בשכנות מיט דעם „קונסט־טעמפּל“... אָדער עס הייבט זיך אָן אויסשיטן דורך אַ לעכעלע די „מאַיִס“ פון אַ זאַק און די בינע צוזאַמען מיט די אבשלומס און די ציגעטאַנגס זינקט איין

ווי קורח ועדת, אין סאמע שפּאַנענדיקסטן מאָמענט פון דער „אָפּערע"... און, אַז עס איז שוין אין שטאָל קיין פּלאַץ פאַרן חשובן „עמך" נישטאָ — זיצט מען אויף די „סולקים" (וועגעלעך) גאַנצע קאָלאָניסטן־משפּחות, ביי אָפּענע טויערן, מיט אָפּענע מויל און אויערן, אָפּענע אויגן און הערצער, אָפּענע טײַסטערס, און מען גאַפט, גרייט צו באַצאָלן וויפל איר ווילט, אַבי לאָזן קוקן, לאָזן עפּעס זען...

***

ווי שנעל דער טעאַטער־וווּנדער איז אין אונדזער לעבן געשען!

אַט ערשט, חול־המועד־פּסח התרל"ו, מיט אַ 70 יאָר צוריק, האָט דער ייִד אברהם גאָלדנפאַדים אין אַ יאַסער ווײַנקעלער מיט נאָך טפּרוטהאַלבן אַקטיאָרן דאָס ייִדישע טעאַטער געגרינדעט און — ווי שנעל עס איז זיך צעוואַקסן! ייִדיש טעאַטער אין אָדעס, אין וואַרשע, אין לאָנדאָן און ניו־יאָרק, אין לאָדזש און בוענאָס־אײַרעס, כאַרבין, אַנטווערפּן, יאָהאַניסבורג און מאָזעסוויל...

אומעטום האָט זיך אַן אומגעהויערער טעאַטער־הונגער צעפּיבערט. דורות בית־המדרש־זיצער, באַנק־קוועטשערײַ, ווו דאָס איינציקע פאַרברענגעכץ איז געווען אַ שיינער בעל־דרשן, אַ גוטער מגיד, אַ בדחן, אַ רעכטער לץ, אַ חזן מיט אַ כלי, אַ משורר אַ צאַצקע, וואָס זינגט אָפּ אַ „כבקרתל", אַ וואָלעכל, טעם גן־עדן... און מיט אַ מאָל איז אַ ווונדער געשען: דאָס טעאַטער איז געבוירן געוואָרן — מזל־טוב! געבוירן אין אַ קעלער, אין אַ ווײַנשענק, ביי אַ לײַכטער מיט ליכט און אַ בלעכענער טאַץ — אַ קנאַפּער יחוס — צווישן דינסטמיידן און משרתים, אַן ענין פאַר פּאַדריאַטשיקעס, און זעט — אַ ווונדער! ווי שיין, אַן עין־הרע, עס איז זיך צעוואַקסן, ווי געראָטן! אבן מאסו הבונים — דער פאַרהאַסטער שטיין איז געוואָרן דער ווינקל־שטיין. דאָס טעאַטער, אין קעלער געבוירן, איז דערגאַנגען צו גאָר די „הויכע פענצ־טער" פון ייִדישן פאָלק און אויך די קולטור־וועלט פון די אומות־העולם האָט אים נישט איין מאָל באַוווּנדערט.

וואָס פאַר אַ פאַרבנרײַכער רעגנבויגן פון באַמיִונגען, דערגרייכונגען, עליות און ירידות! וואָס פאַר אַ רײַכע פּלעיאַדע דראַמאַטורגן, שוישפּילער און זינגער! וויפל לײַכטנדיקע „בלאַנדזשענדיקע שטערן" און וואָס פאַר אַ ריזיקע אַרמיי פון „פּראָסטע סאָלדאַטן" אויפן לאַנגן פראָנט פון ייִדישן טעאַטער, לאַנג ווי דער ייִדישער גלות — פון כאַרבין ביז לאָס אַנדזשעלעס און פון פּעטערבורג ביז מעלבורן... איין לאַנגע פראָנט־ליניע פון ייִדיש טעאַטער, אין וועלכן אויף אונדז איז אויסגעפאַלן די אויפגאַבע צו פאַרטיידיקן דעם פראָנט־אָפּשניט — אַרגענטינע.

***

צום באַדויערן, ווען מען רעדט בײַ אונדז וועגן יידיש טעאַטער, איז עס מערסטנ־טייל נאָר לגנאי, דערמאָנט מען לאַטײַנערן און סיגעלן, זידלט מען די מאַכערײַקע, דעם שונד און מען צעשרײַבט זיך וועגן פלאַבקײַט און ביליקײַט, וועגן ירידה און געזונקענקײַט. אמת, דאָס אַלץ איז אַ היפּשער באַשטאַנדטייל פון דעם, וואָס הייסט יידיש טעאַטער. אָבער דאָס איז נאָר איין זײַט פון דער מטבע, און דווקא נישט די שענערע. מען דאַרף נישט זידלען, ווײַל מיט דעם וועט מען זי נישט שענער און ריינער מאַכן.

די אויפגאַבע פון ערלעכער קריטיק — זאָגט סטאַניסלאַווסקי — איז ניט צו צעגלידערן און אַנאַליזירן די פעלערן און נעגאַטיווע מאָמענטן פון ספּעקטאַקל, ניט צעלייגן זיי אויף טעלערלעך און זיך מיט זיי פּאַסמאַקעווען, נאָר, אדרבא, אַרויסהייבן דאָס גוטע, אויסשיילן די שיינע, דערהויבענע מאָמענטן, די ווערטפולע, די מעלות, און רופן די אויפמערקזאַמקײַט אויף זייער אויסטערלישער שיינקײַט, וועלכע איז נישט אויבנאויפיק און וואָס דאָס אויג פון פּראָפאַן קאָן נישט דערזען. צו אַזאַ מדרגה פון קריטיק קאָן מען נאָר דערגיין, ווען מ'איז דורכגענומען מיט ליבשאַפט צו דעם קונסט־אָביעקט, וועלכן מען קריטיקירט. ווייניקער זידלען פאַר דאָס נעגאַטיווע און מער אַרויסהייבן דאָס פּאָזיטיווע! אויב מען וויל אָפּשאַפן דאָס בייז און אויסשנײַדן ווילדפלייש פון יידישן טעאַטער, מוז מען אָפּשאַפן דעם מיקראָב, באַקעמפן די סיבה פון דעם איבל.

אמת, ס'איז דאָ אַ סך שלעכטס און ביליקס אין אונדזער טעאַטער און דער עולם שפּײַזט זיך מיט דעם, ווי מיט אַ געשמאַקן מאכל — הייבט־זשע דעם קולטור־ניוואָ פון דער יידישער מאַסע, שאַפט קורסן, פאָלקס־אוניווערסיטעטן, לייענזאַלן, גיט אים ליײַכטע, אינטערעסאַנטע לעקציעס, וועקט זײַן אינטערעס צו לייענען אַ בוך, און איר וועט דורך דעם אויסהיילן זײַן געשמאַק, וועלכער איז נישט פאַרדאָרבן, נאָר פּשוט פּרימיטיוו און נישט אַנטוויקלט!

זאָגט מיר, וויפל יידישע ביכער עס ווערן אין דער שטאָט געלייענט, וועל איך אײַך זאָגן, וויפל באַזוכער אַ גוטע פאָרשטעלונג קאָן צוציען. זאָגט מיר, וויפל יידן קומען אויסהערן אַ לעקציע און וויפל יידישע ביכער קויפט די שטאָט, וועל איך אײַך זאָגן, וויפל פּובליקום פאַר גוט טעאַטער די שטאָט פאַרמאָגט. „הא בהא תליא“.

און דערווײַל קילט נישט אָפּ די פאַרליבטקײַט פון יידישן פאָלקסמענטש צו זײַן טעאַטער! לאָזט אים זיך שטופּן צו דער קאַסע און הנאה־האָבן, ווײַל די אינטעליגענטישע דיאַגנאָזן דערגייען סײַ־ווי נאָר צו אַ קליינעם פּראָצענט פון עולם! דער ברייטער יידישער עולם „עסט טעאַטער מיט ברויט“ און ער גיט אַליין אַרויס זײַן מבינות אויף זײַן אייגנאַרטיקן שטייגער, ער רעאַגירט לויט זײַן געזונטן פאָלקס־חוש און ער האָט דווקא נאָר ליב צו גיין אין טעאַטער אַרײַן, ווען ער איז געפּאַקט, ער האָט ליב צו דאַווענען „ברוב עם“, און וואָס מער די שיל איז געפּאַקטער, אַלץ געשמאַ־

קער דאַוונט זיך אים... איז דאָך טעאַטער פון אַלע קונסט־צווייַגן די אמתע „תפילה בציבור". אַ בוך לייענט מען פאַר זיך. מיט אַ בוך קאָן מען פּראַווען התבודדות, תפילה־טון ביחידות ובחדרי חדרים, זיך מיט כוונה אין אים פאַרטיפן, אָדער, ווען עס לאַנגווייַליקט, עס אַוועקלייגן צו יעדער צייַט. בילדער קאָן מען שעהן־לאַנג באַוואונדערן און, אויב מען וויל זיך קאָנצענטרירן אין דער אַטמאָספער פון דעם געשאַפענעם קונסט־ווערק, איז בעסער ווען אין דער בילדער־גאַלעריי איז קיינער, אַ חוץ אייַך, נישטאָ. אַליין, נישט געשטערט פון קיינעם, קענט איר מער און טיפער געניסן — תפילה ביחידות. דאָס זעלביקע איז מיט מוזיק. איר קאָנט איינער אַליין זיצן און הערן אַ סימפאָניע, מיט פאַרמאַכטע אויגן, אויסגעטון פון דער אַרומיקער וועלט, מיט אָפן האַרץ און אויער זיך אַריבערטראָגן אין אויסגעבישופטע עולמות — תפילה ביחידות. אָבער אין טעאַטער מוזט איר זייַן אַרומגערינגלט מיט הונדערטער אַנדערע יחידים, צוזאַמען מיט זיי געניסן, איבערלעבן פרייד אָדער טרויער, שטורמיש אויפברויז אָדער אייַנשלעפערנדיקע זעליקייט. עס ווירקן אויף אייַך נישט בלויז די שוישפּילער מיט זייערע רייד און מעשים, נאָר אפשר נאָך שטאַרקער רייַסט אייַך מיט דער הילכיקער געלעכטער־אויסבראָך פון אייַערע אַרומיקע שכנים, און איר, דער יחיד, וואָס איר זענט, דאַכט זיך, תמיד אַ שטיל, געלאַסן מענטשל, וואָס קאָן ביחידות קיין הויכן לאַך נישט טון, צעלאַכט זיך דאָ הילכיק, צעפּליעסקעט זיך מיט די הענט צוזאַמען מיט אַלע אַרום, אונטער דעם אַלגעמיינעם מאַנטל פון ציבור, פון עולם... איר, וואָס איר זייט בטבע אַ קאַלטע, טרוקענע בריאה, קיין שום זאַך אין אייַער פּריוואַטן לעבן האָט ביי אייַך נאָך קיין טרער נישט באַוויזן אַרויסצוקוועטשן, זיצט אין טעאַטער און צוגלייַך מיט דער מאַסע אַרום פאַרגיסט איר אַ טרער איבער עפּעס אַ טראַגעדיע פון אַן אומבאַקאַנטן פאַרשוין, וואָס אויב מ'זאָל עס זיך קאַלטערהייט איבערלייגן, איז עס גאָר קיין טראַגעדיע נישט... און איר וויינט, ווייַל „עמך" אַרום אייַך וויינט ווי צו „ונתנה תוקף"...

טעאַטער איז דער קנין הציבור, וואָס דער עולם האָט אים געשאַפן, ער האַלט אים אויס, ער רינגלט אים אַרום מיט ליבשאַפט, ער לויבט אים אָדער רייַסט אים אַראָפּ מיט זייַן מבינות. און יעדער איינער איז אַ מבין. יעדער איז בייַ זיך גענוג קאָמפּעטענט צו קריטיקירן. דער עולם וואַרט נישט אויף קיין סמיכות. יעדער „משה" איז אַליין אַ „בר סמכא".

— „נישקשה" — הערט איר אָפט אַזאַ „טעאַטער־משה" זאָגן — „פון מייַן שחיטה מעגט איר עסן... אַז איך זאָג אייַך, אַז די פּיעסע טויג אויף כפּרות אָדער אַ זעץ אין דר'ערד, מעגט איר אייַך פאַרלאָזן, איך קען גוט טעאַטער"...

אוודאי „קען" ער טעאַטער... און פאַרוואָס זאָל ער נישט „קענען"? אַז בסך־הכל איז ער אַליין געקומען פון אַ שטעטעלע, וווּ אדם הראשון האָט זייַן פוס נישט געשטעלט, און דאָרטן האָט מען אַפילו נישט געהערט פון אַזאַ וואָרט ווי „טעאַטער",

איז ער טאַקע אַ „מבין", והא ראיה, איר זעט דאָך, אויב עס געפעלט אים, איז דער בעסטער סימן, אַז עס איז גוט, און אויב נישט, מעג מען זיך שוין אײַנפּאַקן מיטן גאַנצן טעאַטער, װעלן די קריטיקערס גאַרנישט העלפן, װען זײ זאָלן זיך אַפילו „צע־רײַסן דעם יאַשטשיק" ליבנדיק די קונסט... ער װײסט אײנס: אויב עס געפעלט אים אַלײן נישט, טויג עס נישט, װײסט ער, אַז ס'איז „שונד", און ער איז דער פּוסק אחרון.

און װײַל החיים והמות פון טעאַטער ליגט בידי „משה", זוכט תמיד דאָס טעאַ־טער צו געפעלן װערן נישט דעם „רב ישראל", דעם יחיד, דעם פײַנשמעקער, נאָר דעם כלל ישראל, דעם ברײטן עולם. און װאָלט דאָס טעאַטער תמיד צוגעטראָפן, װאָס דער עולם פאַרלאַנגט אין דעם געגעבענעם מאָמענט, װאָלט עס געמײנט: האָבן בסדרדיקע פול־געפּאַקטע טעאַטערס, אײביקע שפע, דערפאָלגן מאַטעריעלע און „ממילא אויך מאָראַלישע"...

לײענט איר אַ מאָל ערגעץ, אַז אַ ספּעקטאַקל האָט געהאַט אַ גרױסן מאָראַלישן דערפאָלג, קאָנט איר זיך שוין לײַכט אָנשטויסן, אַז דער דערפאָלג גײט דאָ נישט געפּאָרט מיט „פולע הײַזער". טרעפן זיך צװײ ייִדן און מאַכן אַ שמועס װעגן טעאַ־טער, גײט עס אַזוי צו:

— געװען נעכטן אין טעאַטער?

— יאָ, געװען.

— נו? עפּעס געװען שײן?

— װײס איך װאָס! דאָס טעאַטער איז געװען לײדיק...

אָדער:

— אַך, װאָס פאַר אַ דערפאָלג! דער טעאַטער האָט זיך ממש אײַנגעבראָכן, אַזאַ עולם! ס'איז געװען זײער שײן.

װײַל אין טעאַטער גילט נישט דער זאָג, אַז „װאָס קלענער דער עולם, אַלץ גרעסער די שמחה", נאָר גראָד פאַרקערט, װאָס מערער עולם, װאָס גרעסער און פּיל־קעפּיקער דער ציבור, אַלץ גרעסער איז דער גענוס, די הנאה פון יעדן יחיד בפרט און פון גאַנצן כלל בכלל.

***

דאָס טעאַטער, סײַ דאָס קאָמערציעל־פּראָפעסיאָנעלע, סײַ דאָס געזעלשאַפט־לעך־אַמאַטאָרישע, זוכט תמיד צו געפעלן דעם עולם. צו דעם שטרעבט דער דראַמאַ־טורג, װעלכער האָט אין זינען נישט דעם דראַמע־לײענער, נאָר די ראַמפּע און בינע־ברעטלעך. דאָס האָט אין זינען דער רעזשיסאָר בײַם אויספורעמען דעם ספּעקטאַקל; ער װיל געפינען אַזעלכע בולטע אויסדרוק־פאָרמען, װעלכע זאָלן אַפּעלירן צום עולם, אונטערשטרײכן די מאָמענטן פון דער פאָרשטעלונג, װעלכע זײַנען מסוגל צו װירקן

אויף דעם עולמס סענטימענטן סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע צי אינדיווידועלע; צום עולם איז געווענדט דער אַקטיאָר, דעקאָראַטאָר, מוזיקער, קאָרעאָגראַף, ווײַל אָן דער „פּערטער וואַנט“, אָן דעם עולם, האָבן די דריי אילוזאָרישע בינע־ווענט קיין שום ממשות נישט און זיי צעפאַלן זיך ווי אַ קאָרטן־שטיבל. דער ייִדישער אין טעאַטער פאַרליבטער עולם האָט זײַן טעאַטער זיך געשאַפן, מיט זײַן פאַרליבטקייט עס געפּלעגט און געוואַרעמט, און עס איז אויסגעוואַקסן אַ געראָטן קינד מיט אַלע מעלות און חסרונות פון זײַן באַשאַפער — פון פאָלק.

***

די איצטיקע לאַגע אין אונדזער טעאַטער?

פון 12 טעאַטערס אין ניו־יאָרק זײַנען בלויז 3 פאַרבליבן. פון ייִדישן פּוילן — אַ באַרג אַש. די מיליאָנען־מאַסע, פון וועלכער עס האָט געשטראָמט דער טעאַטער־עולם און דער לייענער פון ייִדישן בוך, איז מער נישטאָ. יאָר־אײַן, יאָר־אויס פלעגן טויזנטער חסידישע יונגעלײַט די קאַפּאָטעס אונטערשנײַדן, די פּאות אָפּהאַקן און אָנגעהויבן אין טעאַטער צו גיין, פאַרלעזונגען צו באַזוכן און ביכער צו שלינגען. פון די שטעטלעך פלעגן יונגעלײַט קיין וואַרשע קומען, צו ווערן ייִדישע אַקטיאָרן אָדער צו שטעלן זייערע ערשטע אומזיכערע טריט אויפן געביט פון ליטעראַרישער שאַפונג. דאָס אַלץ איז שוין נישטאָ...

און בײַ אונדז, אין אַרגענטינע? נישטאָ מער יענע יאָרן, ווען אַ טרופּע פלעגט קומען אין די ייִדישע קאָלאָניעס און די גאַנצע געגנט איז געגאַנגען כאַדאָראָם — מ'איז ממש עולה־רגל־געווען צו זען ייִדיש טעאַטער. און קאָלאָניסטן אַליין האָבן טעאַטער געשפּילט... ביז 1948 זײַנען צען יאָר אַריבער, ווי קיין איין גאַנצע ייִדישע טרופּע איז נישט געפאָרן אויף דער פּראָווינץ. מען איז נישט געפאָרן, ווײַל דער עולם האָט אויפגעהערט צו קומען... קומען אַ מאָל צוויי, דרײַ אַקטיאָרן, טענהט דער עולם: פאַרוואָס קומט נישט קיין גאַנצע טרופּע? קומט אַ טרופּע, האָבן זיי אַפילו נישט פאַר דער אכסניא צו באַצאָלן...

אָבער נישט אַזוי די שוואַכע „זבאָרן“ האָבן דעם ייִדישן אַקטיאָר אָפּגעשראָקן, ווי די אינדיפערענץ פון עולם, די קאַלטקייט מיט וועלכער דער עולם באַציט זיך צו אים, — ניין, וואָס זאָג איך? —, מען באַציט זיך בכלל נישט צו אים, נישט קאַלט, נישט וואַרעם, כאילו לא היה... און קיין שום באַציִונג איז ערגער נאָך פון קאַלטער באַציִונג, ווײַל דער גרעסטער שונא פון טעאַטער איז — אינדיפערענץ.

אין אַרגענטינע זײַנען ייִדן רײַך געוואָרן, פּאַלאַצן־היימען זיך אויסגעבויט און אויך פאַר זייערע אינסטיטוציעס געזאָרגט, פּרעכטיקע בנינים אויסגעבויט פאַר שולן, תלמוד־תורות און בענק; נאָר דאָס ייִדישע טעאַטער איז נאָך אַלץ געבליבן

הימלאָז, אויפֿן בּאַראַט און אויף די פּלייצעס פֿון דעם אַקטיאָר, וועלכער פֿירט דאָס טעאַטער, אַ מאָל אויפֿן דרך־הישר און אַ מאָל פּאַרקערט, ווי די כּוחות דינען אים אָדער ווי דער פּראַקטישער שׂכל דיקטירט אים — אַ מאָל פֿירט ער אים און אַ מאָל פֿאַרפֿירט ער אים אין געיעג נאָך דערפֿאָלג.

אין דער זעלביקער צײַט, וואָס אונדזער טעאַטער אויף יידיש איז אײַנגעשרומפּן און פֿאַרפֿרעמט געוואָרן, איז אונדזער טעאַטער אויף העברעיִש אין ישׂראל היפּש אויסגעוואַקסן: „הבימה“, „האהל“, „מטאטא“, „קאַמער־טעאַטער“, אָפּערע, רעווי — טעאַטערס פֿון אַלע זשאַנרן מיט אַ רעפּערטואַר פֿון שעקספּיר, דאָסטאָיעווסקי, מאָ־פּו, גאָלדפֿאַדן, מענדעלע, שלום עליכם, קאַלדעראָן און סאָפֿאָקלעס. דער הויכער ני־וואָ פֿון דעם דאָרטיקן טעאַטער איז צוליב דעם הויכן קולטור־ניוואָ פֿון דעם ישוב: צענדליקער זשורנאַלן און צײַטשריפֿטן, ביכער־פֿאַרלאַגן; יעדן טאָג דערשײַנט אַ נײַ בוך און דער לייענער קומט אין בוכהאַנדלונג קויפֿן דאָס בוך און דער שרײַבער דאַרף נישט, חלילה, אַרומגיין קאָלפּאָרטירן זײַן ווערק צו אַזעלכע קונים, וועלכע שנײַדן דאָס בוך אַפֿילו נישט אויף, ווי בײַ אונדז, למשל, אין אַמעריקע... אין אַ קולטור־אַטמאָספֿער, ווו ס׳קומען פֿאַר קאָנצערטן פֿון אָרקעסטערס, כאָרן און סאָליסטן, רע־פֿעראַטן און לעקציעס וועגן אַלע געביטן פֿון גײַסטיקן און עקאָנאָמישן שאַפֿן — פֿאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ קולטור־אַטמאָספֿער קאָנען וואַקסן און געדײַען טעאַ־טערס, געבויטע מיט חלוציש גײַסט, פֿון אידעאַליסטישע טעאַטער־פֿאַרליבטע; אי־דעאַליזם קאָן נאָר געראָטן אין אַ סביבה און אַטמאָספֿער פֿון אידעאַלן, און מ׳קאָן נישט פֿאָדערן קיין אידעאַליזם אין אַ מאַטעריאַליזירטער „אָלרייט“־ אָדער „מוני ביזנעס“־אַטמאָספֿער...

**
*

דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס דאַרף דורך זײַן פּראָווינציאַל טעטיקײַט הייבן דעם ניוואָ פֿון דער יידישער קולטור־סביבה דורך שאַפֿן יאָרביכער פֿאַר ליטעראַטור, טעאַטער, ווי פֿאַר יידישער מוזיק, אָרגאַניזירן באַוועגלעכע קונסט־אויסשטעלונגען, פּראָדוצירן גראַמאָפֿאָן־פּליטן פֿון לידער, אַראַנזשירן קאָנצערטן, גע־זאַנג־קרײַזן און כאָרן, לעקטאָרן, ביוראָען פֿאַר אַלע לענדער — אָט די אַלע אַרבעטן וועלן באַפֿרוכפּערן און באַגײַסטיקן דעם באָדן פֿאַר גוט יידיש טעאַטער.

די אָפּטיילן פֿון יידישן קולטור־קאָנגרעס דאַרפֿן אַרויסגעבן זאַמלביכער פֿון איינאַקטערס, קליינקונסט־סצענעס, דעקלאַמאַציעס, קלאַסישן און אַקטועלן מאַטע־ריאַל פֿאַר וואָרט־קאָנצערטן און געזאַנג. עס וועלן מוזן אָרגאַניזירט ווערן טעאַטער־געזעלשאַפֿטן, געשטיצטע אויף פֿעסטע עקאָנאָמישע באַזעס, און עס מוזן אויך גע־שאַפֿן ווערן אין די גרויסע צענטערס געזעלשאַפֿטלעכע קונסט־טעאַטערס.

די אָפּטיילן וועלן דאַרפן שטיין אין קאָנטאַקט מיטן ייִדישן דראַמאַטורג און שוישפּילער, כדי עס זאָל איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּגעשטעלט ווערן דער פאַרכי־שופטער קרײַז: דער דראַמאַטורג טענהט — „מען שפּילט אונדז נישט, שאַפן מיר נישט!", און דער אַקטיאָר זאָגט — „מען שאַפט נישט קיין פּיעסן, שפּילן מיר נישט!"...

עס וועט אויך מוזן גענומען ווערן אין באַטראַכט דער שטײַגנדיקער אינטערעס פון אונדזערע מאַסן פאַר דעם ייִדישן קולטור־שאַפן אין ישראל. אַזוי ווי דאָס העב־רעיִשע טעאַטער אין ישראל שפּילט 90 פּראָצענט איבערזעצונגען פון דער ייִדישער דראַמאַטורגיע, דאַרפן די ייִדישע טעאַטערס אַרײַננעמען איבערגעזעצטע פּיעסן, גע־שאַפענע אויף העברעיִש אין ישראל.

די אָפּטיילן פון קולטור־קאָנגרעס דאַרפן זײַן דער אַדרעס, וווּהין מען זאָל זיך ווענדן נאָך רעפּערטואַר, נאָך מאַטעריאַלן, נאָך אינפאָרמאַציעס וועגן אָנקניפּן קאָנ־טאַקטן מיט דראַמאַטורגן און רעזשיסאָרן, וועגן שפּיל־שטאָף פאַר שול־טעאַטערס, דראַמקרײַזן און סטודיעס. זיי דאַרפן ווערן דער צענטראַל־פּונקט, וועלכער זאָל אַלע גוטע כוונות און אידעען פון ייִדישן טעאַטראַל פאַרקערפּערן און פאַרווירקלעכן און אויך באַשאַפן דעם נײַעם טיפּ טעאַטער־טוער — פּונקט ווי עס עקזיסטירט בײַ אונדז דער טיפּ שול־טוער — וועלכער זאָל מיט געזעלשאַפטלעך־אידעיִשע כוחות, אויף געזיכערטע עקאָנאָמישע באַזעס, אויפשטעלן און אויפבויען די „סוכת הטעאַטער הנופלת" און זאָרגן פאַר זײַן עקזיסטענץ, אַנטוויקלונג און פּראָגרעס.

ז

פון

קולטור-קאָנגרעס

רעזאָלוציעס

פון דער ארג' ייד'

קולטור־קאָנפערענץ

רעזאָלוציעס אָנגענומענע אויף דער ערשטער אַרגענטינער יידישער קולטור-קאָנפערענץ

אין בוענאָס-איירעס, דעם 22סטן און 23סטן מײַ 1948

באַגריסונג צו ישראל

די ערשטע ארגענטינער ייִדישע קולטור־קאָנפערענץ, אָרגאַניזירט דורכן אַר־גענטינער אָפּטייל פון אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס, דערעפנט שבת צו נאַכט דעם 22סטן מײַ 1948, אין הויז פון דער בוענאָס־איירעסער קהילה, שיקט איבער — אין נאָמען פון אַלע דעלעגאַטן, פאָרשטייער פון קהילות, שול־אָרגאַניזאַ־ציעס, קולטור־צענטערס, ביבליאָטעקן און טעאַטער — אַ פלאַמיקן גרוס צו ישראל, צו זײַן פּרעזידענט, צו זײַן רעגירונג און צו זײַן קעמפנדיקן פאָלק, און ווינטשט אַ שנעלן נצחון, וואָס זאָל פירן צו פולער פאָלקס-באַפרײַונג און פאָלקס-באַנײַונג.

דאַנק צום קולטור־קאָנגרעס פאַר די שלוחים פנחס גינגאָלד און יעקב פּאַט

די ערשטע אַרגענטינער ייִדישע קולטור־קאָנפערענץ שיקט איר הייסן גרוס צום אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק און דאַנקט האַרציק פאַרן דע־לעגירן די טײַערע חברים פנחס גינגאָלד און יעקב פּאַט, וועלכע האָבן אונדז גע־האָלפן שאַפן די באַוועגונג, וואָס האָט צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער אַרגענטינער ייִדישער קולטור־קאָנפערענץ.

אָרגאַניזאַציע פון אַרגענטינער אָפּטייל פון אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס

1. — דער אַרגענטינער אָפּטייל פון אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס איז אַ פעדעראַציע פון אַלע אָנגעשלאָסענע אַרגענטינער קולטור־אַנשטאַלטן און קער־פּערשאַפטן, וואָס האָבן צוווייגן פאַר קולטור־אַרבעט. אַלע אָנגעשלאָסענע אינסטיטו־ציעס אין אַרגענטינער אָפּטייל וועלן אָנפירן זייער קולטור־טעטיקייט אויטאָנאָם,

אָבער שטענדיק אין די ראַמען און גײַסט פון אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס.

2. — אַלע אָנגעשלאָסענע אַנשטאַלטן האָבן גלײַכע רעכטן און פליכטן לגבי דעם אַרגענטינער אָפּטייל.

3. — איטלעכער פעדערירטער אַנשטאַלט איז באַרעכטיקט פאָרצובריינגען זײַנע איניציאַטיוועס צום ראַט און דורך דעם ראַט צו אַלע אָנגעשלאָסענע אַנשטאַלטן.

4. — דער ראַט אָרגאַניזירט אַ ביוראָ אויף אָנצוהאַלטן כסדרדיקע פאַרבינדונגען מיט די אָנגעשלאָסענע אַנשטאַלטן וועגן אַלע קולטור־אַרבעטן. די ביוראָ באַדינט די פעדערירטע אַנשטאַלטן מיט איר אַפּאַראַט צו: מאַכן פּראָגראַמען פאַר קולטור־אונטערנעמונגען, אָרגאַניזירן טורן פון לעקטאָרן, טעאַטער־גרופּעס, אָרקעסטערס, רעזשיסאָרן, דיריגענטן; פאַרשפּרייטן אויסגאַבעס פון די אָנגעשלאָסענע אַנשטאַלטן דאָ און אָנגעשלאָסענע אין קולטור־קאָנגרעס בכלל; העלפן אַלע ביבליאָטעקן דורך אײַנקויפן געמיינזאַם ביכער, טעקסטן אאז״וו, און אַנדערע צווײַגן וואָס דער אַרגענטינער אָפּטייל וועט עווענטועל האָבן אין זײַן רשות.

5. — דער ראַט פירט דורך איניציאַטיוועס, וואָס ווערן באַאויפטראָגט דורך צוזאַמענפאָרן, רעפערענדומס און דורך דעם אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס.

6. — אין פּרינציפּ דאַרפן אויסגעמיטן ווערן איניציאַטיוועס, וואָס קאָנקורירן מיט אַרבעטן, וועלכע ווערן דורכגעפירט דורך די פעדערירטע אַנשטאַלטן.

7. — בײַ רעפערענדומס וועלן איטלעכן פעדערירטן אַנשטאַלט ווערן צוגערעכנט אַזוי פיל שטימען, וויפל עס איז די צאָל דעלעגאַטן, צו וועלכער איטלעכער אָנגעשלאָסענער אַנשטאַלט איז באַרעכטיקט לויט דעם מאָדוס, וואָס די קאָנפערענץ וועט באַשטימען.

8. — דער אויספיר־ראַט (עקזעקוטיוו) האָט זײַן וווינאָרט אין בוענאָס־איירעס, ווערט אויסגעוויילט דורכן צוזאַמענפאָר אויף אַ יאָר און באַשטייט פון: 1 פּאָרזיצער, 2 וויצע־פּאָרזיצערס, 1 סעקרעטאַר מיט 2 געהילפן, 1 קאַסיר מיט 2 געהילפן, 2 וואָקאַלן, 2 חשבונות־איבערזעער. דער אויספיר־ראַט דאַרף זיך באַמיִען צו שאַפן אָפּטיילונגען איבערן גאַנצן לאַנד.

9. — דער פעדעראַלער ראַט באַשטייט פון עקזעקוטיוו און צוויי דעלעגירטע פאָרשטייער פון יעדער אָנגעשלאָסענער קערפּערשאַפט פון שטאָט און פּראָווינץ, וואָס בילדן צוזאַמען דעם פּלענום. דער פּלענום פאַרזאַמלט זיך צוזאַמען מיט די פאָרטרעטער פון דער פּראָווינץ לכל־הפּחות איין מאָל אין 6 חדשים.

10. — אַלע פאַרבינדונגען פון דער צענטראַלע פון וועלט־קאָנגרעס פאַר ייִדישער קולטור מיט אַרגענטינער ייִדישע אינסטיטוציעס און קולטור־אַנשטאַלטן ווערט געפירט אויסשליסלעך דורך דעם אַרגענטינער אָפּטייל פון אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס.

11. — דער פעדעראַלער ראַט שטעלט צונויף דעם יערלעכן ביודזשעט פון דער

אָרגאַניזאַציע, נעמענדיק פאַרן יסוד די באַטייליקונג פון אַלע אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס אין דעם וועלט־קאָנגרעס פאַר ייִדישער קולטור.

12. — אַלע אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס פאַרפליכטן זיך מיט יערלעכע באַשטייערונגען און מיט זייער מיטהילף לטובת די קאַמפּײַנען פון קולטור־קאָנגרעס.

וועגן ייִדישער דערציִונג

1. — די אַרגענטינער ייִדישע קולטור־קאָנפערענץ שטעלט פעסט, אַז דער הויפּט־צוועק פון דער ייִדישער שול איז צו פאַרזיכערן דעם המשך און קיום פון ייִדישן פאָלק.

2. — כדי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן צוועק, דאַרף די שול זײַן באַזירט אויף די שפּראַכן און ליטעראַטור אין ייִדיש און העברעיִש, תנ״ך, ייִד׳ געשיכטע, ייִד׳ לעבנשטייגער, ארץ־ישׂראל און פאָלקס־קענטעניש און אויף די נאַציאָנאַלע קולטור־ווערטן אין ייִדיש און העברעיִש, געשאַפן אין משך פון דורות.

3. — כדי דאָס ייִדישע קינד זאָל פון דער פריסטער עלטער אָן זיך געפינען אין אַ ייִדישקײַט־אַטמאָספערע, דאַרפן געפלעגט ווערן די עקזיסטירנדיקע קינדער־גאָרטנס און סטימולירט ווערן צו שאַפן נײַע בײַ די שולן וווּ זיי עקזיסטירן נאָך נישט.

4. — זוכן די וועגן, ווי צו קאָאָרדינירן די פאַרשיידענע לערן־פּראָגראַמען פון די פאַרשיידענע טיפּן שולן און בכלל שאַפן אַן אַטמאָספערע פון פרײַנדשאַפט און צוזאַמענאַרבעט צווישן די פאַרשיידענע שול־אָרגאַניזאַציעס.

די מיטלשול

1. — די ייִדישע מיטלשול דאַרף שטיין אויפן שטאַנדפּונקט פון אינטעגראַלער ייִדישקײַט, דורכן פּרינציפּ פון ייִדישער קולטור אין ביידע שפּראַכן.

2. — די ייִדישע מיטלשול דאַרף שטרעבן צו דעם, אַז די וואָס ענדיקן זי זאָלן אַרויסקומען מיט אַ גרינטלעכער קענטעניש פון ייִדיש, העברעיִש, תנ״ך, משנה, אגדה, העברעיִשער און ייִדישער ליטעראַטור, מיט אַ ברייטער קענטעניש פון ייִדישן פאָלק, אומעטום, און מיט אַ טיפער פאַרבינדונג מיט מדינת ישׂראל.

3. — דער אַלוועלטלעכער ייִדישער קולטור־קאָנגרעס דאַרף אָנרעגן און רעקאָמענדירן די גרינדונג פון אַזעלכע אָדער ענלעכע מיטלשולן אין אַלע ייִדישע ישובים פון די אַמעריקאַנער לענדער, כדי אויסצובילדן אַ ייִדישקײַט־אינטעליגענץ, פון וועלכער עס זאָלן מיט דער צײַט אַרויסקומען די פירער פון יעדן ישוב.

דרינגענדיקע נייטיקייט צו שאַפן שטודיר־קרייזן

די אַרגענטינער קולטור־קאָנפערענץ רעקאָמענדירט צו שאַפן קרייזן פאַר יידישן ווישן, בעיקר צווישן דער יידישער שטודירנדיקער יוגנט. די קרייזן דאַרפן זיין געווידמעט דעם לימוד פון: יידיש און העברעיש, תנ"ך, ייד' געשיכטע, ליטעראַטור איןביידע שפּראַכן און ייד' סאָציאַלע פּראָבלעמען. ענלעכע שטודיר־קרייזן זאָלן אויך געשאַפן ווערן פאַר אַנדערע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט און פּראָווינץ.

איניציאַטיוועס פאַר דער יוגנט

כדי איינצופלאַנצן די יידישע קולטור־ווערטן צווישן דער יידישער יוגנט, באַשליסט די אַרגענטינער יידישע קולטור־קאָנפערענץ צו שאַפן אַ ספּעציעלן דעפּאַרטאַמענט, וועלכער זאָל זיך פאַרנעמען מיט דער דאָזיקער אַרבעט. זיין אויפגאַבע דאַרף זיין:

א) גרינדן סעמינאַרן צו פאַרשפּרייטן יידיש ווישן צווישן דער יוגנט און צושטעלן די געהעריקע לעקטאָרן און מאַטעריאַלן פאַר דעם צוועק.

ב) העלפן די יוגנטלעכע זומער־לאַגערן דורך שיקן טעאַטער־טרופּעס, כאָרן און לעקטאָרן, כדי צו פאַרשטאַרקן דעם יידישן קולטור־אינהאַלט.

ג) שטיצן די יוגנט־אויסגאַבעס, וואָס גייען אַרויס אין יידיש, העברעיש און שפּאַניש.

איניציאַטיוועס פאַר דער פּראָווינץ

1. — ווידער דערפעפנען און רעאָרגאַניזירן די יידישע ביבליאָטעקן אין די שטעט, שטעטלעך און קאָלאָניעס, באַזאָרגן זיי מיט נייע ביכער מיט יידישן אינהאַלט, אויך אויף שפּאַניש, ספּעציעל פאַר דעם יונגן דור.

2. — שיקן פּעריאָדיש לעקטאָרן, צו געבן לעקציעס וועגן אונדזער ליטעראַטור אין אונדזערע ביידע שפּראַכן, וועגן יידישן לעבן אין ישראל און אין אַלע אַנדערע ישובים, אויף געשיכטלעכע, סאָציאַלע א"א טעמעס.

3. — אָרגאַניזירן ספּעציעלע טעאַטער־גאַסטראָלן, קאָנצערטן, ווי אויך געבן פילמען מיט יידישן אינהאַלט.

4. — סטימולירן און העלפן אָרגאַניזירן קורסן פון יידיש און העברעיש פאַר דער יוגנט; שיקן אינסטרוקטאָרן צו באַקענען אויך אויף שפּאַניש די יוגנט מיט די נאַציאָנאַלע ווערטן פון אונדזער פאָלקסטום.

5. — העלפן דעם „ועד החינוך הראשי" און די רעגיאָנאַלע שול־אָרגאַניזאַציעס פון ענטרע־ריאָס און דרום אין דער שול־אַרבעט, וואָס איז די באַזע פון אונדזער נאַציאָנאַלן קולטור־לעבן און קיום; זאָרגן, אַז אויף דער פּראָווינץ זאָל געלייזט ווערן אויף אַ צופרידנשטעלנדיקן אופן דער דוחק אין לערער — איינע פון די הויפּט־סי־בות פון אָפּגעשוואַכטן קולטור־לעבן אין די קלענערע ייִדישע ישובים.

6. — היות די דערציִונג פונעם יונגן דור מוז זײַן דער יסוד פון דער קולטור־אַרבעט, זאָל געשאַפן ווערן אַ ספּעציעלער שול־ און יוגנט־דעפּאַרטאַמענט, וועלכער זאָל זאָרגן, אַז די קולטור־טעטיקײַט צווישן די פאָלקס־קרײַזן זאָל דורכגעפירט ווערן אויף אַ געהעריקן אופן.

פאַר דער אויפלעבונג אין ביבליאָטעק־וועזן

די אַרגענטינער ייִדישע קולטור־קאָנפערענץ באַשליסט:

1. — היות דאָס ייִדישע און העברעיִשע בוך זײַנען דער יסוד פון דער ייִדישער קולטור, דאַרפן געשטאַרקט און פּאַרפעסטיקט ווערן די ייִדישע ביבליאָטעקן.

2. — דורכפירן אַ צענז פון די עקזיסטירנדיקע ייִדישע און העברעיִשע ביבליאָ־טעקן אין לאַנד.

3. — רופן אַ באַראַטונג פון די ביבליאָטעק־טוער מיטן ציל צו שטאַרקן דאָס ביבליאָטעק־וועזן אין לאַנד.

4. — סטימולירן דאָס גרינדן נײַע ביבליאָטעקן און ווידער־עפענען די געשלאָ־סענע, בײַ יעדער צאָל לייענער און גרויס פון ישוב.

5. — העלפן די ביבליאָטעקן מיט אינסטרוקציעס, ווי אויך מיט מאַטעריעלע מיטלען. פאַר דעם צוועק זאָל געשאַפן ווערן אַ ספּעציעלער דעפּאַרטאַמענט.

6. — סטימולירן צו שאַפן לייענקרײַזן, ספּעציעל פון פרויען און פון יוגנטלעכע.

7. — ווי איינע פון די ערשטע מצוות מעשיות פאַרן ייִדישן מענטש דאַרף באַ־טראַכט ווערן דאָס שאַפן בײַ זיך אין הויז אַ פּריוואַט־ביבליאָטעק, וווּ דער ספר און בוך זאָלן פאַרנעמען אַ פּראָמינענט פּלאַץ.

8. — באַשטימען פּרעמיעס ווי אָן אָנערקענונג פאַר די אַקטיווסטע געזעל־שאַפטלעכע און בעסטע פּריוואַטע ביבליאָטעקן.

סטימולירונג פאַר קאַמער־טעאַטער

די אַרגענטינער ייִדישע קולטור־קאָנפערענץ רעקאָמענדירט צו אָרגאַניזירן ספּעקטאַקלען פון קאַמער־טעאַטער מיט דער באַטייליקונג פון באַרופענע שוישפּילער, כדי צו קענען ברענגען צום עולם, אונטער דער פּראָטעקציע און פאַרן וויל פון די

אָנגעשלאָסענע אינסטיטוציעס אין שטאָט און פּראָווינץ, די בעסטע ווערק פון דער יידישער דראַמאַטורגיע, ווי אויך פּיעסן פון ארגענטינער שריפטשטעלער, ווערק וואָס ווערן געוויינלעך נישט געשפּילט אין טעאַטערס מיט פּערמאַנענטע שווערע פינאַנציעלע זאָרגן.

די ארגענטינער יידישע קולטור-קאָנפערענץ רעקאָמענדירט צו סטימולירן קליינקונסט־טעאַטער, קווארטעטן, כאָרן, קאָנצערטן, אין שטאָט און פּראָווינץ.

די ארגענטינער קולטור־קאָנפערענץ שטעלט זיך פאַר אַן אויפגאַבע צו שאַפן די מעגלעכקייט צו בויען אַ פּערמאַנענט יידיש טעאַטער אין בוענאָס־איירעס.

זאַמלביכער פאַר יידישער ליטעראַטור

1. — עס ווערט באַשלאָסן ארויסצוגעבן איין מאָל אין יאָר אַ זאַמלבוך פון אַ 20 דרוקבויגן פאַר דערציילונגען, לידער, דראַמע און עסייען פון יידישע און העברעישע שרייבערס פון ארגענטינע און פון די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער בכלל.

2. — כדי צו סטימולירן די יידישע און העברעישע שרייבערס פון לאַטיין־אַמעריקע, דאַרף געשאַפן ווערן אַ ספּעציעלער פאָנד פאַר ליטעראַטור, וואָס זאָל דערמעגלעכן ארויסצוגעבן ווערטפולע ווערק.

3. — יעדן יאָר, אין אַפּריל, פּסח־צייט, אָנהייבן אַ חודש פאַרן יידישן און העברעישן בוך, און במשך פון חודש דורכפירן פּאַסיקע אַקטן אין שטאָט און אויף דער פּראָווינץ.

ח

יובילאַרן

ה. לייוויק

ה. לייוויק, פונקט ווי אים צו לאנגע יאר ח. נ. ביאליק און ליעסין, געהערט צו די גרויסע יידישע דיכטער, וואס ציען זייער יחוס העט ווייט פון די נביאים, פון אוראלטן קוואל, פונעם יידישן מיטאס. לייוויק גייט נאך ווייטער. ער איז נביאיש-מאדערניסטיש, יידיש-אוניווערסאליסטיש און סאציאל־איבערצייגנדיק. לייוויקס סאציאליזם איז דאס אייביק-יידיש גערעכטיקייט־ און אויסלייז־געפיל, וואס פאנגט זיך אן ביי אונדזערע נביאים.

דאס קליינע שטעטעלע איהומען, פון מינסקער קרייז, ווו ער האט די שיין דערזען; זיין טאטע, דער מיידלשער מלמד; און די מאמע, וואס האט געמוזט צוהעלפן צו דער ארעמער פרנסה מיט קנעטן אין די נעכט געבעקס; דער בית־המדרש און די שטעטלשע מיליע, — אלע גייען אויף אין הייליקייט אין לייוויקס לידער. עס איז דער קלימאט פון קדושה און מסירת־נפש. פון דארט קומט דאס טיפסטע, וואס די יידישע דיכטונג האט אויסגעכאוועט: דער גולם.

אזוי גייט ער, ה. לייוויק, פון איהומען אין די רייען פון „בונד"; אין דער מאסקווער בוטירקי-תפיסה; קיין סיביר; און פון דארט אין גרויסן, שטייניקן ניו־יארק; כדי צו הייליקן און מקדש־זיין מיט זיין נביאישן, סאציאלן, יידיש־מאדערניסטיש־רעוואלוציאנערן ווארט א גרויסן, וואכעדיקן און זינדיקן יידישן בבל־ישוב.

די רעוואלוציע זעט לייוויק פונקט אזוי, ווי די נביאים האבן געזען די אומגערעכטיקייט פון די יידישע מלכים, און דעם גראבן מאטעריאליזם, וואס איז ניט אין הסכם מיט אונדזער גאולה־שטרעבונג און מלכות־שמים־געדאנק:

„דער אויסלייזער ליגט אין זיין ארון
אנגעטון אין פאראדנע קליידער".

דאס זיינען ווערטער, וואס שטייגן אריבער די ראמען פון דיכטערישער שאפונג; דאס איז אייביקע מאנונג און נביאישער רוף. ווען לייוויק לעבט איבער די פינצטערע צייטן פון נאצישן אויפשטייג, איז זיין ווארט נאך ווונדיקער און הארצרייסנדיקער:

„איך בין א דורכפאל, גאט, אין קאמף צו זיין
ווי דו
עס ווארט דאס משוגעים־הויז אויף מיר און
מיינע לידער.
שוין לאנג צייט דו זאלסט מיר געבן רו,
איך בעט עס נאך אמאל, איך זאג עס ווידער".

איז עס דען ניט דאס זעלביקע ווי דער „רב לך ד' קח נפשי". פון דעם פלאמיקסטן און גרעסטן יידישן נביא מיט כמעט דריי טויזנט יאר צוריק? אזוי איז ה. לייוויק. אזעלכע ציטאטן זיינע קאן מען ברענגען אין די צענדליגער. לייוויק לעבט אין דער נשמה פון מאסנמענטש און פון יידישן האלב־אינטעליגענט. פאראן ביי אים לידער, וועלכע קריצן זיך איין אין הארצן ווי פסוקים פון תהילים.

לייוויק איז הארמאניע פון פערזענלעכער ריינקייט און קאלעקטיווער אח־

ריות. דערפאר האט ער דעם זכות צו זײַן אונדזער מדריך. אפילו אין מאמענ־טן, ווען אים איז גוט, פילט ער זיך שול־דיק פאר דער וועלט:

„איך בין א גאסט הײַנט בײַ מײַן אייגענעם
לעבן.
דאס מאל האב איך זיך פרייד פאר א געשאנק
געמאכט".

זײַן געוויסן פלאגט אים נישט בלויז פאר דער רשעות פון דער וועלט, נאר אפילו פארן בלוט, וואס ווערט פארגאסן לשם דער גאולה, איז ער צעפײַניקט. ווײַל:

„איך האב געזען געשמיסענע לײַבער
און בלוט איז גערונען פון זיי...
אז איך בין געווארן דערנאך א שרײַבער,
האב איך געשריבן לידער פון שניי.

האבן מענטשן ליב געהאט די לידער,
ווײַל זיי זײַנען געווען ווײַס ווי שניי
און מיר זײַנען זיי געווען אפט דערווידער,
ווײַל איך האב פארדעקט בלוט מיט זיי".

לייוויק דערציילט ווײַטער אין דעם זעלביקן ליד מיט אזעלכע ווערטער, וואס זײַנען ניט קײַן געשריפטס, נאר איבער־לעבונג פארן שרײַבער און לייענער, אז ער האט א שאר־געטון מיט דער פעדער און אנטבלויזט דאס בלוט, און דעמאלט האבן מענטשן אנגעהויבן ארויסצו־גיין מיט תרעומות: פארוואס פײַניקט ער אונדז מיט בלוט? און די פארשיידע־נע פארטיי־אפטייקערס זײַנען אויפגע־שוידערט געווארן פון לייוויקס נביאישן בלוט־רעצעפט. זיי האבן גאר א שלאפ־געטראנק צוגעגרייט פארן צעפײַניקטן יידישן גאולה־דארשט, פונקט ווי די פאלשע נביאים האבן אין זייער צײַט געשריִען: „שלום, שלום ואין שלום".

צו לייוויקס זעכציק־יאריקן געבורטס־טאג דארף געזאגט ווערן: דער נביאישער דיכטער פון ניו־יארק האט געהייליקט דאס יידישע ווארט מיט דער אייביקער קדושה פון אונדזער גערעכטיקײַט און גאולה־דראנג. דער יידישער מאסנמענטש, הירש לעקערט, האט געהייליקט לייוויקן, דאס יידישע ייִנגל פון איהומען — מיט זײַן טאט און מיט זײַן פרימיטיוון מסי־רת־נפש־געפיל.

ה. לייוויק איז אין דער יידישער דיכ־טונג דער צדיק, דער גײַסטיקער פאעט און מורה־דרך פון יידישן מאסנמענטש און האלב־אינטעליגענט.

מ. ק.

●

א. גלאנץ-לעיעלעס

א. גלאנץ איז א פובליציסט א מאנער און קעמפער און א. לעיעלעס אן אייגנ־ארטיקער יידישער דיכטער — א דיכ־טער מיט וועלונגען.

ביידע דערגאנצן זיך. א. לעיעלעסעס קינדהײַט איז פארבײַ אין לאדזש, וולאצ־לאוועק, ווארשע, ווו ער האט ייִנגלווײַז דערזען פרצן, און זײַן זכרון היט דאס בילד.

— „איך ווייס נישט — זינגט א. לע־יעלעס אין א ליד צו פרצן — צי איך וואלט דיר פאר א זון געפעלן, נאר דו פאר טאטע מ י ר — א בילד, וואס איז פערפעקט".

„אַ פּאָטער חלומט נס, ער חלומט געלט פֿון אײַזן
פאַר זײַנע זין. די זין — זיי פעלשן אָפּט אין
אים.
אין אײנס וועל איך מקיים זײַן דײַן רוף און
שטים:
דעם לשון פון דער שטוב וועל איך ביז סוף
געטרײַ זײַן".

א. גלאַנץ-לעיעלעס איז געטרײַ, אין וואָרט און אין טאַט, צו דער מאָדערנער יידישער קולטור און מיט זײַן פען שלאָגט ער זיך און קעמפט, תמיד און אומעטום, פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור.

אין 1918 איז דערשינען א. לעיעלעס לידער-זאַמלונג „לאַבירינט". שפּעטער, אין לויף פון יאָרן, זײַנען דערשינען: „די מעשה פון הונדערט", „יונגהאַרבסט" די דראַמאַטישע פּאָעמע „שלמה מולכו", די לידער „ראַנדאָס", די דראַמע „אשר לעמלען", די פּאָעמע „צו דיר, צו מיר", די לידער „פאַביוס לינד", און אין 1946 — די לידער און פּאָעמעס „אַ ייִד אויפן ים".

א. לעיעלעס האָט ווי אַ דיכטער דורכגעמאַכט אַ שווערן וועג. פון זײַנע אַמאָליקע פאַרלאַנגען, ווי אַן „אינזוי-ביסט", ביזן באַקומען אין 1948 די פּרעמיע פון „לואיס לאַמעד-פאָנד", איז אַ גרויסער מהלך. אין זײַן „חלום צווישן וואָלקנקראַצערס" זאָגט א. לעיעלעס:

„...איך בין מיט שלאַכטן
אין דער ייִדיש-דיכטונג אָנגעקומען — פײַער-פלאַם.
כ'האָב פאַרנומען נײַע ריטמען, און אַ נײַער גראַם
האָט געאָטעמט דורך אַ לעבנס-אויסקוק, אַ נע-בראַכטן
נישט בלויז פון די מעלאַנכאָלישע פאַרנאַכטן,
אָדער פון דער שמאָלער, ליריש אויסגעצירטער
ראַם.
ס'האָט אַ שאָט געטאָן אויף מיר מיט זאַוועריכעס.
גלײַך איך וואָלט צעבראָכן הייליקאַלטע לוחות".

א. לעיעלעס זינגט וועגן ייִדישן לעבן אין אַמאָליקן פּוילן; ער דערציילט וועגן ייִדישן לעבן אין אַמעריקע. ער פאַר-טיפט זיך אין דער ייִדישער געשיכטע: זעט דעם גאַנג פון דורות; און הערט אויך דאָס געוויין פון די פעלקער אין דער וועלט. ער זעט „דעם אומעט פון אור-מות", מיט וואָס די ערד ווערט גענערט. ער צייכנט די געשטאַלט פון משה, קע-ניג דוד, דעם בכור ראובן, ישעיה און האָמער, קין און הבל, הורדוס, הערשל גרינשפּאַן, יעקב דן דער לאָדזשער שוס-טער און אין זײַן „ערשטער מײַ 1943" זינגט ער:

„גיט מיר צוריק דעם אַלטן סאָציאַליזם,
דעם סאָציאַליזם פון גרויסן האַרץ און דאַר-
שטיקער נשמה,
פון ליכטיקער מחשבה און ציכטיקער טאַט,
פון עמוסעס צערנען און מיכהס לערנען,
פון זויבערע זעאונגען, ווי זילבערנע שטראָמען,
פון ישעיהס „והיה באחרית הימים".

אין זײַן אני מאמין וועגן ייִדיש לעבן דריקט זיך אויס א. גלאַנץ, דער קעמפע-דיקער פּובליציסט, אָט אַזוי:

„וויפל גײַסטיקן כוח און מאָראַלישע עקשנות דאַרף אַ ייִד פאַרמאָגן הײַנט צו טאָג צו גלויבן אין סאָציאַליזם! און דאָך — אויב עס זײַנען נאָך איצט פאַראַן עכטע, ערלעכע סאָציאַליסטן, געפינט מען זיי צום מערסטן צווישן ייִדן".

און וועגן ייִדיש זאָגט ער אָט וואָס:

„מיט ייִדיש איז פאַרבונדן די וועלט-

פֿאָלק-אידייע, וואָס — לויט מײַן געפֿיל און קאָנצעפּציע — שליסט ניט אויס, נאָר נעמט אין זיך אַרײַן די קאָנצענטראַציע פֿון גרויסע טיילן פֿון ייִדישן פֿאָלק אין באַשטימטע ערטער. אין איצטיקן היסטאָרישן צײַט־אָפּשניט קומט אויפֿן ערשטן אָרט די ייִדיש־פּראָקלאַמירטע רעפּובליק ישראל. די „אייגן־לאַנד"־אידייע איז אָבער נישט גענוג, ווײַל „ככל הגויים־דיקײַט" איז פֿאַר ייִדן נישט גענוג. עס מוז זײַן אַ גרעסערע, אַ ברייטערע און — אין תוך — גערעכטערע אידייע. אויך זי איז דאָ, און זי הייסט „וועלט־פֿאָלק", וואָס איז אָרגאַניש פֿאַרבונדן מיט ייִדיש".

אַ. גלאַנץ־לעיעלעס איז אַ מענטש מיט אידייען. ער איז פֿול מיט גלויבן. און ווי אַ פּובליציסט און דיכטער האָט ער זיך קיינמאָל ניט אָפּגעשראָקן צו זײַן אין דער מינדערהײַט, צו זײַן אַליין. זײַן זשורנאַליסטישע אַרבעט, ווי זײַנע דיכטערישע דערגרייכונגען און געזעלשאַפֿטלעכע אַקטיוויקײַט — דאָס שענסטע און טײַערסטע האָט ער אָוועקגעגעבן פֿאַר אונדזער פֿאָלק.

זאָל אים דער דאָזיקער זכות לײַכטן אויף זײַנע וועגן נאָך זײַן זעקסטן יאָרצענדלינג.

י. ה.

●

ד״ר יצחק נחמן שטיינבערג

אין אונדזער ביטערער עפּאָכע פֿאַר פּערזענלעכקײַטן איז ד״ר יצחק נחמן שטיינבערג — בײַם אַריבערגיין דעם זעקסטן יאָרצענדלינג פֿון זײַן שעפֿערישן לעבן — אַ יחיד במינו. ער איז מיט זײַן עפּאָכע ניט שוה בשוה. און ער האָט דעם מוט אַרײַנצוקוקן זײַן עפּאָכע און זײַן דור אין די אויגן און זאָגן, פֿאַרוואָס ער האַלט, אַז ער איז גערעכט, און ניט זײַן דור. און ער האָט אַ וואָגיק וואָרט און אויסדרוקספֿולע מיטלען, כדי פֿאַרצושטעלן זײַן אייגענע און אייגנאַרטיקע שטעלונג צו דער וועלט און צו מענטשן, צו די ייִדישע באַוועגונגען און אידעאָלאָגיעס פֿון אונדזער צײַט. ווי אַ שרײַבער און ווי אַ רעדנער וואָלט ער בכוח געווען צו באַוועגן, לפּחות די אינטעליגענץ, צו איבערטראַכטן און רעווידירן קאָנאָניזירטע קאָנצעפּציעס. אָבער — ער האָט קעגן זיך די גרויסע מערהײַט.

נישט אויסגעשלאָסן, אַז ווען מ׳זאָל זיך פֿונאַנדערפֿרעגן גוט אין די רייען פֿון זײַנע אייגענע מיטגלייביקע אין פֿרײַען סאָציאַליזם, ווו ער איז אַנאַליטיקער מיט שווונג, פֿאַרטיפֿונג און ערודיציע פֿון אוניווערסאַלן פֿאַרנעם, וואָלט אפֿשר ניט שווער געווען אויסצוגעפֿינען, אַז אויך דאָרטן איז ער אין גרונטזאַכן ניט שוה בשוה. אין דער געזעלשאַפֿט פֿון פֿרײַע סאָציאַליסטן איז גאָטלאָזיקײַט דערפֿירט געוואָרן ביז צו ריטועלע דעמאָנסטראַציעס... שטיינבערג איז ניט בלויז רעליגיעז, נאָר זײַן פֿירן אַ ייִדישע שטוב על פּי די אָנגענומענע אַלטע דינים און מנהגים ווערט פֿון אַ סך באַטראַכט ווי אַ ווידערשפּרוך צו די סאָציאַליסטישע פּרינציפּן, און נישט ווײַ־

ניק פאַרערבענגען טאַקע שטיינבערגן פאַר אַן אָרטאָדאָקסישן ייִדן.

ד״ר יצחק נחמן שטיינבערג גייט זײַן אייגענעם וועג. וואָלט ער אַרײַנגעקומען אין פּוילן אָדער אַפילו אין נאָרד־אַמעריקע אין די יאָרן פון ייִדישן אויפשוווּנג, ווען די קאַמפּן פאַר פרײַען סאָציאַליזם האָבן מיטגעריסן געדיכטע ייִדישע מאַסן, וואָלט שטיינבערג אפשר געווונען אַן ענלעכע ערשטקלאַסיקע פּאָזיציע ווי אַ רעדנער און שרײַבער, ווי עס האָט געווונען ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, מיט וועמען עס האָט אים אַ סך פאַרבונדן. ער איז אָבער געקומען שפּעטער, ווען דער קריזיס האָט ראשית־כּל אַרומגעכאַפּט, ווי פלאַמען, אונדזערע גרעסטע פּערזענלעכקײַטן, ווען דער עולם האָט אָנגעהויבן פאַרלירן די געדולד צו חילוקי־דעות, ווען פאַר יעדער אָפּווײַכונג פון אָנגעצייכנטן דרך איז יעדע באַוועגונג גרייט געוואָרן אַוועקצושטעלן בײַ שאַנדסלופּ אַפילו די גרעסטע און בעסטע. אין אַזעלכע יאָרן איז ד״ר יצחק נחמן שטיינבערגן אויסגעקומען אַריבערצוגיין פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערע וועגן אויף דער ייִדישער גאַס. יוסטיץ־מיניסטער פון דער ערשטער סאָוועטישער רעגירונג, אַנטוישט, ווײַל ער האָט אַנשטאָט יושר גאָר געפונען אַ נײַע פאָרם פון טיראַניע, איז ער אַוועק אויף דער אָרימער ייִדישער גאַס, מיט נאָך אַ טיפערער אמונה אין פרײַהייט, טאָלעראַנץ און טיפן דרך־ארץ צו מענטשן און געזעלשאַפט. און אַט־אָ די פרײַהייט און טאָלעראַנץ, אַט־אָ דעם דרך־ארץ צו מענטשן און געזעלשאַפט האָט שטיינבערג, אין שריפט און אין וואָרט, וואָרצלדיק־ייִדיש, מיט לומדישער חריפות און תורה־יושר געזוכט אַרויסצוברענגען אין אָפּשאַצונגען פון געשעענישן בײַ אונדז ווי אין מעשים. דערפון זײַנען געקומען די עטלעכע צענדלינג בענד פון זײַנע זאַמלביכער „פרײַע שריפטן״, ווו עס זײַנען געקומען צום אויסדרוק אונדזערע בעסטע דענקענדיקע שרײַבער. דערפון זײַנען געקומען זײַנע אַנאַליטישע ווערק איבער דער רוסישער רעוואָלוציע, קווערשניטן אין דער געשיכטע פון אַנדערע פונדאַמענטאַלע רעוואָלוציעס. דערפון זײַן פאַרמעסט אויף דראַמע. דערפון זײַן עקספּערימענט פון „פרײַלאַנד״, צו שאַפן אַ מוסטער פון אַ טעאָריע, הן אַז אַ ביסל ייִדן זאָל פיזיש זיך קענען ראַטעווען, הן צו קענען ווײַזן, אַז ייִדן קענען אויך גײַסטיק אויסבילדן אַ מוסטער פון אַ געזעלשאַפט. אין דעם טעאָרעטיקער ד״ר יצחק נחמן שטיינבערג איז דאָ אַ טרוימער, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט די שענסטע חלומות פון די נביאים, און וויל נישט אַנדערש, אַז אויב ייִדן האָבן שוין יאָ זוכה־געווען צו האָבן אַן אייגן לאַנד, מוז דאָס דאָזיקע לאַנד דורכויס געפירט ווערן אינעם גײַסט פון אונדזער תורה־יושר, און דערפאַר טאָרן מיר אין ערגעץ נישט דערלאָזן קיין עוולות, וואָס זײַנען עובר אויף דער תורה...

ד״ר יצחק נחמן שטיינבערג איז בלי שום ספק אַ יחיד בדורו.

ש. ר.

א. ל. שוסהיים

אין דער זשורנאַליסטיק פון א. ל. שוסהיים — לכבוד וועמענס 70-יאָריקן יובילײ עס ווערט אַרויסגעגעבן אין 1949, פון אַ ספּעציעלן קאָמיטעט אין בוענאָס-אײַרעס, אַ באַנד געזאַמלטע שריפטן — זײַנען ליטעראַרישע מחותנים זייער אָפּטע געסט. אי ער אַליין האָט ליב צו מאַכן אַ ליטעראַרישע עקסקורסיע, אי ער האָט ליב צו באַקענען זײַנע לייענער מיט די שרײַבער און ווערק, וואָס האָבן אים פאַראינטערעסירט.

א. ל. שוסהיים געהערט צו די פּיאָנערן פון דער פּועלי-ציוניסטישער זשורנאַליסטיק. נאָך אין גאַליציע איז ער אַפילו פאַר בער באָראָכאָוון און ל. חאַזאַנאָוויטשן אָנגעשטאַנען פאַר אַ רעדאַקטאָר. און איז מאָרים ראָזנפעלד געקומען אין קראָקע, איז דער 30-יאָריקער שוסהיים געווען דער, וואָס האָט אים פאָרגעשטעלט אויף זײַן אויפטריט פאַרן עולם. עס יחוסט זיך מיט אים דער וועטעראַן גרשם באַדער. און עס יחוסט זיך מיט אים בכלל דער דור פון דער „גאָלדענער עפּאָכע".

דאָס איז אַ יחוס עצמו. אין אים האָט גאַליציאַנער פאַרוואָרצלטע ייִדישקייט, דורכגעפלאָכטן מיט סאָציאַלע אידייען פון 20סטן יאָרהונדערט, זיך אויסגעטובלט אין אייראָפּעיִשקייט. און ער אַליין, מיט דער געמיטלעכקייט פון אַ קעמפערישן זשורנאַליסט, האָט — חוצן זוכן צו זײַן גערעכט — זיך געמיט נישט אַרײַנצופאַלן אין זאַמד פון דער טאָגשרײַבערײַ...

אויך אין דער דורכלויפיקער טאָגאַרבעט געפינט מען בײַ א. ל. שוסהיים גאָלד-קערנדלעך פון אייראָפּעיִשער שרײַבערײַ. דאָ אַ פײַן שפּילוואָרט. דאָרט אַן עלעגאַנטער פּאַסאַזש, וואָס לאָקט מיט זײַן סטיל. יאָט אַ הלף-שאַרפע פּאָלעמישע פּראַזע. און אָט אַ שטימונג, אַ בילדל, אַ פײַנער רעפלעקס.

אין דער ייִדישער זשורנאַליסטיק איז א. ל. שוסהיים צווישן די פּאַרטיי-מענטשן, וועלכע קענען גיין אויפן ראַנד פון פּאַרטייִישקייט. ער קען אויך רעזאָנירן ביחידות. קען רעזאָנירן מיט געמיט און מיט ווינערישער איראָניע. עלעגאַנט און ייִדישלעך.

ער קען גרינטלעך די ציוניסטישע באַוועגונג, איבערהויפּט אירע וואָרטזאָגער, און איר ליטעראַטור. ער האָט איבערגעזעצט הערצלס „ייִדנשטאַט" און אַרויסגעוויזן בקיאות אין הערצליאַניזם. טיף פאַראינטערעסירט אין ייִדישע געשיכטעשרײַבער, האָט ער גאַנץ באַזונדער זיך אינטערעסירט מיט די היסטאָריקער פון גאַליציע, איבערזעצנדיק מאיר באַלאַבאַנס ווערק „די ייִדן-שטאָט לובלין". ער איז אַ באַרופענער שרײַבער מיט פאַרנעם פאַר מאָנאָגראַפיע. ער האָט פאַר דעם אי וויסן אי דיסציפּלין אין דער אַרכיטעקטור פון שרײַבן. צום באַדויערן ווערט ער צו דעם ניט גענוג אָפט אינספּירירט אָדער באַוויגן, און דאָס איז אַ שאָד.

אין א. ל. שוסהיים דעם בן שבעים, רופט ספּעציעל די אויפמערקזאַמקייט זײַן יוגנטלעכקייט, די פרישקייט פון זײַן שרײַבן און די גרייטקייט צו באַטאַליע

מיט דער פעדער. זײַנע „מלחמות" װעגן געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַל־קולטור־רעלע שטעלונגען האָבן אים אײַנגעשאַפּן אַ סך בלומ׳קע שונאים, אָבער נישט װײ־ניקער באַגײַסטערטע פאַרערער. ער איז פון די, װעלכע אַפילו די שונאים קענען נישט פאַרלײקענען. אַט־דער בנעימותדי־קער, שטימונגפולער, שפּילעװודיקער שרײַבער, װעלכער באַשפּרענקלט זײַן שרײַבן מיט איראָניע און שלאָגט אָן עלע־גאַנטן הומאָר, קען אין פּאָלעמיק זײַן אומברחמנותדיק, ממש פּריטשמעליען. אין דעם שוסהיים, דעם בן שבעים, איז דאָ אַ יוגנטלעכער שרײַבער, װאָס שטייט אויף דער װאַך און גייט נאָך דעם לעבן אויף טריט און שריט.

אין דעם געדאַנקענגאַנג פון דער ייִדי־שער געזעלשאַפט אין אַרגענטינע האָט א. ל. שוסהיים אַן אָנגעזען אָרט.

ש. ר.

●

רודאָלף ראָקער

„אויב עמעצער זאָגט אײַך, אַז איך בין אַ פילאָסעמיט, אַז איך האָב ליב דאָס ייִדישע פאָלק — גלייבט אים נישט!". אַזוי האָט רודאָלף ראָקער זיך אויסגעדריקט אויף דער פײַערונג, װאָס איז אײַנגעאָרדנט געװאָרן אין ניו־יאָרק (דעם 17טן אָקטאָבער 1948) צו זײַן 75סטן געבורטסטאָג און 60 יאָר שאַפן. „מ׳קאָן נישט ליב־האָבן אַ גאַנץ פאָלק, אַ גאַנצע נאַציע", האָט ראָקער צוגע־געבן. „מ׳קאָן נאָר ליב האָבן די, װאָס האָבן זיך פאַרדינט אָדער דערװאָרבן אײער ליבע". און ראָקער האָט באַרירט דעם גרונטמאָמענט פון זײַן לעבן: „איך בין געבוירן געװאָרן אַ דײַטש; איך האָב ליב אַ צאָל דײַטשן, אָבער איך האָב פײַנט אַ סך מער פון מײַן פאָלק".

רודאָלף ראָקער, דער דײַטש, דער „ריי־נער אַריער", האָט אַ סך מער דײַטשן פײַנט װי ליב. אין דער זעלביקער צײַט האָט דער דאָזיקער „ריינער אַריער" אַ סך מער ייִדן ליב אײדער פײַנט. דאָס, װאָס ער האָט געטון פאַר ייִדן — פאַרן ייִדישן װאָרט און פאַר דעם ייִדישן אַר־בעטער — האָט פאַר אים אַזױ פיל ליב־שאַפט אײַנגעשאַפן צװישן ייִדן, אַז ער װערט באַטראַכט װי „אַן אומפאַרגלײַכ־לעכער אוהב ישראל". נישט בלויז פאַר־נעמט ער איינע פון די פּראָמינענטסטע ערטער אין דער ייִדישער אַרבעטער־באַ־װעגונג, אַט־דער דײַטש װאָס האָט פון דער פריִעסטער יוגנט זיך אויסגעלערנט ייִדיש און געװאָרן רעדאַקטאָר פון ייִדי־שע װאָכנבלעטער, װעלכע האָבן געמאַכט געשיכטע, איבערהויפּט דער לאָנדאָנער „אַרבעטער־פרײַנד", נאָר ער האָט אויך קאָלאָסאַלע פאַרדינסטן פאַר זײַן הייבן דעם קולטור־ניװאָ בײַ דער ייִדישער מאַ־סע, אַנטװיקלען געשמאַק און חשק צו װערטיקער ליטעראַטור, צו קונסט, פונקט װי צו פרײַהײַט, צו אוניװערסאַליזם. ער האַלט טאַקע, אַז „נאַציאָנאַלע אָנגעהער־ריקײַט איז ניט מער װי אַ ביאָלאָגישער צופאַל; נישטאָ װאָס זיך צו שעמען, נישטאָ װאָס צו שטאָלצירן, מחמת קיי־נער פון אונדז האָט נישט אויסגעקליבן

זײַן געבורטספּלאַץ". דאָך איז מאָדנע דער צופאַל, וואָס רודאָלף ראָקער איז אַלע זײַנע יאָרן גערודפט געוואָרן פון דײַטשן גופא, פונקט ווי ער איז גערודפט געוואָרן פאַר זײַן דײַטשישקייט דורך ענגלענדער, בעת בײַ די ייִדן, אין דער אָרעמסטער סביבה, האָט ער שטענדיק זיך געפילט ווי „בײַ זיך אין דער היים". נישט אומזיסט האָט ראָקער געשריבן — בײַ דער געלעגנהייט פון זײַן 70יאָריקן יובילײַ אין קאַפּיטל זכרונות „ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַ רעדאַקטאָר פון אַ ייִדישער צײַטונג" — „האָט זיך מיר דען געחלומט אַפילו, אַז איך זאָל קענען אַזוי טיף אַרײַנדרינגען אין דער ייִדישער אַרבעטער-באַוועגונג און זײַן דאָרט טעטיק ווי אַ ייִדישער שרײַבער"?

דאָס איז אַ קאַפּיטל פון זעלטענעם אידעאַליזם. סאָציאַלער דענקער אידענטיפיצירט מיטן אַרבעטער-קעמפער. וויסנשאַפטלער און קריטיקער. עסעיִסט און זשורנאַליסט. און — דער „ריינער אַריער", דער פּאָליגלאָט, וואָס האָט אַ לעבן אַוועקגעגעבן, ווי אַ ייִדישער שרײַבער, לטובת דעם ייִדישן אַרבעטער און וואָס איז אַרויסגעקומען לטובת דער ייִדישער קולטורעלער אַנטוויקלונג אין אַלגעמיין, לטובת דער ייִדישער געזעלשאַפט. רודאָלף ראָקערס וואָרט האָט בסדר סטימולירט און צעמענטירט ייִדישע קולטור־געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אין גײַסט פון פרײַהייט. און אָט־דער פרײַהייט־גייסט, וואָס איז זײַן לופט, ווערט צום פולסטן אויסגעדריקט אין דעם לעבנווערק זײַנעם „נאַציאָנאַליזם און קולטור" — אַ ווערק פון קרוב 800 זײַטן — וואָס די „בוך־געמיינשאַפט בײַ דער ייִד' ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט" אין בוענאָס־אײַרעס גיט אַרויס (אין דער איבערזעצונג פון יעקב בירנבוים) אין 1949, ווי אַ בײַטראָג צו זײַן יובילײַ.

אויב ייִדישע סביבה איז בכוח געווען צוצוציִען אַ „ריינעם אַריער" און אים אַזוי באַווירקן, אַזאַ ליבשאַפט אָנצינדן, אַז ער זאָל זיך צו איר איבערגעבן מיט לײַב און לעבן אַלע זײַנע יאָרן, אַזוי אידעאַליסטיש, ווי רודאָלף ראָקער האָט דאָס געטון — איז פאַראַן אין דער ייִדישער סביבה אַן אויסערגעוויינלעכער כוח.

ש. ר.

ט

אַװעקגעגאַנגענע

מנחם באָריישאַ

לאַנג, לאַנג האָט בײַ אים געדויערט, ביז ער איז צוגעקומען צו דער מזרח־וואַנט פון דער ייִדישער ליטעראַטור. איז ער אָבער צוגעקומען, האָט קיינער נישט געקענט בײַ אים צונעמען דעם עמוד זײַנעם.

מנחם באָריישאַ איז דער גרויסער מטיף אין דער ייִדישער פּאָעזיע. נאָך זײַן שיער־עפּאָפּעיִשן ווערק „דער גייער" איז קלאָר געוואָרן, אַז ער האָט גלײַך פון זײַן אָנהייב נישט געבלאָנדזשעט, נאָר געזוכט.

געגאַנגען זיגזאַגיש 42 יאָר מיטן ייִדישן ליד, אָבער שטענדיק אויפן ברייטן שליאַך, אויף דעם דרך־המלך פון דער ייִדישער תפילה. ער האָט ליטעראַריש געזוכט דעם נוסח התפילה אין דער ייִדישער פּאָעזיע. און האָט דעם נוסח התפילה דווקא געפונען אין עפּיק. ער האָט געוואָרפן בריקן פון ליריק צו עפּיק, פון אוניווערסאַלע אידייען צו לומדות, פון אַקציע צו מעדיטאַציע, צו אַפאָריסטיק, צו פילאָזאָפיע.

אין איינעם פון זײַנע ערשטע לידער, אין „קדוש" (1907), האָט מנחם (ווען ער האָט זיך נאָך נישט גערופן באָריישאַ) אַזוי זאָגעריש געזונגען:

„...איך בין שיכור פון גלויבן.

— — — — — — — — — — — — —

מיר בין איך, שוואַך און פון הייליקײַט שיכור".

און אינעם נאָכוואָרט פון זײַן שריפֿטן־זאַמלונג „אַ דור" (1947) האָט באָריישאַ (ווען ער האָט שוין נישט גענוצט זײַן נאָמען מנחם) אַזוי געשריבן:

„עס איז מיט מיר פאָרגעקומען אַ פאַטאַלער טעות: איך האָב באַדאַרפט זײַן מײַן טאַטנס זיידע און נישט זײַן זון".

מנחם איז נישט געגאַנגען גלײַך מיט די פּאָעטן פון זײַן דור: אָדער ער איז געווען „צוריקגעשטאַנען", אָדער ער איז פאָרויסגעגאַנגען. י. ל. פּרץ האָט קיין טעות נישט געהאַט, ווען ער האָט זיך אַזוי אײַנגעשטעלט פאַר אים אַנטקעגן בעל־מחשבותעס אַרונטעררײַסן. און בעל־מחשבות? דער עסטעט האָט נישט דערזען די שיינקייט פון תפילה־נוסח אין ייִדישער פּאָעזיע, די עטישע שיינקייט, פאַר וועלכער באָריישאַ האָט געקעמפט הן אין זײַן עפּיק הן אין זײַן ליריק.

מנחם איז געגאַנגען יאָרנלאַנג קעגן זײַן דור. ווען ייִדישע דיכטער האָבן זיך גענומען שעמען מיט גאָט־זוכענישן, האָט מנחם זיך אַוועקגעלאָזט נאָך גאָט־זוכענישן — און אַזוי די גאַנצע 42 יאָר פון זײַן דיכטערישן שאַפן, ביז ער איז פון אונדז אַוועקגעריסן געוואָרן (דעם 12טן פעברואַר 1949 — י"ג שבט ה'תש"ט). געוויס דערפאַר האָט ער אַ סך יאָרן זיך אַליין נישט געפונען און די ליטעראַטור־קריטיק, ווי דער לייענער, האָט אים נישט געפונען. זײַן נוסח האָט אָנגעטראָפן, אין תוך, אויף אַ וועלט, וואָס איז מיט איר גײַסט געווען פרעמד. אפילו דער פּראָלעטאַרישער „זאַוול רימער" איז געווען אַן עלנטער אין דער וועלט פון קלאַסנ־

קאַמף. „דער פרעמדער“, די ערשטע פּאָעמע פון דער הערצל-דראַמע, איז אויפגעקומען אין אַ פרעמדער אַטמאָס־פערע. אין „גלגול“ האָט מען גיכער זיך אָנגעכאַפּט ביי די פּאָלעמישע מאָמענטן וועגן פוילן. מנחם, דער שטורמער אין דער ייִדישער פּאָעטישער פּראָבלעמאַטיק, האָט ווי אַ פּאָעט דעם לייענער און די קריטיק נישט אויפגעשטורעמט. זיינע צייט־אַרטיקלען האָבן גיכער אויפגעשטורעמט ווי זיין דיכטונג.

ערשט „דער גייער“ (1942) האָט אויפגעשטורעמט אי דעם לייענער אי די ליטעראַטור־קריטיק. אמת, דאָס איז מנחם באַריישאָס קרוינווערק און אַ קרוינווערק אין דער ייִדישער דיכטונג. אָבער נישט ווייניקער ריכטיק איז: די צייט איז אַנטקעגנגעגאַנגען דעם „גייער“. דער עפּיקער, דער שילדערער פון כלל, וועלכער האָט קינסטלעריש זיך באַנוצט מיט אַלע קונסט-פאָרמען פון פערז און דערגרייכט אין זיי מייסטערשאַפט, האָט גערקרוינט זיין לאַנגיאָריקע גאָט-זוכעניש און גראַנגל פאַרן עטישן מענטש. „דער גייער“ איז נישט קיין בוך, נאָר אַ ספר. „דער גייער“ דאַרף אַ לערנער, נישט קיין לייענער. דאָס איז פון די געציילטע ספרים אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

דערפאַר איז זיין אוועקגיין פון אונדז, אין סאַמע מיטן פון זיין אויפגעשטיגענער שעפערישקייט, אויפן 61סטן יאָר פון זיין לעבן, אַ וווּנד וואָס וועט זיך נישט פאַרהיילן. נישטאָ אַזאַ ממלא־מקום, נישט אין דער פּאָעזיע און אפילו נישט אין דער פּובליציסטיק. מ. באַריישאַ האָט נישט געלאָזט אונדזער נאַציאָנאַל־קולטור־לעבן פאַרגליווערט ווערן און גערופן נאָכאַנאַנד צו גיין און זוכן, גיין און טראַכטן, זען, הערן, פאַרשן, פאַרטיפן זיך און רעווידירן, מיט אמונה אין בעסערן מענטש.

ש. ר.

●

ז. סעגאַלאָוויטש

זוסמאַן סעגאַלאָוויטש — וועלכער איז געשטאָרבן דעם 19טן פעברואַר 1949 (כ' שבט ה'תש"ט) אין ניו־יאָרק, אין עלטער פון 65 יאָר — איז אָנגעקומען אין דער ייִדישער ליטעראַטור אין 1904, סאַמע ערב דעם רעוואָלוציאָנערן אויפברויז אין צאַרישן רוסלאַנד; נאָר הגם ער האָט ביי זיין ליטעראַרישן אָנהייב ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן, אפילו אויך געהערט צו דער בונדישער באַוועגונג, דאָך איז ער פון זיין אָנהייב געבליבן דער דיכטער פון שטילן טרויער, דער אויסדריקער פון יחידישע בענקשאַפטן און סענטימענטן, נאָך מער — „אייביק איינזאַם“.

ער האָט געבענקט נאָך אַ ביסל ליבע, נאָך טראָפּנס פרייד אין לעבן; און אָט די בענקשאַפטן האָט ז. סעגאַלאָוויטש אַריינגעטריפט אין די הערצער פון דער ייִדישער יוגנט.

ז. סעגאַלאָוויטש האָט זיך ליטעראַריש ברייט צעבליט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ער האָט זיך באַזעצט אין פוילן. גאַנצע מחנות ייִדישע יוגנט־

לעבע האָבן געלייענט זיינע לידער און געפירט ליבעס מיט סעגאַלאָוויטשעס פראַזעס אויף די ליפּן. דאָס איז געווען אַ גרויסע דערגרייכונג, ניט בלויז פאַר סעגאַלאָוויטשן, נאָר אויך אַ פּאָזיציע פאַר דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור.

הלוואי זאָל נאָך אונדזער דור דערלעבן, אַז יידישע יוגנט זאָל ווידער פירן ליבעס מיט יידישן וואָרט אין מויל און ווידער זינגען לידער פון יידישע פּאָעטן! ליידער פעלט שוין באַלד אויס אין אונדזער פּאָעזיע דאָס גליאיקע ליבע־ליד, דער סענטימענט, וואָס לעבט ביי יוגנט.

איך האָב ז. סעגאַלאָוויטשן געזען אין יידישן שטעטל אין פּוילן; כ'האָב אים געזען אַ סך מאָל אין וואַרשע, פאָרנדיק איבער די נאַלעווקעס אין אַ דראָזשקע, אויסגעפּוצט ווי „אַ פּרינץ"; און כ'האָב אים געזען אויף דער איסט־סייד אין ניו־יאָרק, ווי ער האָט קוים באַוועגט זיינע מידע פיס, אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן, ווי יענער אַלטער גענעראַל, וואָס ער אַליין האָט אַמאָל באַשריבן.

ווי ווייט עס זיינען יענע אידילישע צייטן, ווען ער האָט געזונגען וועגן „קאַזשמיעזש", דערציילט פון די „קרימער נעכט", דערמאָנט די „ראָמאַנטישע יאָרן", געשילדערט „די ווילדע צילקע", געזונגען וועגן „צייטיקע טרויבן", באַשריבן קאָנפליקטן פון „איך, זי און ער", אויספאַנטאַזירט „אַ לעגענדע וועבט זיך", דערציילט פון „קאַזאַרמע־לעבן", באַשריבן „די ברידער נעמזאַר", אויסגעלאַכט די „שמענדריקעס" אין פּוילן!

סעפּטעמבער 1939 האָט אַלץ אונטערגעשניטן און געבליבן איז פאַר סעגאַלאָוויטשן: חורבן, וויסטע, בלוטיקע קאָשמאָרן — מײַדאַנעק און טרעבלינקע.

אין 1938 האָט נאָך ז. סעגאַלאָוויטש געזונגען, אַז „דאָס ליד איז אַ קוש פאַר דיין איינזאַמער שעה" און פאַר בלומען האָט ער נאָך געשיקט אַלע זיינע תּפילות. נאָך סעפּטעמבער 1939 האָט ער שוין זיין צער מער ניט געקאָנט שטילן. דער „נישטאָ" פון פּוילישן יידנטום איז געוואָרן ניט בלויז סעגאַלאָוויטשעס חורבן־פּאָעמע, נאָר אַ קלאָג־ליד פון אונדזער גאַנצן פאָלק. און דאָס זעלביקע מיט „אַ בוים פון פּוילן", „ישובים מיינע", „טרעבלינקע", „דאָרטן", „איצטער".

אין דער טעכניק פון שרייבן לידער האָט ז. סעגאַלאָוויטש טאַקע זיך ניט געענדערט, אָבער אינעם פאַרנעם, אין דערשפּירן דעם צער פון פאָלק, הגם ער איז אין טרעבלינקע ניט געווען, האָט ער זיך אַזוי דערהויבן, אַז זיינע פּאָעמעס זיינען גאָר שנעל דערהערט געוואָרן אין דער גאַנצער יידישער וועלט, און זיינע שורות, געלייטערט אין ליידן, האָבן אָנגעזאָגט טרויער אינעם בלוט־פאַרגאָסענעם געמיט פון ברייטן יידישן עולם — און דאָס האָט געוויזן, אַז יידישע פּאָעזיע שלאָגט ניט אין ליידיקע שוועלן.

ש. ניגער האָט ז. סעגאַלאָוויטשן געבעטן מחילה. ח. ש. קאַזדאַן האָט געזאָגט ביי דער לוויה, אַז סעגאַלאָוויטש איז אַ לעצט ביסל ערד פון געוועזענעם יידישן לעבן אין פּוילן. י. מ. ניימאַן, האָט ביים אזכרה־אַקט נאָך ז. סעגאַלאָ-

וויטש, וואס איז דורכגעפירט געווארן אין תל־אביב, ארויסגעבראכט, אז אין אונדזער פארליבטקייט אינעם פוילישן פייזאזש האבן מיר ניט געפילט, ווי מיר האבן געלעבט אין אן אילוזיע. נאר וואס יידישע שרייבער האבן עס אלץ ניט געשריבן און געזאגט, איבער אלעם וואלט זיך נאר געוואלט ציטירן סעגאלא־וויטשן גופא, זיינע אן אימפראוויזירטע רעדע וועגן יידיש און יידישער ליטעראטור, וואס ער האט געהאלטן אויף א בינע, צי ביי א טישל אויף טלאמאצקע 13, אין קאפע „ראיאל“ אין ניו־יארק, אדער פון „מיינע זיבן יאר אין תל־אביב“, אדער גאר אין יידישן רעסטאראנדל נעבן „פארווערטס“. אבער וואס עס דארף אונטערגעשטראכן ווערן, איז ניט בלויז, אז מיטן אונטערגאנג פון יידיש פוילן איז ז. סעגאלאוויטש צעבראכן געווארן און מער קיין רו ניט געפונען, נאר אז ווי א דיכטער האט ער ביי זיין לעבן דערגרייכט, זיינע לידער און פאעמעס זאלן ווערן אייגן דער יידישער וועלט און באקומען אין די לעצטע פיינפולע יארן פון זיין לעבן די פארשטענדעניש פון דער יידישער קריטיק, די ווארעמע אפשאצונג פון דער יידישער שרייבער־וועלט. פאר סעגאלאוויטשן, וואס איז געווען „אייביק איינזאם“, איז דאס געווען דאס טייערסטע, אויב ניט דער חלום פון זיין שריפטשטעלער־לעבן. די יידישע ליטעראטור האט נאך באוויזן, ביים אנקום פון ז. סעגאלאוויטש פון תל־אביב קיין ניו־יארק, אים אנצוטון די פארדינטע קרוין.

י. ה.

יוסף מענדלסאן

בוענאס-איירעס

דריי — אין ישראל — וואס זיינען אוועק

די ליטעראטור און די דיכטונג פון מדינת ישראל האט אין די ערשטע חדשים פון ה'תש"ט געליטן דריי גרויסע פארלוסטן: צוויי אויפן געביט פון פאעזיע און איינעם אויפן געביט פון עסעי און ברייטפארנעמיקער מאנאגראפיע, א געביט וואס ווערט ווייניק קולטיווירט ביז איצט אין דער נייער העברעישער ליטעראטור.

משה קליינמאן — דער רעדאקטאר פון „העולם", דער מאנאגראפיסט פון א גאנצער ציוניסטישער ביבליאטעק און דער טיפער אנאליטיקער און פארשער פון דער השכלה-עפאכע און פון דעם באכגעקומענעם דור ליטעראטן און פובליציסטן. י. קרני — דער קרעפטיקער דיכטער פון נייעם ארץ-ישראל. און אלישבע — די דיכטערין און ראמאניסטין, די מאדערנע רות, וואס האט פארלאזט איר פאלק, די אומענדלעכע „מוטער דוסלאנד", איר רייכע ליטעראטור (וואס האט אזויפיל רייכקייט אין עבר און אזא ארעמקייט אין דער קעגנווארט), פארלאזט אלץ, כדי צו באהעפטן זיך מיט א פרעמד פאלק, מיט א פרעמדן גאט, מיט א פרעמדער שפראך, העברעיש, און זיך אזוי אידענטיפיצירט מיט דעם נייעם וווּנדערלעכן פילן, לעבן און שאפן אין ארץ-ישראל און אין ישראל, אז זי איז געווארן ווי „איינע פון אונדזער פאלק".

דריי גרויסע פארלוסטן, אין א צייט פון געציילטע וואכן איז צופיל אפילו פאר מדינת ישראל, ווו עס האבן זיך קאנצענטרירט א סך קינסטלערישע, אינטעלעקטועלע, שעפערישע כוחות פון אלע יידישע ישובים פון גאר דער וועלט.

משה קליינמאן

ווי א פובליציסט, רעדאקטאר און פארלעגער פון ציוניסטישע אויסגאבעס אין יידיש (אין אוקראינע און גאליציע) און אין העברעיש, איינציייטיק כמעט, איז משה קליינמאן געווען א פיאנער אויף דעם געביט, א פיאנער וואס איז נישט איבערגעשטיגן געווארן פון קיינעם, כמעט ביז די גאר-לעצטע יארן. זיין זשורנאליסטישע און פובליציסטישע טעטיקייט אין אונדזערעביידע שפראכן (אין יידיש ביז 1921, ווען ער האט צוזאמען מיט ביאליקן און א גרופע העברעישע שרייבער און דיכטער פארלאזט ראטנפארבאנד און באזעצט זיך אין ישראל) וועט זיין א שווערע און לאנגע אויפגאבע פאר דעם קינפטיקן ביבליאגראף צו פארשן און זאמלען.

עס איז קיין חידוש נישט: משה קליינמאן האט מיט זיין ארבעט ארומגענומען א גאנצן דור: אן אוקראינער א געבוירענער, א בר-מצווה בחורל אין דער צייט פון די בילו'ער און פון די פאגראמען אין רוסלאנד, האט ער גאר יונג אנגעהויבן זיין איבערגעגעבענע זשורנא-

ליסטישע און פאַרלעגערישע טעטיקייט, געווידמעט חיבת־ציון און דערנאָך דעם פּאָליטישן ציוניזם. די עטאַפּן פון זײַן אַנטוויקלונג: באַרדיטשעוו, לעמבערג, ווידער רופלאַנד, מאָסקווע, אָדעס, בערלין, תל־אביב און ירושלים. פון דעם נאַיוון פּסעוודאָנים אין יידיש „מקל" ביז צום שאַרפן רעצענזענט אין „העולם" אונטערן פּסעוודאָנים „קורא ותיק" — איז ווײַט דער מהלך. אָבער נאָך ווײַטער איז די דיסטאַנץ אין אַנטוויקלונג צווישן משה קליינמאַן דעם פאַרלעגער פון „עזרא" אין בערדיטשעוו און רעדאַקטאָר פון לעמבערגער „טאַגעבלאַט" ביז משה קליינמאַן דעם רעדאַקטאָר פון „העולם", דעם מחבר פון דער גרינטלעכער פּובליציסטיק אין זײַן בוך „בהתעורר עם" און דעם מחבר פון דער טיפזיניקער, מערקווירדיק־שיינער און ביז גאָר אַנאַליטישער עסעיִסטיק אין זײַן בוך „דמויות וקומות". און פון זיי ביז זײַן ביבליאָטעק פון ציוניסטישע מאָנאָגראַפיעס (וועגן הערצלען, ווייצמאַנען און אַנדערע) איז דער אַנטוויקלונג־וועג, דער פאַרטיפונג־וועג און דער וועג פון פערפעקציאָנירונג אין פאָרם, אין שפּראַך, אין אַלזײַטיקער גרינטלעכקייט — נאָך ווײַטער. און דעם וועג האָט משה קליינמאַן דורכגעמאַכט אומאיבערגעריסן און זיין אַנטוויקלונג אין קאָנסטאַנטן פאַרפולקאָמען זיך.

ער האָט פאַרנומען אַ גאַנצן דור, וואָס איז אייגנטלעך צוויי דורות — זײַן אָנהייב איז אויפן שוועל פון די בילו'ער; זײַן סוף — אין ירושלים, אין דעם יאָר ווען הערצלס טרוים איז געוואָרן אויס לעגענדע.

ער האָט זוכה־געווען צו זײַן דער וואָס האָט ווי אַ שריפטשטעלער מיטגעמאַכט דעם גאַנצן דור פון פּינסקערן, דורך הערצלען ביז בן־גוריונען און ווייצמאַנען.

יהודה קרני

זײַן פריצײַטיקער טויט האָט איבערגעראַשט, פּײַנלעך איבערגעראַשט, די יונגע מדינת ישראל, די אויפקומענדיקע אין קאַמף און בוי־נג. 63 יאָר אַלט געווען און געווען אין דעם קרעפטיקסטן פעריאָד פון זײַן שאַפונג.

וועגן ווײניק דיכטער וועט מען קענען זאָגן מיט אַזוי פיל רעכט און וואַראַפטיקײַט, ווי וועגן אים: „ער האָט געלעבט אין מיטן פון זײַן פאָלק". יהודה קרני האָט געלעבט ניט נאָר פיזיש און ניט נאָר שעפעריש אין ישראל און אין דער מדינת ישראל. ער האָט מיטגעמאַכט, אַ פולשטענדיק אידענטיפיצירטער מיט דעם, דעם גאַנצן פּראָצעס פון כ י ב ו ש ה א ר ץ און ב נ י ן ה מ ד י נ ה. ער האָט עס דורכגעמאַכט ווי אַ דיכטער־ליריקער און ווי אַ פעליעטאָניסט־ליריקער. יעדער נייער בנין אין ישראל איז פאַרן דיכטער קרני געווען אַ לירישע „חוויה", אַן איבערלעבונג ממש. גאָר ווײניק דיכטער פון זײַן דור האָבן זיך אַזוי אידענטיפיצירט מיט ארץ־ישראל ביזן פאַרוואַנדלען זי אין מדינת ישראל, ווי קרני.

פון פּינסק איז ער שוין אַ דיכטער געקומען. אין מדינת ישראל איז ער אָבער רײַף־געוואָרן ווי אַ גרויסער ליריקער און גלענצנדיקער פּײַן־שרײַבער־פעליעטאָניסט.

ניט לײַכט איז אים אָנגעקומען צו גע-

פינען זײַן אייגענע פּערזענלעכקייט. די השפעה פון די אבות פון דער מאָדערנער העברעיִשער דיכטונג, איבערהויפּט פון ביאַליקן, איז אַזוי שטאַרק, אַז אַ דיכטער קאָן ניט לײַכט פון איר זיך באַפרײַען. קרני האָט לאַנג זיך געראַנגלט מיט דער דאָזיקער השפעה, ביז ער האָט באַקומען זײַן אייגענע ליריש־דיכטערישע פּערזענלעכקייט, אַ פולשטענדיק אייגענע, אַ זעלבסטשטענדיקע, וואָס מען וועט בשום אופן נישט פאַרבײַטן אויף אַ צווייטער.

וועלכע זײַנען געווען די מאָטיוון פון יהודה קרנים מוזע?

צו ערשט מאָטיוון וועגן ייִדישע צרות און פּראָטעסט — די השפעה פון ביאַליקס צער און צאָרן-לידער איז בולט. נאָך דעם הייבט ער אָן זיך צו ווענדן צום ווײַטערן, צום עלטערן מקור: פיוט, צו פּאַרצײַטיקע סליחות.

אין ארץ־ישראל ווערט ער ביסלעכווײַז אַן אַנדערער. ער זינגט פון דעם לאַנד, אָט ווי עס איז פּרוכפּערדיק, צי טרוקן-וויסט, פלאַכלאַנד צי בערג, און פון דעם מענטש וואָס וווינט אויף דער ערד און איז אידענטיפיצירט מיט איר, כמעט „מחובר לקרקע", וועגן דער סימבאָליק און ראָמאַנטיק, וואָס שוועבט איבער ארץ־ישראל, איבער אירע בערג און טאָלן, עלטערן און קינדער, טײַכן און ימען — דאָס אַלץ אין אַ דין־דינער, צאַרטער, לירישער מדרגה צווישן טרוים און רעאַליטעט — זײַנען די מאָטיוון און טעמעס פון קרנים דיכטונג.

דער פּאָליעסיער דיכטער יהודה וואָלאָוועלסקי, וואָס ווערט אין ארץ־ישראל דער העברעיִשער יהודה קרני, איז פון די ערשטע דיכטער וועמענס מוזע גייט איבער צו אַ ספרדישער מעטריקע און צו ארץ־ישראל־מאָטיוון. ארץ־ישראל, פאַרוואַנדלט אין מדינת ישראל, דורך יסורים פון בוייונג, דורך מי און אַרבעט, דורך איבעראַנדערשן זיך אַליין — דאָס איז, אין טויזנטער וואַריאַנטן, דער מאָטיוו פון זײַן דיכטונג; דאָס גיט זײַן פּאָעטישער פּערזענלעכקייט שטאַרקייט פון אויסדרוק, קלאַנג, בילד, און געפיל, זאַפטיקייט און האַרמאָנישקייט אין פערז.

און נאָך עפּעס, וואָס איז אפשר דאָס עיקרדיקסטע אין אים: קרני איז דער פּאָעט פון ירושלים, דער הייליקער און אייביקער. ער זעט ירושלים — און ירושלים דאַרף מען ק ע נ ע ן און פ אַ ר ש ט ײ ן ווי צו זען — ווי קיין אַנדער דיכטער אין אונדזערע צײַטן האָט זי געזען. קרני באַטראַכט זיך ווי אַן אַרויסגעקומענער פון די פעלדזיקע שטיין-בערג אירע, וואָס רויטלען זיך מיט אויפגאַנג פון דער זון, ווי פאַרשעמט פאַרן אָנקום פון דעם טאָג און בלוטיקן אין דער רויטקייט פון דער שקיעה, ווי אין פײַן, הלמאי די זון פאַרלאָזט אַזוי שנעל די נאַקעטע, פעלדזיקע וועלט אַרום ירושלים.

און די שפּראַך פון זײַנע ירושלים־לידער איז אויך ווי פון שטיין געהאַקט: האַרט, אָבער גערונצלט, ווי אָנגעגליט פון דער ברענענדיקער ארץ־ישראל־זון.

איך קאָן ניט אין דער העברעיִשער פּאָעזיע פון אונדזער צײַט אַזעלכע וווּנ־

דערלעבע שטאַרקע, אַזעלכע אייגנאַרטיקע, אַזעלכע פֿעלדזיקע לידער, וועגן ירושלים און וועגן ארץ־ישׂראלדיקע לאַנדשאַפֿטן, און וועגן די יסורים פֿון בויונג, ווי קרנים לידער אין זײַן בוך „בשעריך מולדת״.

פֿון די פּינסקער זומפּן ביז דער ירושלימער אייביקייט פֿון פֿעלדזן און שטאַרקייט פֿון שטיין — דאָס איז קרנים דיכטער־וועג.

אלישבע

ווי פֿאַרצײַטן רות, האָט זי געזאָגט — ניט צו איר שוויגער נעמי, נײַערט צום יידישן פֿאָלק, וואָס איז אויפֿגעשטאַנען צום לעבן אויף זײַן אייביקער ערד — „דײַן פֿאָלק איז מײַן פֿאָלק, דײַן גאָט איז מײַן גאָט״. זי, די רוסין, זשירקאָוואַ פֿון געבורט, פֿאַרלאָזט אין אַלע פּרטים די אומענדלעך־גרויסע רוסלאַנד און פֿאַרבײַט עס אויף דער קליינער יהודה, וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען אַ לאַנד וווּהין „באָרוועסע״ חלוצים האָבן זיך געצויגן פֿון אַלע עקן וועלט, כּדי פּרוכטבאַר צו מאַכן מיטן אייגענעם בלוט און פֿלייש דעם האַרטן שטיין־ אָדער זאַמד־באָדן.

וואָס האָט דער דאָזיקער רוסין פֿון דורות באַוואויגן צו פֿאַרבײַטן איר גרויס פֿאָלק, איר גרויס לאַנד, איר רײַכע ליטעראַטור אויף אונדזער באַשיידנקייט, אויף אונדזער פּראַנציסקאַנער אָרעמקייט, אָרעמקייט אין אַלע פּרטים?

ווען זשירקאָוואַ איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אלישבע, איז זי שוין געווען אַן אָנגעזעענע רוסישע דיכטערין; אַ שטילע, לירישע דיכטערין; אַ טאָכטער פֿון אירע גרויסע לערער־מייסטער אין ליריק: פֿעט, טיוטשעוו, מײַקאָוו און אַנד׳. אירע לידער־זאַמלונגען הייסן טאַקע „שטילע געזאַנגען״, „מינוטן קורצע״. דעם זעלביקן טאָן פֿון די שטיל־שטילע, קוים פֿליסטערנדיקער ליריק, זעצט זי פֿאָר שוין ווי אלישבע.

„כּוס קטנה״, „חרוזים״ זײַנען לידער שטילע, וואָס עמאָציאָנירן, אָבער פֿלאַקערן ניט אויף. די דיכטערין, וואָס וואָלט געוויס געווען גרויס אין איר מוטערשפּראַך רוסיש, האָט געבראַכט דעם גרעסטן קרבן צו דער העברעיִשער שפּראַך, אפֿשר אַ גרויסן טייל פֿון דעם כּוח פֿון איר מוזע, ווײַל דער שפּראַכן־איבערגעבורט איז אַזאַ פּראָצעס וואָס לאָזט אַ צייכן אויף לעבן־לאַנג און וואָס שוואַכט אָפּ ביז גאָר.

אַ לירישע דיכטערין איז געווען די „מאָדערנע רות״, וואָס איר „בועז״ איז געווען ארץ־ישׂראל און העברעיִש... און אַ לירישע דערציילערין, אַ לירישע ראָמאַניסטין און אַ לערישע עסעיִסטין. אין דער פּראָזע איז אָבער איר ליריק אַ סך שטאַרקער, קרעפֿטיקער. „סימטאות״ (געסלעך) איז אַ שיינער און קרעפֿטיקער ראָמאַן; אַזעלכע דערציילונגען ווי „ליכטבענטשן״ פֿון דער גיורת אלישבע זײַנען ניט צום פֿאַרגעסן.

זי האָט זיך פֿאַרקנסט צום העברעיִשן שאַפֿן און איר פּראָזע און דיכטונג געהערן שוין צו די „נכסי ציון ברזל״ פֿון דער העברעיִשער ליטעראַטור.

װעגן

דער יזכור פאַרן געטאָ

„6 ליכט זאָלט איר הײַנט אָנצינדן לזכר די 6 מיליאָן אין יעדער ייִדישער שטוב, 20 אַ זייגער (8 אין אָוונט), און אוועקשטעלן זאָלט איר די ליכט אויפֿן אָנגעזעענסטן אָרט, אויב מעגלעך בײַם פֿענצטער, צו דער גאַס, צום אָנדענק פֿון אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ — פֿאַר קידוש־השם, ווי עס איז פֿאָרגעלייגט געוואָרן אויפֿן צוזאַמענפֿאָר פֿון אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס".

דער דאָזיקער רוף פֿון אַרגענטינער אָפּטייל (מאָנטיק דעם 18טן אַפּריל 1949) איז אויפֿגענומען געוואָרן פֿון מאַסן ייִדן אין אַרגענטינע ווי אַ געבאָט. צײַטונגען האָבן דורך לייטאַרטיקלען און אַרטיקלען גערופֿן מקיים־צו־זײַן. און טויזנטער ייִדישע היימען האָבן מקיים־געווען. ווי אַ יאָרצײַט פֿון די מאַמע אייגענע, פֿון די נאָענטסטע און טײַערסטע. ווי אַ הייליקער חוב. ווער עס האָט בײַם אָנצינדן די 6 ליכט פֿאַרגאָסן הייסע טרערן און ווער עס האָט פֿאַרן הויזגעזינט, פֿון אַ ספֿר אָדער בוך, אַרויסגעלייענט צער און תּפֿילה, טרייסט און בטחון — פֿאַר דער אייביקייט פֿון די 6.000.000, פֿאַר נצח ישׂראל. ייִדישע היימען האָבן מיט אַ מאָל דערשפּירט אַ נייעם, רירנדיקן מנהג, וואָס דערמאָנט איינעם פֿון די טראַגישסטע און העראָישסטע קאַפּיטלען אינעם לעבן פֿון ייִדישן פֿאָלק. שוין לאַנג האָט מען געזוכט אַן אויסדרוק פֿאַר דעם געטאָ־יזכור און נישט געפֿונען. די פּרוּוון אַרײַנצופֿירן דעם יזכור אין דער סדר־נאַכט האָבן זיך ניט אַרײַנגעפּאַסט. אַ יזכור נעבן יום־טובֿדיקן נאַכטמאָל? ווי־דער די עפֿנטלעכע דעמאָנסטראַציעס? ס'רוב זײַנען זיי רוטינערע מיטינגען געוואָרן. איז די ריכטיקסטע פֿאָרעם — דער יזכור אין שטוב. אינטים. ווי אַ יאָרצײַט נאָך 6.000.000 אייגענע. אַז אויך די קינדער זאָלן איבערלעבן. אַז אויך פֿרעמדע זאָלן זען און פֿרעגן. און מיר זאָלן מיט פֿאַרקלעמטע הערצער דאַרפֿן געבן תּשובֿה קעגן די 6 צאַנקענדיקע ליכט.

●

בוענאָס־אײַרעס מיטן קהילה־שם

די בוענאָס־אײַרעסער „חברה קדישא" — וועלכע פֿלעגט אין אויסלאַנד אָפּשרעקן מיט איר נאָמען, אָבער גלײַכצײַטיק אַרויסרופֿן אַנטציקונג פֿאַר איר סובסידירן מיט דער ברייטער האַנט אַלע ייִדישע שולן אָן אונטערשייד, ווי אויך אַלע וויכטיקע קולטור־אַרבעטן, אַחוץ דער הילף פֿאַר אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען און פֿילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס — האָט מיט איר בײַטן

איר נאָמען און פּראָקלאַמירן זיך ווי אַ קהילה פאַקטיש לעגאַליזירט, אַזוי צו זאָגן, איר לאַנגיאָריקע אַרבעט, אַ דאַנק וועלכער זי האָט געוווּנען די אָנערקענונג פון רוב מנין און רוב בנין פון דער ייִדישער געזעלשאַפט ווי פון דער פאָלקסמאַסע.

די דיסקוסיעס, צי אַ פאַרוואַלטונג מעג יאָ אָדער טאָר נישט איינע אַליין פּראָקלאַמירן אַן אינסטיטוציע מיט אַן אַנדערן נאָמען, וואָס פאַרשאַפט איר נישט קיין חרפּה, נאָר שרײַבט איר צו, להיפּוך, אַ סך נײַע התחייבותן, וועלכע ס'איז נישט אַלע מאָל לײַכט אַנטקעגנצוקומען, געהערט צו דער פּילפּוליסטיק, וואָס קען נאָר העלפן פּאָפּולאַריזירן דעם וויכטיקן געדאַנק. פּונקט ווי עס שאַדט איר גאָר נישט, וואָס עס שאַפן זיך חילוקי־דעות, צי דאַרף די קהילה יאָ אָדער נישט אָנקומען צו אייגענע קאַמפּײַנען אָדער באַקומען אַ חלק פון אַנדערע אַקציעס. דאָס אַלץ מאַכט בלויז נאָענטער דעם עיקר־געדאַנק.

און דער עיקר־געדאַנק איז דער: ווו עס וווינען ייִדן, אַ סך צי ווייניק, מוז זײַן איין אַלגעמיינע קערפּערשאַפט, וווּ אַלע זאָלן מחויב זײַן אַרײַנצוברענגען זייער אחריות און זייער התחייבות, כדי די קהילה זאָל זיי קענען צעטיילן, ווי עס באַדאַרף צו זײַן — פאַר דער שטאַרקונג פון דעם ייִדישן לעבן אויף אַלע פעלדער פון אונדזער שאַפן און זײַן!

●

צענטראַלע ביבליאָטעק און אַרכיוו פון ייִוואָ 1949—1939

דער 10 יאָריקער יוביליי פון דער צענטראַלער ביבליאָטעק און אַרכיוו פון ייִוואָ אין אַרגענטינע באַצייכנט אַ פּיאָנערן־וועג צו ייִדישער פאָרשונג אין דער לאַטײַנישער אַמעריקע. מיט דעם בײַשפּיל וועט בוענאָס־אײַרעס מסתמא באַווייזן, אַז אויך אין די אַנדערע גרעסערע צענטערס פון די שכנותדיקע לענדער, ווו עס געפינט זיך נאָר אַ הייפל אינטעליגענץ, זאָל אײַנגעשטעלט ווערן אַן אַרבעט אינעם גײַסט פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

ווען עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די גרינדונג פון דער צענטראַלער ביבליאָטעק און אַרכיוו אין בוענאָס־איירעס — דעם 18טן מאַרץ 1939 — איז דער אַרגענטינער אָפּטייל געווען בלויז אַן אַגענטור פאַר ייִוואָ־ביכער און קאַמפּײַנען, געפירט אין „אַ צימער בײַ יענעם", אַזוי אין לויף פון אַ יאָרצענדלינג. אין דעם צווייטן יאָרצענדלינג, צײַט עס איז געמאַכט געוואָרן די איניציאַטיוו פאַר דער צענטראַלער ביבליאָטעק און אַרכיוו, איז נישט בלויז געשאַפן געוואָרן אַ ביבליאָטעק פון העכער 15.000 עקזעמפּלאַרן — די גרעסטע ייִדישע ביבליאָטעק און בכלל די גרעסטע יודאַיִק־זאַמלונג אין דער לאַטײַנישער אַמעריקע — נישט בלויז אַ רײַכער אַרכיוו פון דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקײַט אין אַרגענטינע, דער אייאינציקער אין לאַנד, נישט בלויז אַ מוזיי מיט אַ היפּשער צאָל קונסט-

בילדער, סקולפּטורן און חפצים, נישט בלויז אַ גרויסע הײם פון אַ רײ גרויסע זאַלן און צימערן, וואָס די בוענאָס־אײַ־רעסער קהילה האָט ספּעציעל אויפגע־בויט פאַר דעם צוועק אין איר בנין, נאָר דער ייִוואָ האָט אויך אין דעם יאָר־צענדלינג באַוויזן אַרויסצוגעבן אַ צענד־לינג ביכער און זאַמלביכער, צווישן זיי אַ רײ פאָרשונגען אויף דער באַזע פון מאַטעריאַלן, וואָס דער ייִוואָ אַליין האָט באַוויזן צונויפצוזאַמלען, אויף פאַרשיי־דענע געביטן פון אונדזער לעבן און שאַפן, ווי אויך אײַנשטעלן סטיפּענדיעס און פּרעמיעס פאַרן אויספאָרשן דער־שײַנונגען אינעם ייִדישן לעבן דורך זײַ־נע פאַרשיידנאַרטיקע אויסדרוקן.

דער 10־יאָריקער יובילײ פון דער צענטראַלער ביבליאָטעק און אַרכיוו פון ייִוואָ אין אַרגענטינע באַצייכנט אַן עטאַפּ פאַר דער הייבונג פון ייִדישן קול־טור־ניוואָ, צו אינטעלעקטועלער רײַפ־קײַט און פאָרשונג.

●

15 יאָר „צווישאָ"

אַז די „צענטראַלע ייִדיש־וועלטלעכע שול־אָרגאַניזאַ־ציע" („צווישאָ") האָט צום 15טן יאָר פון איר עקזיסטענץ צו באַ־וויזן אַ שול פון 1800 תלמידים — די גרעסטע ייִדישע שול אין אַמעריקע — אײַנגעאָרדנט אין אַ בנין, וואָס מוז אַרויסרופן התפּעלות אַפילו בײַ די אַר־גענטינער, נישט בלויז בײַ ייִדן, איז דאָס אַליין שוין גענוג, צו אילוסטרירן די התל־להבות און אומגעהויערע אָנשטרענגונג, וואָס האָט געפירט אירע טוער, אינספּי־רירטע פון באַראַכאָוויזם, פון דערגריי־כונג צו דערגרייכונג.

די „שלום עליכם־שול" אין בוענאָס־אײַרעסער ווישאַ קרעספּאָ־געגנט האָט ענדגילטיק צעשלאָגן די אײַנרײדעניש, וואָס איז במשך פון לאַנגע יאָרן געווען אָנגענומען, אַז בלויז קלײנינקע קרײַזן זײַנען פאַראינטערעסירט אין דער ייִדי־שער שול (וואָס איז בײַ אונדז אַ צוגאָב־שול) אין דער ייִדישער שפּראַך, און אַז די ייִדישע שול איז פאַרמשפּט צו לעבן אין דלות, פאַרלייגט אויף די פּלייצעס פון לערער, אײַנגעהויקערט, אָנגעמושבט. גיט אַ קוק אויף אַ פּאַלאַץ! קרוב פופציק לערערס! אָנשטאָט איין לערער זאָל לער־נען אין איין צימערל מיט קינדער פון פאַרשיידענע עלטערס און גראַדן — צו עטלעכע גראַדן פאַר תלמידים פון די זעלביקע קענטעניש, מיט סדרונג, מיט פאַרכאַפּנדיקער אויסערלעכער שיינקײַט, צו יעדער שעה — אַ מאָטיוו פאַר גרוי־סער דעמאָנסטראַציע פאַר ייִדן און ניט־ייִדן.

די „שלום עליכם־שול" האָט שטאַרק אַ הייב־געטון די השגה פון דער ייִדישער געזעלשאַפט פאַר דעם חוב צום חינוך, בײַ יחידים ווי בײַ אינסטיטוציעס, און די וויכטיקײַט פון ייִדישער קולטור איז גע־שטיגן אויך אין די אויגן פון די, וועלכע האָבן ביז דעמאָלט בלויז געהאַלטן הויך די אַרבעט פון די פילאַנטראָפּישע אינס־טיטוציעס.

און עס איז דערפרייענדיק, וואָס נאָכן פאַרזיכערן די פּאָזיציע פון דער „שלום עליכם־שול" האָט די „צווישאָ" זיך פאַר־

נומען צו שאַפֿן מיט דער זעלביקער השגה אַ זומער־קאָלאָניע, אַ זומערדיקע קינדער־רעפובליק.

●

ביבליאָטעקן ביי ייִד׳ שולן

די „געזעלשאַפֿט פֿאַר ייִדיש־וועלטלעכע שולן" — וועלכע האָט די ערשטע אַריינגעבראַכט דעם נייַעם, גרויסן שוווּנג אין דער ייִדישער דערציִונג אין אַרגענטינע, ראשית־כל מיטן איינשטעלן דעם קינדער־גאָרטן, וואָס איז געוואָרן אַ מוסטער און אַ וועגווייַזער פֿאַר אַנדערע, וועלכע האָבן נאָכגעטון דעם בייַשפּיל — האָט אין 1949 אין איר „י. ל. פּרץ־שול" דערעפֿנט אַ ביבליאָטעק פֿאַר די מיטגלידער און עלטערן פֿון די תּלמידים, וואָס איז אייגנטלעך אַן איניציאַטיוו צו פֿאַרשטאַרקן די סביבה, אויף וועלכער די שול שטיצט זיך. די ביבליאָטעק, געשאַפֿן אויפֿן נאָמען פֿון פּריצייטיק־פֿאַרשטאָרבענעם שלמה מענדלסאָן, וועלכער איז געווען מדריך פֿון די ייִדיש־וועלטלעכע שולן אין פּוילן, איז איינע פֿון די אַרבעטן, וואָס צילן אויסצוברייטערן דעם האָריזאָנט אין דער קולטור־געזעלשאַפֿט.

יאָרן און יאָרן, אַז מען האַלט אין איין ריידן וועגן שליסן ייִדישע ביבליאָטעקן, סייַ אין דער גרויסשטאָט, סייַ אויף דער פּראָווינץ. ביבליאָטעקן מיט קלינגענדיקע נעמען האָבן פֿאַרשלאָסן זייערע טירן. און דאָ קומט אַ שול און עפֿנט דווקא אַ ביבליאָטעק (אחוץ פֿאַר די תּלמידים) גאָר פֿאַר די דערוואַקסענע, מיט ברייטע מיטלען, וואָס עס האָבן צוגעשטעלט פֿרייַנד, שול־בויער! אָט־אָ־דאָס איז אַ דערשייַנונג, וואָס דאַרף דערמאָנען די ייִדישע שולן אומעטום. די שולן מוזן זייַן די ערשטע פֿאַראינטערעסירטע, זיי זאָלן האָבן אַרום זיך ביבליאָטעקן און דער עולם זאָל לייענען, בפֿרט נאָך דאָרטן, ווו די אייגנטלעכע טוער פֿון די געוועזענע אָדער פֿאַראַנענע ביבליאָטעקן זייַנען אָפּגעשוואַכט געוואָרן אין זייער געמיט און מוט.

די „געזעלשאַפֿט פֿאַר ייִדיש־וועלטלעכע שולן" האָט זיך אַרויסגעהויבן מיט איר פּיאָנערישקייַט אויף פֿאַרשיידענע געביטן פֿון שול און קולטור. זי האָט די ערשטע אייַנגעבויערט דעם געדאַנק פֿון שאַפֿן גרויסע, צענטראַלע שולן, וועלכע זאָלן אַרומנעמען קינדער פֿון דער גאַנצער שטאָט, און דאָס האָט איר געפֿירט צום אויפֿהייבן דעם פּרעכטיקן בנין ווו עס לערנען אַרום 700 תּלמידים; זי האָט געשאַפֿן די ערשטע זומער־קאָלאָניע פֿאַר קינדער (נאָך אין 1935); זי האָט אַראָפּגעבראַכט אַן ערשטקלאַסיקן לעקטאָר (שמואל ניגער); זי האָט געשאַפֿן אַ פֿאָלקס־אוניווערסיטעט; און האַלט בייַם אַרויסגעבן אַזעלכע אויסגאַבעס, וואָס זאָלן הייבן דעם געשמאַק פֿאַר ייִדישער ליטעראַטור, ווי פֿאַר קונסט בכלל. דאָס שאַפֿן אַ ביבליאָטעק, גלייַך פֿון אָנהייב אין אַ גרעסערן פֿאַרנעם, איז דערייבער אַן איניציאַטיוו, וואָס דאַרף רופֿן אַלע שולן צו דערפֿולן זייער חוב.

●

יידיש-העברעיִשע שולן מיט גרעסערע השגות

די „אָרגאַניזאַציע פון יידיש-העברעיִשע שולן און תלמוד-תורהס", וואָס נעמט אַרום קרוב פופציק אַנשטאַלטן פון בוענאָס-איירעס און אומגעגנט, פאַרנעמט זיך אַלץ מער אויף די וועגן פון גרעסערע השגות אין חינוך. די דאָזיקע טיפּן שולן, וועלכע זיינען די עלטסטע אין אַרגענטינע, זיינען פון 1934 אַריבערגעשטיגן געוואָרן פון די וועלטלעכע שולן. זיי זיינען טאָקע, די וועלטלעכע שולן אין בוענאָס-איירעס, נישט מער ווי עטלעכע, אָבער בלויז צוויי פון זיי האָבן מערער תלמידים ווי אַנדערע צענדליגער קליינע אַנשטאַלטן, וועלכע לעבן אין דחקות, אין פרעמדע, ענגע דירות, אָדער צוגעטוליעטע צו בתי-מדרשים, וווּ עס זיינען נישטאָ די נייטיקע תנאים, צו קענען צוציִען קינדער און עלטערן.

די מאָדערנע יידיש-העברעיִשע שולן — בעיקר די „ח. נ. ביאַליק-שול" פון ווילאַ-קרעספּאָ און דערנאָך די שול וואָס האָט אָנגענומען דעם נאָמען „תל-אביב" — האָבן אַ שטויס-געטון די אַנדערע, זיי זאָלן זיך צופּאַסן צו די נייע פאָדערונגען: צוגיין מיט אַ גרעסערער השגה צום חינוך און אויסערלעך ווי אינערלעך זיך פאַרמעסטן אויף גרעסערע רעזולטאַטן! וואָרן עס איז שוין קלאָר פאַר אַלעמען: וואָס גרעסער די שול איז, אַלץ לייכטער איז איר וועג; און וואָס קלענער זי איז, אַלץ שווערער איז איר לעבן. די גרעסטע יידישע שולן אין בוענאָס-איירעס זיינען איבערגעפּולט און עס פעלן דאָרטן אויס פּלעצער, בעת אין אַ ריי קליינע שולן פעלן אויס תלמידים.

עס איז דערפאַר אַ געזונטע דערשיינונג, וואָס די „אָרגאַניזאַציע פון יידיש-העברעיִשע שולן און תלמוד-תורהס" האָט געהאַלטן פאַר וויכטיק, צו שיקן ספּעציעל אַ דעלעגאַציע קיין ישראל, צו באַקענען זיך מיט די נייסטע שול-סיסטעמען און דערציִערישע איינשטעלונגען. ווי אַנדערש עס זיינען אונדזערע באַדינגונגען אין אַמעריקע, איז נייטיק צו לערנען ביי גרעסערע און בעסערע, בפרט נאָך ביי די גרעסטע און בעסטע.

עס איז דערפאַר בפירוש אַ שיינער אָנזאָג, וואָס עס איז דערעפנט געוואָרן פון דער דאָזיקער נאַציאָנאַלער שול-אָרגאַניזאַציע (שוין אין די וואַקאַציע-חדשים פון 1948-1949) אַ קינדער-קאָלאָניע, תחילת אַ קליינע, אָבער — מיט דער צייט וואַקסן השגות, אַבי מען גייט נאָר אויף דעם ריכטיקן וועג.

און איינע פון די פּרינציפּאַלע אויפגאַבן אויף דעם וועג וואָלט באַדאַרפט זיין — אַז די „ביאַליק-שול" אין בוענאָס-איירעס זאָל ענדגילטיק פאַרענדיקן איר בנין, וואָס וועט זיכער אַנדערע רופן צו שטייגן אין פאַרנעם.

●

„דאָס פּוילישע יידנטום" אויף אַרגענטינער באָדן

די פינף און פערציק בענד פון דער ביכער-סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום", וואָס דער צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענ-

טינע האָט באַוויזן אַרויסצוגעבן במשך פון דריי יאָר (1946-1949) אַ דאַנק דער השגה פון מאַרק טורקאָוו און אברהם מיטלבערג, זיינען עדות, אַז דער באָדן פון בוענאָס־איירעס קען אויסהאַלטן פאַרמעסטונגען, וואָס שטייגן ווייט אַריבער זיינע רעאַלע מעגלעכקייטן. אַבי עס געפינען זיך נאָר עטלעכע פעיִקע, אַקטיווע און געיִואָגטע מענטשן, וואָס זיינען גרייט זיך איינצושטעלן, קענען דערגרייכט ווערן זאַכן, וועלכע מ׳קען באַטראַכטן — צום שטוינען, שיער נישט ווי ווונדער. די 45 בענד, וואָס אין זייער דערשיינען האָבן בלי שום ספק דעם גרעסטן חלק בלויז צוויי מענטשן, מאַרק טורקאָוו (רעדאַקטאָר) און אברהם מיטלבערג (פאַרוואַלטער), סטימולירט און ברייטהאַרציק געשטיצט פון די אָנגעזעענסטע יידישע שרייבער אין אַרגענטינע אין אַזאַ מאָס, ווי דאָס ווערט אין קיין שום אַנדערן ישוב נישט געשטיצט און ניט סטימולירט, מעגן אַרויסרופן קנאה אין דער גרויסער אַמעריקע. די 98.700 עקזעמפּליאַרן, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן, און די 61.000 פאַרשפּרייטע ביכער זיינען נישט דאָס וויכטיקסטע אין דעם אויפטו, פונקט ווי עס ווישט נישט אָפּ די באַדייטונג, וואָס מ׳קען פּפלען אַזאַ אָדער אַנדער בוך, אַז עס וואָלט נישט באַדאַרפט אַריין אין דער סעריע. גענוג אָנצורופן מרדכי שטריגלערס מאָנומענטאַל ווערק „מיידאַנעק", אַז די ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום" זאָל באַטראַכט ווערן ווי זייער אַ גרויסער ביישטייער פאַר דער יידישער ליטעראַטור איבער חורבן פּוילן און זיין אומפאַרגעסלעכן קאַפּיטל פון ליידן, גבורה און קדושה.

זוכצעטל

	זײַט
אינאײנעם — — — — — — — —	3

א. לידער און פּאָעמעס

משה קויפמאַן:

ליד פון מײַן ייִדישן דור — — —	7

משה דוד גיסער:

נמרוד — — — — — — —	19
יעקבס קינדער — — — — —	20
שמעון און לוי — — — — —	21
דאָס פאַרשפּראָכענע לאַנד —	23
גושן — — — — — — —	25
שבט אפרים — — — — — —	26

יצחק בלומשטיין:

א הימן מײַן מוטערלאַנד, פּוילן	27
אונטערן צלם — — — — —	29
דאָס ליד פון די צוויי מזבחות	31
שליחות — — — — — — —	32

א. י. זאַקוסקי:

אלץ — — — — — — — —	33
קריסטן — — — — — — —	36
גורל — — — — — — — —	36
קום — — — — — — — —	37
א פּשוט לידל — — — — — —	37
האָב ליב — — — — — — —	38
לעבן קינדער — — — — — —	39
ער — — — — — — — —	41
שפע — — — — — — — —	42
התרוממות — — — — — —	43
ווער קאָן זיי דען פאַרשטיין די דרכים דײַנע — — — — —	44

שרה בירנבוים:

א בינטל זשאַסמין — — — —	47
א לידער־קראַנץ — — — — —	48
פּאָר זון-אויפגאַנג — — — —	48
די וואַנדער־מאַמע — — — —	48

	זײַט

פּיניע פּאַלאַטניק:

גערעניק — — — — — — —	49
זע — — — — — — — — —	52
כ׳בלײַב שטיין — — — — —	53

ב. נאָוועלן

פּנחס ביזבערג:

שיִעלע מלמד פּאַרט קײַן אַר־גענטינע — — — — — —	57

נחמן מיזשעריצקי:

בײַם ברעג פון מאַלדאָנאַדאָ —	73

שמואל ראָזשאַנסקי:

איבערקערעניש — — — — —	93

ג. דראַמע

זלמן וואַסערצוג:

די פאַרשוועכטע ירושה — — —	119

ד. ישראל אין ליד

פון העברעיִש: שמואל צעסלער

א. שלאָנסקי: א נדר — — — —	173
יצחק למדן: איצט — — — — —	174
יעקב פיכמאַן: יצחק קאַצענעלסאָן	176
שמשון מעלצער: ווײַל געווינט זײַנען מיר שוין צו זען — —	177
ש. שלום: קולות אין דער נאַכט	178
ד. שמעונאָוויטש: אויף באַרג אפרים אין יקנעם — — —	180
משה טאַבענקין: א הייסע נאַכט	182
אלישבע: בײַם ברעג פון ים כנרת	183
נתן אלטערמאַן: דער שײַטער —	184

ה. פּראָבלעמען

י. האָרן:

אין אונדזער סביבה — — — —	187

זייט

אליהו ליפינער:
מחשבות וועגן דעם גורל פון יידן און יידישקייט אין בראזיל — — — — — — 195

יצחק איסאקסאן:
די השפעה פון תנ"ך אויפן ענגלישן פאלק — — — — 205

ו. פון רעפעראטן

יונה גאראדיסקי:
וועגן אונדזער ביבליאטעק־וועזן 213

זלמן הירשפעלד:
יידיש טעאטער און זיין גורל 217

ז. פון קולטור־קאנגרעס

רעזאלוציעס, אנגענומענע אויף דער ערשטער ארגענטינער יידישער קולטור־קאנפערענץ — — — — 229

ח. יובילארן

מ. ק.: ה. לייוויק — — — — — 237
י. ה.: א. גלאנץ־לעיעלעס — — — 238

זייט

ש. ר.: ד"ר י. נ. שטיינבערג — 240
ש. ר.: א. ל. שוסהיים — — — — 242
ש. ר.: רודאלף ראקער — — — — 243

ט. אוועקגעגאנגענע

ש. ר.: מנחם בארײשא — — — — 247
י. ה.: ז. סעגאלאוויטש — — — — 248

יוסף מענדלסאן:
דריי — אין ישראל — וואס זיינען אוועק — — — — — 251

י. וועגן

דער יזכור פארן געטא — — — — 257
בוענאס־אײרעס מיטן קהילה־שם 257
צענטראלע ביבליאטעק און ארכיוו פון ייווא 1949-1939 — — 258
15 יאר „צווישא" — — — — — 259
ביבליאטעקן ביי ייד' שולן — — 260
יידיש־העברעישע שולן מיט גרע־סערע השגות — — — — — — 261
„דאס פוילישע יידנטום" אויף אר־גענטינער באדן — — — — — 261

רעדאקציע־קאלעגיע: יוסף הארן, משה קויפמאן, שמואל ראזשאנסקי

די הילע האט געצייכנט: מאלער משה פײנגענבלום. — קארעקטור: א. י. זאקוסקי

Se terminó de imprimir el día 18 *de mayo de* 1949, *en los Talleres Gráficos Julio Kaufman, Corrientes* 1976, *Buenos Aires, República Argentina*